STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06410

# DI ERSHTE SHRIT FUN YISHEV ERETS YISROEL

Israel Belkind

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ישראל בלקינד.

ישראל בלקינד

# די ערשטע שריט
פון
# ישוב ארץ ישראל

ארויסגעגעבען פון
„המאיר“
פערלאג פיר ציוניסטישע ליטעראטור

Copyright, 1917,
By ISRAEL BELKIND
(All Rights Reserved.)

Saltzman's Press
42 Graham Ave.
14

מ י ט ב ר י ד ע ר ל י כ ע ר ל י ע ב ע
צו מיינע חברים, די ערשטע פיאָנירען פון ישוב ארץ ישראל, וועלכע שטעהען נאך פעסט און טריי אויף זייערע פאָסטען, און צום אַנדענקען פון יענע, וועלכע שלאפען זייער אייביגען שלאָף אין דעם הייליגען בא־דען, וועלכען זיי האָבען בעגאסען מיט זייער שוויים און גאַנץ אָפט מיט זייער בלוט.

# אינהאַלטס פערצייכניס:


| | זייטע |
|---|---|
| פון די ארויסגעבער | 7 |
| פאַרוואָרט | 11 |
| די ערשטע קאָלאָניזאַציאָנס ארבייט אין ארץ ישראל | 15 |
| די גרינדונג פון ראשון לציון | 23 |
| די ערשטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון | 65 |
| די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון | 83 |
| ב'י'ל'ו' | 127 |
| די קאָלאָניע גדרה | 165 |
| פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון | 195 |
| אמעריקא און ארץ ישראל | 211 |
| איז די געפאהר פון קולטור־צענטער־ציוניזם ווירקליך א געפאהר? | 233 |


## בילדער:


| | |
|---|---|
| דאָס בילד פון ישראל בעלקינד | 1 |
| מקוה ישראל | 18 |
| נעטער'ס מצבה אין מקוה ישראל | 19 |
| א גרופע שילער פון מקוה ישראל | 21 |
| יפו | 26 |
| דער באַראָן ראטהשילד | 50 |
| איינע פון די גאסען אין ראשון לציון | 58 |
| ראשון לציון | 62 |
| דער אָרקעסטער אין ראשון לציון | 94 |
| דער ברונען, דאס באַד, דיא מיהל אין גדרה | 185 |
| גדרה | 193 |
| פתח תקוה | 199 |
| ראש פנה | 202 |
| הר הכרמל אצל חופה | 204 |
| זכרון יעקב | 205 |
| יסוד המעלה | 206 |
| עקרון | 209 |

# פון די אַרויסגעבער

די אידישע געשיכטע איז געשריבען מיט בלוט און מיט טרעהרען, איהרע העלדען זיינען כמעט אַלע מאַרטירער, איהרע געשעהעניסען און פאַסירונגען זיינען כמעט אַלע טראַגעדיען.

און לאַנג, לאַנג מוז מען ארומזוכען אין דער אידישער געשיכטע ביז מען דערזעהט ערגעץ וואו א זונען־שטראַהל. אונזער פערגאַנגענהייט איז באַדעקט מיט שווערע, שוואַרצע וואָלקענס.

און עס פאַלט איינעם נישט ווילענדיג אויף: ווער האָט געמאַכט אונזער געשיכטע, ווער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר אונזער פערגאַנגענהייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ קוואַל פון בלוט און טרעהרען.

אודאי, נישט מיר זיינען אין דעם שולדיג. מיר האָבען אין דעם קיין אַקטיווען אַנטהייל ניט גענומען, מיר זיינען נאָר געווען די ליידענדע. מיר האָבען געשאַפען אַ סך גייסטיגעס פאַרמעגען, געזאַמעלט קולטורעלע אוצרות; אָבער אונזערע פּראַקטישע, פּאָליטישע געשיכטע איז געשאַפען געוואָרען פון אַנדערע און דערפאַר זעהט זי אויך אויס אַזוי צרה׳דיג.

אָבער אין דער קייט פון די צרות און ענוים, וואָס פילען אויס אונזערע דברי־הימים, געפינען זיך אויך אייניגע, זעהר וועניגע, גאָלד־רינגען וואָס וואַרפען אַ העלען שיין אויף די פינסטערקייט ארום זיי. דאָס זיינען די פּעריאָדען פון אַקטיווער פּאָליטישער טהעטיגקייט: משה רבנו איז געווען דער העלד פון דער ערשטער אזעלכער פּעריאָדע, יהודה המכבי און זיינע ברידער זיינען אויך געווען די העלדען פון זייער עפּאָכע און איך ווייס נאָך אייניגע שטערען, וואָס זיינען ערשיענען אויפ׳ן פינסטערען פּאָליטישען הימעל און האָבען מיט זייער שיינען פאַרטגעזעצט דעם גלאַנץ,

וואס פריהערע האבען פאר אונז געשאפען. אט די שטערען זיינען פאר מיר די ״בילו׳צעס״, און זייער טעטיגקייט איז איינע פון די בעסטע קאַ־פיטעל אין אונזער געשיכטע.

עס זיינען ביי אונז געווען פיעלע העלדען, עס זיינען ביי אונז געווען מענשען, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסע און זשעניאלע פע־היגקייטען און האבען איינגעשטעלט אלעס אין קאן פאר דער אידישער נאציאן, זיי האבען אלעס מקריב געווען פאר׳ן קיום היהדות, אבער דאס אלעס האבען זיי געטאן דעפענסיוו ; ווען מען האט געשטורמט דעם אידישען לאגער, האבען זיי איהם פארטיידיגט. די בילו׳צעס״ אבער, האבען „ערגריפען די אפענסיווע״; זיי זיינען ארויס אין מלחמה. אין א הערליכע, הייליגע מלחמה, מלחמת העבודה, זיי זיינען געגאנגען איינצונעה־מען דאס אידישע לאנד דורך ארבייט.

און עס האט זיך זיי איינגעגעבען צו שאפען אן אבן פנה, א יסוד פאר דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל. זיי האבען געשאפען דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל. דאס איז א קאפיטעל און דאס בעסטע קאפיטעל אין דער אידישער געשיכטע. קאפיטעל מיט וועלכען עס פאנגט זיך אן א גאנץ נייע עפאכע אינ׳ם אידישען לעבען.

און דער אנפאנג פון אט דער געשיכטע פעריאדע ווערט געשילדערט אינ׳ם פארליגענדען בוך. עס איז נישט א געשיכטע פון דעם, וואס איז א מאל געווען. עס איז א שילדערונג פון די געבורטס־וועהען פון דאס וואס איז נאר וואס געבוירען געווארען און וואס האלט אין וואקסען. עס זיינען אין אט דעם בוך צוזאמענגענומען דעם צוריק־בליק אויף די נאהענסטע פערגאנגענהייט מיט דעם ווייטערוובליק אויף די נעקסטע צוקונפט. עס איז א קאפיטעל געשיכטע, וואס קען אילוסטרירט ווערען מיט איצט לעבעדיגע פאקטען, מיט געבויטע הייזער, מיט געפלאנצטע גערטענער, מיט גאנצע קאלאניעס. עס איז די איינציגע געשיכטס־פעריא־דע, צו וועלכער מען קען געבען אזעלכע אילוסטראציעס.

און נון א פאר ווערטער וועגען דעם פערפאסער פון׳ם בוך.

עס איז פאַרהאַן ביי אידען אַ קלוג וואָרט : „פרעג ניט דעם רופא, פרעג דעם חולה". אַט דאָס וואָרט קען מיט פאַלשטענדיגען רעכט אנגע־ווענדעט ווערען אויף'ן פערפאַסער פון'ם בוך. ישראל בעלקינד איז איי־נער פון די „בילו'צעס", יאַ, דער גרינדער פון „בילו" און אויך דער וואָס איז ביז אויף היינטיגען טאָג פאַרבליבען מיט'ן געדאַנק, אַז ארץ ישראל קען ערוואָרבען ווערען אין ארץ ישראל אַליין, איינער פון די זעהר ווענינע, וואָס שטעהט נאָך עד היום אויף זיין פאָסטען.

ווען אַן אַנדערער זאָל שרייבען די געשיכטע פון'ם נייעם ישוב, וואָלט ער געמוזט אַוועקגעבען דעם גרעסטען חלק פון זיין ארבייט פאַר דער בעשרייבונג פון ישראל בעלקינד'ס טעטיגקייט. ער איז אַליין דער חולה. ער איז אַליין דער, וואָס האָט מיטגעמאַכט אַלע שוועריגקייטען ביז ער האָט ענדליך דערזעהען אַ סמן טוב אין זיין ארבייט.

דער העלד פון דער געשיכטע פונ'ם נייעם ישוב אין ארץ ישראל שרייבט די געשיכטע פונ'ם נייעם ישוב אין ארץ ישראל. דער גענעראַל בעשרייבט זיינע אייגענע מלחמות און דאָס זיינען נישט די מלחמות מיט קאַנאָנען נור מלחמות פון ארבייט פאַר'ן קיום און דער תחיה פון'ם אידי־שען פאָלק דורך די אויפבויאונג פון ארץ ישראל.

פאַר מיר איז דאָס בוך אַ קוואַל פון בעגייסטערונג און פון פרייד. פאַר מיר איז דאָס אַ רויז צווישען אַזוי פיעל דערנער. וואָס אונזער געשיכ־טע האָט ארויסגעבראַכט. און איך בין זיכער, אַז יעדער ציוניסט און אפשר טאַקי גאָר יעדער איד וועט זוכען די געלעגענהייט בעקאַנט צו ווע־רען דערמיט.

דר. יעקב גרינפעלד.
סעקרעטאַרי פון פערלאַג המאיר.

אדרעס פון פערלאַג:

DR. H. GUELMAN,
245 E. 24th Street, New York, N. Y.

# פאָרוואָרט

א רוסיש שפּריכטוואָרט זאָגט: עס וואָלט ניט געווען קיין גליק, ווען דער אונגליק וואָלט ניט געהאָלפען. און אויף דעם שפּריכטוואָרט האָב איך זיך דערמאָנט ביי דער געלעגענהייט פונם ארויסגעבען מיינע שריפטען דורך דעם פערלאַג המאיר.

ווי פיעל מאהל איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון מיינע גוטע פריינד און בעקאַנטע אין ארץ ישראל די פראגע, פאר וואָס איך נעהם ניט אויף מיר צו שרייבען די געשיכטע פון ישוב ארץ ישראל, די געשיכטע פון פינף און דרייסיג יאהר ארבייטען און ווירקען, די געשיכטע פון דער גרויסער נאציאָנאַלער ארבייט, וועלכע געדויערט שוין מעהר ווי דאס לעבען פון א גאַנצען דור.

אויף דער פראגע פלעג איך אַלע מאָל ענטפערען, אז אום צו שרייבען די געשיכטע פון ישוב איז נאך וועניג צו האבען גענומען א אנטהייל אין אַלע געשעהעניסען, צו האָבען געארבייט אין איהם פון דעם ערשטען טאָג אָן. אום צו קענען דעם ישוב דאַרף מען אויך קענען דעם חוץ לארץ וועלכער האט געהאט אזא גרויסען איינפלוס אויף איהם. דער ישוב האט זיך ענטוויקעלט אין ארץ ישראל, אבער זיינע פעדערען, יינע פּרוזשינעס דאַרף מען אָפט, גאַנץ אָפט זוכען אין די גלות לענדער.

און אפשר צוליעב דעם האָט מיר מיין שיקזאַל אבגעטאָן, ווי מי זאָגט, א שפּיצעל. אין מיינע יונגע יאָהרען בין איך אַוועק אין אונזער לאַנד, אין אונזער היים, און איך האָב געהאָפט אז איך וועל ניט דאַרפען וואַנדערן פון איין מדינה אין דער אַנדערער, ווי עס זיינען געצוואונגען צו טאָן פיעלע פיעלע פון אונזערע ברידער. זיעבצעהן יאָהר בין איך געזעסען אין ארץ ישראל אָהן ארויסצופאהרען פון איהר איין טאָג, ווען מען זאָל ניט רעכענען מיין בעזוך אין בירות און אין דמשק, וואָס זיינען דאָך אזוי נאָהענט צו אונזער לאַנד, וואָס זיינען פון איהם אָפגעטהיילט נאָר דורך א פּראָבלי־כען גרעניץ!

ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, געפינען זיך די פּעדערן, די פּרר־זשינעס פון אונזער ישוב אין חוץ לארץ. און אז איך האָב בעשלאָסען צו פאררוועגדען די ערפאַהרונגען וועלכע איך האָב אנגעזאַמעלט אין די ערשטע צוויי צעהנדליג יאָהר פון מיין ארבייט, די פרוכטע פון מיין בעאָבאַכטונג אין שטודירין די אַלע פראַגען פון ישוב, האָב איך געזעהען, אז איך מוז אייך אנקומען צו די גלות־לענדער. און אין די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר האָב איך שוין בעזוכט א גרויסען טהייל פון די לענדער, כמעט אַלע, וועלכע שפּילען מעהר אָדער וועניגער א ראָלע אין אונזער נאַציאָנאַלער ארבייט. אין דעם לעצטען יאָהר בין איך פּאַרוואַגעלט געוואָרען אויך אין אַמעריקא !

און אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט : האָט מיין אונגליק, מיין פּאַרוואַגעלט זיין פון דער היים, מיין וואַנדערן אין פרעמדע לענדער, גע־האָט אויך זיינע גוטע זייט.

אין די אַלע לענדער האָב איך געזאַמעלט מאַטעריאַל צו דער גע־שיכטע פון ישוב ארץ ישראל אָדער, ווען איהר ווילט, צו דער געשיכטע פון ציוניזמוס און איך האָף אַז איצט וועל איך האָבען די מעגליכקייט צו טהאָן די בקשה פון מיינע פריינד און בעקאַנטע און נעהמען זיך פאַר די געשיכטע פון אונזער נאַציאָנאַלער ארבייט אין די לעצטע יאָהרען.

עס פאַרשטעהט זיך אַז שרייבען אַזאַ ווערק קען איך נאָר אין דער היים, וואו עס געפינען זיך די מאַטעריאַלען, וועלכע זיינען דערצו נויטיג : בריעף, רייזעבעשרייבונגען און אַזוי ווייטער.

איך קען שרייבען נאָר דאַן ווען איך וועל פאַרטיג ווערען מיט די אנדערע ליטעראַטור ארבייטען וועלכע איך האָב אונטערנומען (ארץ ישראל בזמן הזה, דברי ימי העמים ועוד...) און דעריבער וועט נאָך מוזען אַריבער געהן אַ פּאָאַר יאָהר.

נאָר זיצענדיג דאָ אין אַמעריקא האָב איך בעמערקט, אז עס איז אַ גרויסע זינד צו לאָזען געוויסע היגע קרייזען צו וואַרטען צו לאַנג אויף דער געשיכטע פון אונזער פּיאָניער ארבייט אין ארץ יש׳אל. דאָס אונוויסען ברייגגט אַלע מאָל צו מיספערשטענדניסע, צו פאַלשע בעגריפען און דאָס ווירקט זעהר שלעכט אויף די גאַנצע ארבייט. אַ חוץ וועניגע אויסנאַהמען

קען מען דא גאר ניט די געשיכטע פון אונזערע קאָלאָניען. א קליינער טהייל פון די היגע ציונסטען הויבען אָן צו קענען די געשיכטע פון ציוניזמוס פון דעם אָנפאַנג פון זיין פּאָליטישע פּעריאָדע פון אויפטרעטען פון ד״ר הרצל. דער געוועהנליכער ציוניסט קען די געשיכטע פון ציוניזמוס, אוז אויך ניט פאלקאמען, פון דעם טאג, אין וועלכען ער איז געווארען א ציוניסט. די גרויסע מאַססען פון אידישען פאָלק ווייסען כמעט גאָר נישט פון אונזער גאַנצער אַרבייט. אַ איד, וועלכער קומט פון ארץ ישראל הייסט עס אַז ער קומט פון ירושלים. די אידען פון ירושלים לעבען פון חלוקה, פון נדבוה און אונטער דעם בעגריף געהן אונטער אַללע אידען פון ארץ ישראל : קאָלאָניסטען, בעלי מלאכות, לעהרער, סוחרים.

איך האָב דעריבער בעשלאָסען, ווי פיעל מיינע קרעפטען וועלען מיר ערלויבען, אַריינצוטראָגען אַ ביסעל ליכט אין די אַללע פראַגען, און האָב אנגעשריבען א רייהע ארטיקלען אין „ט אָ ג״. ווי איך האָב געהערט, האָבען די וועלכע האָבען געלעזען די אַרטיקלען, געלעזען זיי מיט גרויס אינטערעס. אָבער ניט אַללע האָבען זיי געקענט לעזען, ניט אַללע האָבען געקענט האָבען די געלעגענהייט. אין איין אַרטיקעל אין טעגליכער צייטונג לעבט געוויינליך ניט איבער דעם טאג אין וועלכען ער איז ערשיענען. דאַריבער בעגרים איך דעם נייעם פערלאַג, וואָס האט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אַרויסצוגעבען דאס, וואס איך האָב געשריבען, אין אן אוסגעבעסערטע פאָרם פון ביכער, וועלכע קענען פערבלייבען ביי זייערע לעזער אַ לענגערע צייט, און פאַרשפּרייטען זיי ווי נאָר מעגליך אין אַלע שיכטען פון אידישען פאָלק.

איך וויל האָפען, אַז עס וועט געלינגען די אונטערנעהמער ניט נאָר בעקאַנט צו מאַכען מיט דער געשיכטע פון ישוב ארץ ישראל די ציוניסטישע וועלט, נאָר צו פעראינטערעסירען דערמיט, פיעל ברייטערע קרייזען פון לעזער, וועלכע וועלען זעהען אַז מיר האָבען אויך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, אז מיר האָבען אנגעפאנגען אַ קאַמפף, א גאַנץ פריעדליכען קאַמפף, נאַטירליך, — אין וועלכען עס קענען נעהמען אַנטהייל די אללע וועלכע זוכען ארבייט, קאמפף און מיינען זיי געפינען נאר אונטער פרעמדע פאהנען, נאר אין די רייהען פון פרעמדע פעלקער.

זאָלען די ציוניסטען אויך זעהען די אַרבייט פון די ערשטע פּיאָנירען פון ישוב און טהאָן דאס זעלבע, וואס זיי האָבען געטהאָן, און ניט ווארטען ביז אַנדערע וועלען אויסבויען אין ארץ ישראל האָפענס, אייזענבאַהנען, שעהנע שטעדט און זאגען אונז, אז מיר זאָלען מוחל זיין און קומען אין איהר בעזעצען זיך.

א לאַנד געהערט צו די מענשען, וועלכע בויען עס אויף. וועלכע מאַכען עס פון אַ מדבר פאַר אַ בעזעסענע געגענד ; אַ לאַנד געהערט צו די מענשען, וועלכע טראָגען אין איהר אַריין קולטור און לעבען. און מיר דאַרפען שטרעבען דאצו אז מיר, נאר מיר, זאָלען נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע און בשום אופן ניט פאַרלאָזען זיך אויף אַנדערע.

אין דעם וועג זיינען געגאַנגען מיר, די ערשטע פּיאָנירען. אין דעם וועג ווייזען מיר אָן אַלעמען ווער עס וויל פאַרטזעצען אונזער ארבייט !

— — — — — — — —

איך זאג איבער נאך א מאָל. די שריפטען, וועלכע ווערען איצט פאַרעפענטלייכט זיינען נאָך ניט די געשיכטע פון ישוב ארץ ישראל. דאָס זייען בלויז מיינע מ ע מ ו א ר ע ן . דאָס זיינען ערציילונגען איבער די זאכען, וועלכע איך האָב אליין איבערגעלעבט. דאריבער פעהלען דא פיעלע קאָלאָניען, פיעלע אינטערעסאנטע פאקטען. דאס אללעס אין דער צוקינפטיגער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאציאָן, וועלכע איך האָף צו פאַרעפענטליכען, ווען איך וועל דערצו זוכה זיין, אָדער, אויף'ן אלטען אידישען שטייגער : אם ירצה השם !

אם ענדע פיהל איך איין אנגענעהמע פפליכט הערצליך צו דאנקען דעם רעדאַקטאָר פון „טאָג'' פאר זיין גאסט פריינדליכע אויפנאַמע פון מיינע אַרטיקלען אין דער געעהרטער צייטונג, וועלכע ער רעדיגירט און צוזאמען מיט איהם אללע חברים אין דער רעדאַקציע.

# די ערשטע קאָלאָניזאַציאָנס<br>אַרבייט אין ארץ ישראל

דאָס שטרעבען צום לאַנד אין ארץ ישראל איז שוין אַלט עטליכע צעהנדליגע יאָהר. נאָך אין איינער פון זיינע ערשטע רייזען אין ארץ ישראל, האָט משה מאָנטעפיאָר ע"ה געקויפט ביי יפו א פרדס, דאס הייסט, אַן אָראַנזשען־גאַרטען, וועלכען ער האט איבערגעגעבען א ספרד'י־שען אידען צו בעאַרבייטען. עס פערשטעהט זיך, אז דער איד האָט ניט געאַרבייט. ער איז זיך גאַנץ רוהיג געזעסען אין יפו און אין פרדס האָט גע'בעל־הבית'עוועט אַן אַראַבער. ערשט גאר ניט לאַנג האָט מען ביי איהם, ביי דעם אידען, צוגענומען די חזקה און דער פרדס געפינט זיך איצט אונטער דער פערוואַלטונג פון דער אַקערבוי־שולע מקוה ישראל. עס איז אויך צו דערמאָנען נאָך א פרדס פון אתרוגים, וועלכען דער וואַר־שעווער כולל האָט אין דאָרף חטין, ביי טבריה, אין גליל.

פיעל ערנסטער איז געווען דער שריט פון דער „חברה כל ישראל חברים", וועלכע האָט געגרינדעט די אַקערבוי־שולע מקוה ישראל, אין תרכ"ט. דער אייגענטליכער גרינדער פון דער שולע איז קאַרל נעטער. ער האָט בעקומען פון סולטאַן א פירמאַן, דאָס הייסט, איינינגער מאסען א טשאַרטער, אויף א שטיק לאַנד ביי יפו אויף א צייט פון ניין און ניינ־ציג יאהר. דאס לאַנד איז פרעכטיג געלעגען ביי אזא האַפענשטאָדט, ווי יפו, און איז זעהר פרוכטבאַר און רייך אין וואסער. ווען די פיהרער פון דער חברה וואָלטען געגאַנגען אין דעם וועג, וועלכען עס האָבען אנגע־צייגט איהרע גרינדער, וואָלט מקוה ישראל געקענט ווערען א ברכה פאַר דעם גאַנצען אידישען ישוב אין ארץ ישראל, א ברכה פאַר אידען, וועלכע דרענגען זיך אין ירושלים, חברון, צפת און טבריה, און לעבען פון נדבות. איצט האָט די שולע צוויי טויזענד זעקס הונדערט דונאַם באָדען. לויט דעם פירמאַן האָט זי געהאַט מעהר. נאר באַלד נאָך דער גרינדונג האָבען די איינ־וואוינער פון דעם שכנ'ישען דאָרף יאזור געמאַכט א פרעטענזיע אויף א

שטיק באָדען און האָבען איהם מחזיק געווען. מען האָט מיט זיי גאָרנישט גע־
קענט מאַכען, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד פון דער שולע איז דאָך געווען ניט
געקויפט, נאָר געשייונקט.



מקוה ישראל

די צאָהל פון די שילער אין מקוה ישראל איז אין פערשיעדענע
צייטען געווען גאַנץ פערשיעדען. ביים אָנהויב פון דעם נייעם ישוב, איז
די צאָהל געווען פינף און צוואַנציג. אמת קאַרל נעטער האָט פון בראָד אויס
דער מאַסע פון די אידישע עמיגראַנטען אויסגעקליבען אכט און צוואַנ־
ציג קינדער און אונטער דער פיהרונג פון צוויי יונגע לייט, וועלכע זיינען
דערנאָך געוואָרען לעהרער אין דער שולע, האָט ער זיי אָוועקגעשיקט אין
מקוה ישראל. נאָר די קינדער זיינען ניט לאַנג פערבליעבען דאָרט און זיי־
נען באַלד אָבגעפאָהרען צו זייערע עלטערען אין אַמעריקאַ.

חול המועד סוכות, תרמ״ג, איז געשטאָרבען אין מקוה ישראל
איהר גרינדער, קאַרל נעטער, וועלכער איז ערב ראש השנה געקומען אהין
צו גאַסט פון פאַריז.

די בליה־צייט פון מקוה ישראל איז געווען די צייט, אין וועלכער איהר דירעקטאָר איז געווען דער אַגראָנאָם יוסף ניעגאָ. ער איז געשטאַנען נאָהענט צו די חובבי ציון'דיגע כלל טהוער אין יפו. די כלל טהוער האָבען דאָן אויך געמיינט אַז מען וועט קענען אַרבייטען אין איינעם מיט דער חברה כל ישראל חברים און דערפון איז אַרויס אַ גוטע שטימונג. אַ סך ארץ ישראל'דיגע קינדער זיינען אריין אין דער שולע און זייער צאָהל איז דערגאַנגען ביז צוויי הונדערט.



נעטערס מצבה אין מקוה ישראל

(פון דער לינקע זייט דער קבר פון צוויי קינדער פון דירעקטאָר הירש וועלכע זיינען געשטאָרבען כמעט אין איין צייט.)

אין תרנ"ד, צום פינף און צוואַנציג יעהריגען יובל פון דער שולע, איז נאָך דעם פאָרשלאָג פון דעם שרייבער פון דיזע שורות, געגרינדעט געוואָרען אַ קאַסע אונטער דעם נאָמען „קפּת נעטער", אום צו בעזאָרגען די תלמידים, וועלכע געהען אַרויס פון דער שולע, מיט לאַנד און מאַ־

כען זיי פּאַר קאָלאָניסטען. די אידעע איז מיט בעגייסטערונג אָנגענומען געוואָרען אין גאַנץ ארץ ישראל און אין אַ קורצע צייט האָט די קאַסע שוין געצעהלט איבער זעקס טויזענד פראַנק.

נאָר באַלד האָבען מיר אַלע געקענט זיך איבערצייגען אַז אַרבייטען מיט דער אַליאַנס איז אונמעגליך. ניעגאָ איז אַוועק פון ארץ ישראל און אויף זיין פּלאַץ איז געקומען אַ דירעקטאָר שוין ניט קיין אַגראָנאָם, וועלכער האָט פערדאָרבען אַלעס וואָס עס איז פריהער געשאַפען געוואָרען. די צאָהל פון די תלמידים איז געוואָרען ווייניגער פון הונדערט און די שולע איז אַוועק שטאַרק צוריק.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך מיט איהר פּערזענליך אינטערעסירט דער באַראָן ראָטשילד. דורך זיין מיה איז בעשטימט געוואָרען אַלס דירעקטאָר דער אַגראָנאָם אַ ל י ה ו ק ר ו י ז. ער איז דוקא אַ גוטער אַגראָנאָם און אַ גוטער איד. איך וואָלט אַפילו געזאָגט „אַ גוטער ציוניסט'', נאָר איך האָב מורא אַז די שורות זאָלען ניט אַריינפאַלען צו די פיהרער פון אַליאַנס און דאַן פערליערט ער זיין שטעלע... איידער ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס דירעקטאָר, איז ער געווען אין פּאַריז און דאָרטען האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך היטען. מען האָט איהם דערמאָנט אַז ער האָט אַ פלעק אין דער משפחה: זיין שוואָגער, יהושע חנקין, איז איינער פון די טהעטיגסטע ציוניסטען אין ארץ ישראל. ער איז אָנגעשטעלט אין נאַציאָנאַל פאָנד און גרינדעט קאָלאָניען. צוליעב חנקין'ען האָט ער נאָך „געפעהרליכע ציוניסטען'' אין דער משפחה און ער איז פערזאָגט געוואָרען אַז ער זאָל מיט זיי קיין מגע ומשא ניט האָבען....

אין דער שולע איז די לאַגע געוואָרען בעסער; אָבער די פראַנצויזישע שפּראַך איז נאָך ווי פריהער די הערשערין דאָרט, און דאָס מאַכט די שולע פאַר אַן אָפענעם טויער אין אויסלאַנד....

אין דער צייט פון מלחמה האָט דזשעמאַל פּאַשאַ אַריינגעשיקט צעהן אַראַבישע שילער אין דער שולע. פון איין זייט ווייזט דאָס אויף דעם צוטרוי, וואָס די רעגיערונג האָט צו דער שולע. פון דער אַנדערער זייט וועט דאָס פיעל שטערען צו איהר נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.

און ניט נור די כלל טהוער, נאר די ארץ ישראל׳דיגע אידען אליין האָבען בעקומען חשק צו לאַנד־ווירטהשאַפט, פיעלייכט אונטער דעם איינפלוס פון אונגאַרן, וואו עס איז דאָ אַ היבשע ביסעל אידישע ערד־בעזיצער און ערד־אַרבייטער. אין אמת, זיינען אונטער די ערשטע ירושלים׳ער קאָלאָניסטען געוועזן אַ פולע, וואָס האָבען געשטאַמט פון אונגאַרן. נאָך ווי די זאַך איז געווען, האָבען אין תרל״ח זיך אָרגאַניזירט אייניגע אידען פון ירושלים און האָבען געקויפט אַ שטיק לאַנד ניט ווייט פון יפו און האָבען געגרינדעט די קאָלאָניע פ ת ח ־ ת ק ו ה. דער פערזוך האָט זיך אָבער



א גרופּע שיללער פון מקוה ישראל

ניט איינגעגעבען. די קאָלאָניסטען זיינען געווען אָהן מיטלען און אונפּראַקטיש. זיי האָבען זיך בעזעצט ניט ווייט פון טייך, וועלכער פליסט ביי זייער לאַנד, און יעדער טייך אין ארץ ישראל, ביי דער אלגעמיינער וויסטקייט און פערלאָזענהייט פון לאַנד איז אַ נעסט פון מאַלאַריא. פיעלע

קאָלאָניסטען זיינען קראַנק געוואָרען און אַוועק צוריק איז ירושלים. די איבריגע זיינען אַוועק אוים מאַנגעל אין מיטלען, און די קאָלאָניע איז אזוי גוט ווי חרב געוואָרען.

ניט גרעסער איז געווען דער ערפאָלג פון די צפת׳ער אידען, וועלכע האָבען אין תרמ״א געקויפט לאַנד ניט ווייט פון זייער שטאָדט און געלייגט דעם גרונדשטיין צו דער קאָלאָניע ר א ש - פ נ ה. זיי האָבען פון קלי־מאַט גראָדע ניט געליטען, נאר זיי זיינען געווען אבסאָלוט אָהן מיטלען און האָבען זיך געמוזט אָבשטעלען ביים ערשטען שריט.

נאָר באַלד האָט זיך די אידעע פון ישוב ארץ ישראל און מיט איהר די אידעע פון אידישען אַקערבוי אין ארץ ישראל דערוועקט מיט גרויסער קראַפט אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ און האָט אַרויסגערופען ענערגישע פּיאָניערען, וועלכע האָבען די זאַך גענומען אין זייערע הענד און האָבען אנטוויקעלט א רייהע קאָלאָניען, מיט וועלכע דאס אידישע פאלק קען שטאָלץ זיין, און וועלכע זיינען די גרונדשטיינער פון זיין גרויסער, שעהנער צו־קונפט אין זיין לאַנד.

# די גרינדונג

פון

# ראשון לציון

## .1

דער טויער פון ארץ ישראל איז די שטאָדט יפו. איצט איז זי אַ גאַנץ היבשע שטאָדט, די צווייטע אין לאַנד נאָך ירושלים. מען שאַצט איהר בע־פעלקערונג אין פיערציג טויזענד נפשות. נאָר מיט פינף און דרייסיג יאָהר צוריק איז זי געווען אפשר צעהן מאָהל קלענער. די דייטשע קאָלאָניע, וועלכע איז פיעל נעהענטער צום צענטער פון שטאָדט ווי די אידישע קוואַרטאַלען ״נוה צדק״ און ״תל אביב״, האָט זיך נאָך דאַן געֿרעכענט גאַנץ ווייט פון שטאָדט. זי איז געווען אויסער דער שטאָדט. דער מאַרק אַליין איז איי־גענטליך געווען אויסער דער שטאָדט. איך גלויב, אַז איך וועל ניט זאָגען קיין ליגען, ווען איך וועל שאַצען די דאַמאָלסדיגע בעפעלקערונג אין פינף טויזענד נפשות, אַם מייסטען אראַבער, אָבער אויך אַביסעל גריכען, אַר־מענער און דייטשען, וועלכע האָבען געפיהרט געשעפטען אין שטאָדט און פלעגען זיך אויף דער נאַכט פערשפאַרען אין זייער קאָלאָניע. אידען זיינען געווען אין שטאָדט גאַנץ ווייניג, עס שיינט מיר אַז די גאַנצע קהלה איז בעשטאַנען פון עטליכע חיים׳ס: חיים שמערלינג, חיים בעקער, חיים גדליה, חיים שערצער אָדער חיים פייפער און חיים פינסקער... דער ערש־טער פון זיי, חיים שמערלינג, איז געווען אַ שעהנער איד, אַן אָנגעזעהענער סוחר, אַ קאָמיסיאָנער איינענטליך, אַ גרויסער מקורב ביי דעם עסטרייי־כישען קאָנסול און ביי די טערקישע בעאַמטע. דער אַנדערער, חיים בעקער, אָדער אייגענטליך חיים גאָלדבערג, האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין די ערשטע צייטען פון ישוב. ער איז געווען דער אידישער מוכתר, דאָס הייסט דער פאָרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע פאַר דער רעגיערונג. ער איז אויך געווען אַ מעקלער אין האַפען און, ווען עס איז געקומען די גזרה פון ניט אראָבלאָזען אין יפו פון שיף די רוסישע אידען, איז ער געווען אים שטאַנד אָבצושוואַכען די גזרה... מיט זיין נאָמען איז פערבונדען אַ גרויסער טהייל פון דער ארץ ישראל|דיגער פּאָליטישער ארבייט. שפּעטער, אַז עס פלעגען זיך קריגען די פּאָליטישע ציוניסטען מיט די אַלטע חובבי ציון, פלעגען די ערשטע טענה׳ן: וואָס־זשע ווילט איהר געהן אין ארץ ישראל נאָר דורך דער פערמיטלונג פון חיים בעקער? בייזע צינגער האָבען געזאָגט

אויף איהם, אז ער איז רייך געווארען פון די ארץ ישראל'דיגע אימיגראַנ־טען. נאר איך דענק, אז דאס זאָגען נאר בייזע צינגער. איצט, אז ער איז אַראָפּ פון דער סצענע, איז ער גאַנץ אָרעם. קיין קאַפּיטאַלען האָט ער געוויס ניט געמאַכט.



יפו

חיים שערצער האָט געוואוינט גאָר אין „מקוה ישראל" איז א בע־זונדער הויז און הויף מחוץ למחנה, מחוץ פון פראנצויזישען מקוה ישראל, אויפ'ן וועג וואס געהט קיין ירושלים. אלע אידען וואָס פלעגען פערביי פאָהרען, פלעגען זיך אָבשטעלען לעבען איהם א טרונק טהאָן קאַלטע וואסער אָדער אויסבאָדען זיך אין דער „ברכה", וואס איז געווען ביי איהם אין הויף אום צו בעוואסערען איינעם פון די פּרדסים פון מקוה ישראל. ער האָט זיך דאָרט בעשעפטיגט מיט לעדער־ארבייט, דאָס הייסט מיט גאַרבעריי־

אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען א כלי־זמר און האָט געשפּיעלט אויף א פלייט. דערפאר האָט מען איהם גערופען חיים פייפער. ער פלעגט זיך זעהר שעהמען מיט די חטאת נעורים און פלעגט זיין זעהר בייז, ווען מען פלעגט איהם רופען חיים פייפער.

די לצנים פון יענער צייט פלעגען אריינקומען צו איהם אין הויף און זאָגען: „גוט מאָרגען, ר' חיים שערצער! קען מען ביי אייך קריגען א קאַלטע גלאָז וואסער?" חיים פלעגט דאן לויפען און ברייננגען פרישע, קאַלטע וואסער, נאר וואס פון ברונען און אלע פלעגען טרינקען... אוועקגעהענדיג פלעגען זיי איהם אָבער זאָגען: „אַ גוטען טאָג, ר' חיים פייפער!" און ער פלעגט ווערען אזוי בייז, אז ער פלעגט מיט א שטעקען נאָכיאָגען דעם אונדאנקבאַרען גאַסט...

נאָר איך האָב שיעור ניט פערגעסען צווישען די מיטגליעדער פון דער אַלטער יפו'ער קהלה אויך נחמן דעם שוסטער, דוקא ניט קיין חיים, וועלכער פלעגט זיך בעשעפטיגען טהיילווייז מיט שוסטעריי, טהיילוויז מיט פילאזאפיע, און יוסל דעם מקלער, וועלכער איז געווען, אזוי וויא חיים גדליה, איינער פון די העלפער פון חיים בעקער.

די ספרד'ישע געמיינדע איז אויך געווען גאַנץ קליין. דער אנגעזעהענסטער מענש פון דער געמיידע איז געווען ווידער א חיים... חיים אַמזאַלאַק. ער איז געווען דאַן און א לאַנגע צייט נאך דעם דער ענגלישער וויצע קאָנסול אין יפו. און דאס איז דאך שוין בעקאנט, אז ביי די אידען פון דער גאַנצער וועלט איז פאַראַן עפּעס א שוואכקייט צו ענגלאַנד. איז דאָך שוין די סברה מחייב אַז אַ איד, אַן ענגלישער קאנסול האָט געדאַרפט שפּיעלען אַ ראָלע ביי די ערשט טריט פון ישוב. ער איז געווען דער עהרען־פּרעזידענט פון ועד „חלוצי יסוד המעלה" (וועגען דעם ועד שפּעטער) און אויף זיין נאָמען האָט מען געקויפט דעם באָדען פון ראשון לציון.

אַז מען רעדט פון דער דעמאָלסטדיגער אידישער קהלה אין יפו מוז מען דערמאָנען אויך צוויי פון די חסידי אומות העולם, וועלכע האָבען געשפּיעלט דאַן אַ ראָלע אין אידישען לעבען. דער ערשטער פון זיי איז געווען אַ פּאָליאַק. ער איז געווען פון די, וועלכע האָבען מיט ניינצעהן יאָהר פריהער געגאַנגען „דאַ ליאַסו", דאָס הייסט, אין וואַלד אריין, אום דאָרט

צו פיהרען א מלחמה געגען רוסלאנד. ווען די רוסען האבען אבער גובר געווען, איז ער, אזוי ווי פיעלע אנדערע, אנטלאפען קיין טערקיי. ווי עס איז בעקאנט, האט די טערקישע רעגיערונג אזוינע פליכטלינגע צוגענומען גאנץ גאסטפריינדליך און טראץ אלע פאדערונגען פון רוסלאנד, האט זי זיי ניט ארויסגעגעבען און האט מקיים געווען די מצוה פון „לא תסגיר עבד אל אדוניו"...

אום צו פערדיענען זיין לעבען, איז ער געווארען א דאקטאר. אין יענע צייטען האבען די טערקען געהאלטען פאר א דאקטאר יעדען אייראפעער... און אזוי איז דער אנטלאפענער פאליאק מגולגל געווארען אין א רעגיערונגס־דאקטאר אין דער שטאדט יפו.

די אידען האבען ווענינ געהאלטען פון זיין דאקטאריע. זיי האבען אויף איהם געזאגט, אז ער איז אויף אזוי פיעל א דאקטאר אויף וויפיעל ער פערשטעהט א קרענק, נאר ניט צו היילען זי... נאר ער האט גערעדט גוט אידיש, איז געווען א גוטער ברודער מיט אלע אידען און, וואו ער האט נאר געקאנט, האט ער געטהאן טובות די ניי־אנגעקומענע אידען און שפעטער אויף די קאלאניסטען.

דער אנדערער קריסט איז געווען א רוסישער אריסטאקראט, באראן אוסטינאוו. מען האט געזאגט אויף איהם, אז ער האט ניט געטארט זיין אין רוסלאנד. ער איז געווען זעהר רייך און פלעגט שטענדיג ארומפאהרען. אין יפו האט ער אויסגעבויט אין דער דייטשער קאלאניע א שעהנע הויז און אויסגעפלאנצט זעהר א שעהנעם גארטען, וועלכער דיענט נאך איצט אלס שפאציער גארטען פאר די יפו'ער אנוואוינער. אין דעם צווייטען שטאק פון הויז איז געווען זיין אייגענע וואוינונג. און דעם גאנצען אונטערשטען שטאק האט ער אבגעגעבען פאר א שפיטאל, אין וועלכען קראנקע פלעגען גאנץ אומזיסט בעקומען א בעטעל, רפואות און פלעגע. דער דאקטאר איז דארט געווען א דייטש, וועלכער האט שוין דוקא פערשטאנען, ווי צו היילען א קרענק. נאך איצט לויפען צו איהם אין יפו די אידישע קינדער, כאטש אין דער שטאדט געפינען זיך שוין פיעלע גוטע אידישע דאקטוירים, נאר דאן איז ער געווען דער איינציגער אייראפעאישער דאקטאר. איצט איז שוין דער באראן מעהר ניטא. אין זיין שעהנער הויז געפינט זיך דער שעהנסטער

האָטעל אין יפו, „האָטעל־דיו־פּאַרק“, נאָר פיעל, פיעל פון די ערשטע אימי־גראַנטען, פון די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען צו פערדאַנקען זייער לעבען דעם באַראָן און זיין שפּיטאָל!

.2

באַלד ווי עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, באַלד ווי מען האָט אין רוסלאַנד און רומעניען אָנגעהויבען ריידען פון ישוב ארץ־ישראל, האָבען אידען אָנגעהויבען פאָהרען אין יפו. אַם מייסטען זיינען דאָס געווען אָרימע לייט וואָס האָבען גאָרנישט געקענט מאַכען אין לאַנד. פיעל האָבען אָנגעהויבען געהן אַרבייטען אין מקוה־ישראל. נאָר דער שרוך איז ניט געווען קיין גלייכער. פון איין זייט האָבען די אידען טאַקע ניט געקענט אַרבייטען, פון דער אַנדערער זייט האָט דער דירעקטאָר פון מקוה ישראל פּשוט פערלאַנגט פון זיי צופיעל אַרבייט און דעריבער האָט ער אין די ביכער געשטעלט דאָס געלט, וואָס ער האָט געצאָהלט אידען פאַר אַרבייט, אַלס צדקה, אַלס נדבות. סוף־כל־סוף זיינען צווישען די אידען און די משגיחים איבער דער אַרבייט אַרויסגעקומען עטליכע גרויסע סקאַנדאַלען און הירש, דער דירעקטאָר, האָט אויפגעהערט צו נעהמען אידען אויף אַר־בייט. בלויז די ביל׳צעס האָבען געקענט שפּעטער אַרבייטען אין מקוה־ישראל, נאָר מיט זיי האָבען די משגיחים גאָר ניט געקענט מאַכען, צו פער־יאָגען זיי פון דער אַרבייט: זיי האָבען איבערגעטראָגען אַלע נסיונות.

אין אַז אַ קליינער שטאָדט, ווי יפו איז אַמאָל געווען, ביי אַזאַ קליינער אידישער קהלה, זיינען די פינף־זעקס טויזענד אידען, וועלכע זיינען אַהין אָנגעפאָהרען פון רוסלאַנד און רומעניען געווען שטאַרק קענטיג. אַלע גאַסען זיינען פון זיי געווען פול, אין אַלע ווינקעלעך האָבען זיי זיך געלאָזט זעהען. און דאָס האָט געצויגען אויף זיי די אויפמערקזאַמקייט פון די טערקישע בעאַמטע. דער סוף איז געווען, אַז דער פּאַשאַ פון ירושלים האָט אַרויסגע־געבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל רוסישע און רומענישע אידען מעהר ניט אַראָבלאָזען אין יפו. דאָס הייסט, אַראָבלאָזען האָט מען נאָך אַראָבגעלאָזען, נאָר מען האָט פערלאַנגט פון אַלעמען פּעסער. צום גליק האָבען די טערקישע בעאַמטע ניט געקענט לייענען רוסיש און פאַר אַ פּאַספּאָרט איז ביי זיי

אנגעגאנגען יעדער פאפיער, וואס טראגט אויף זיך אן אדלער מיט צוויי קעפ, אפילו געדרוקטע כתובות.

נאר וואס ווייטער איז די גזרה געווארען אלץ שטרענגער. מען האט גענומען פערלאנגען גאנץ אפט צום פאספארט אויך א טערקישעס פאפיר, א „תזכרה”. וואס מען האט געדארפט ארויסנעהמען אין קאנסטאנטינאפאל. און אז מיר, די ערשטע בילו׳צעס, זיינען שבעה עשר בתמוז דורכגעפאהרען דעם אינזעל ציפערן, האבען מיר דארט בעגעגענט א שיף מיט אידען, וועלכע מען האט שוין אין יפו ניט ארייַנגעלאזען.

אז איך בין אנגעקומען אין יפו, האב איך גענומען אויף זיך די ארבייט יעדעס מאל צו זיין אויפ׳ן ברעג, ווען די שיפען פלעגען אנקומען, און לייענען פאר דעם בעאמטען די רוסישע פעסער און פערטייטשען זיי איהם אויף פראנצויזיש. ואת חטאי אני מזכיר! ניט איין מאל און ניט צוויי מאל, האב איך דורכגעלאזען אין לאנד אידען מיט אזעלכע פעסער, וועלכע האבען נאך דעם געזעץ גאר קיין ווערדע ניט געהאט. ניט איין מאל האב איך אויך געכאפט געזידעלט פון אידען, וועלכע האבען געמיינט אז איך בין א מעקלער. איין מאל האט די טערקישע רעגיערונג אנגעהויבען ארויסצוגעבען פאר אידען אזעלכע תזכרה׳ס, אין וועלכע עס איז אין פראנצויזיש געשטאנען אויסדריקליך, אז דער מענש האט ניט קיין רעכט צו בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. די אידען וואס האבען ניט פערשטאנען פראנצויזיש, האבען זיך געהאלטען מיט די פאפיערעלעך און פלעגען מיינען, אז מיט דעם קומען זיי לייכט אריין אין יפו. און אז איך פלעג זיי זאגען, אז זיי זאלען בעסער בעהאלטען די פאפיערעלעך און ניט בעווייזען זיי, בין איך דען ניט געוועזן ווערטה צו זיין געזידעלט?

די גזרה האט זיך אלץ געשטארקט ווייטער און ווייטער. און עס איז געקומען באלד א צייט, אז איך האב ניט געקענט העלפען. און אז ערב ראש השנה איז אנגעקומען אין יפו מיין אייגענער ברודער און מיין אייגענע שוועסטער, איז מיר זעהר שווער אנגעקומען ארויסצונעהמען זיי פון שיף אין שטאדט אריין. אמת, זיי זיינען געקומען אונגעריכט, אין יענעם טאג האב איך זיי גיט ערווארטעט.

## די גרינדונג פון ראשון לציון

אין איינצעלנע פעלען איז אמאָל געווען זעהר לייכט די זאַך אויס־צופיהרען. איין מאל איז געקומען איינער פון די בילו'צעס, וועלכען איך האָב געמוזט אראָבנעהמען פון שיף. איך האָב איהם אויפ'ן שיף ארויפ־געשיקט א „נפוש", דאָס הייסט א מעטריקע פון איינעם, וועלכער איז שוין געווען אין יפו, און דער שליח האָט איהם אויסגעלערענט צו זאגען „אנא מן האָן" דאָס הייסט איך בין א היגער. דער יונגערמאַן איז אויפ'ן קליין שיפעל צוגעקומען צום ברעג און אויף דער פראַגע, וואו איז זיין פאַספאָרט, ענטפערט ער אנא מן האָן. „ווי הייסט דו? אנא מן האָן." און אזוי טענה'־ענדיג אנא מן האָן, האט ער זיך דורכגעשטופט ווייטער און ווייטער, ביז ער איז געוואָרען א קאָלאָניסט אין ראשון לציון און איז איצטער איינער פון די אנגעזעהענסטער קאָלאָניסטען, דער גבאי פון שוהל, און זאגאר, דער טערקי־שער בעאַמטער, דער רב פון שטעדטעל (פאקטיש איז אין ראשון לציון קיין רב ניטא. מיט קליינע שאלות ווענדעט מען זיך צום שוחט און מיט גרעסערע קיין יפו).

וואָס פאַר רעפּאָרטען דער ירושלים'ער פאשא האָט בעקומען וועגען די נייע אידען, וועלכע זיינען אנגעקומען אין יפו, ווייס איך ניט גענוי. עס קען זיין, אז מען האט איהם געשריבען, אז די אידען פערשפּרייטען קראנק־הייטען. א קליין שטיקעל אמת איז געווען אין דעם. פון אָרימקייט, פון לעבען אין ענגשאַפט און אין שמוץ, פון עסען צופיעל גרינס, און איבער־הויפט פון בייטען דעם קלימאט און דעם שטייגער פון לעבען, האָבען צווישען זיי אויסגעבראָכען קראַנקהייטען. אמת, די קראנקהייטען האָבען קיינעם ניט געשאַדט חוץ זיי אליין, נאר מען זאגט, אז ווענינגסטענס אָ פּ י צ י ע ל איז דאָס געווען די סבה פון דער שלעכטער בעציהונג פון פאשא צו די נייע אידען אין ארץ ישראל.

עס איז אבער פאראן א סברה, אז איינער פון די אידען, ניט פון די נייע, פערשטעהט זיך, האָט רחמנות געהאָט אויפ'ן טערק און האָט אויפ־מערקזאַם געמאַכט דעם פאשא, אז עס איז ניט גלאַט, וואָס פינף טויזענד אידען מיט אידענעס און מיט זייערע קינדערלעך זיינען געקומען אין יפו. זיי וועלען אראָבזעצען דעם פאשא פון זיין שטעלע און וועלען מאַכען אן אייגענע מלוכה...

## די גרינדונג פון ראשון לציון

איך בין ביי דעם געשפרעך ניט געווען און קען ניט עדות זאָגען, אַז ער איז געווען אָדער ניט. נאָר ניט אומזיסט זאָגט מען: אַז מען קלינגט איז א חגא. מיר ווייסען דאָך אז מיר אידען האָבען א שוואכקייט צו רחמנות האָבען אויף אלע פעלקער א חוץ אויף אידען. מיר האָבען רחמנות אויפ'ן רוסישען מוזשיק, אויפ'ן פּאָליאק, אויפ'ן סערב, אויפ'ן בולגאר — אויף וועמען ניט?

און אזוי ווי אויף אידען לאָזט זיך אַלעס גלויבען, בפרט דאָס, וואָס אַ איד אליין זאָגט, האָט דער פּאַשאַ בעשלאָסען מיט איין מאָל פּטור צו ווערען פון דער אידישער ארמעע און האָט בעפוילען, אַז מען זאָל אין איין טאָג נעהמען אלע רוסישע אידען, וועלכע געפינען זיך אין יפו,,ארויפזעצען זיי אויף א רוסישער שיף — און זאלען זיי פאהרען געזונטערהייט צוריק א היים, אין רוסלאנד. איך מוז אבער בערוהיגען די לעזער און זאגען, אז מען האָט קיין אידען פון דעסטוועגען ניט ארויסגעשיקט מיט גוואלד בלויז א מנין אידען האָבען זיך יענעם טאָג צוזאמענגעקליבען און אלס פּראָטעסט געגען דעם ווילען פון פּאשא און די מוסרים, וועלכע זיינען געשטאַנען איהם צו הילף, האָבען זיי אריינגעטראָגען פינף און פערציג טויזענד פראַנק — אויף דעם היגען חשבון ניין טויזענד דאלאר — און האָבען געקויפט דעם באָדען אויף צו גרינדען די ערשטע קאָלאָניע ר א ש ו ן ל צ י ו ן.

געטהאָן האָבען דאָס די אידען גאָר ניט ווי ביזנעס-לייט. אין דער אמת'ן, ווי קויפט מען לאַנד און ווי צאָהלט מען געלד אין דעם טאָג וואָס מען הייסט גאָר ארויספאָהרען פון לאַנד? און צווייטענס, האָבען זיי דאָס לאנד געקויפט אויפ'ן נאמען פון א פּערזאָן, וועלכען זיי האָבען פריהער ניט געקענט און זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט וויסען ,,וויפיעל ער איז ווערט" נאָך דעם אמעריקאַנער אויסדריק. אויף דעם נאמען פון ה' חיים אמאזאלאק. די אַנדערע יפו'ער אידען האָבען אויף זיי געקוקט ווי אויף משוגעים. און עס קען זיין, אז אפילו אנדערע אידען, וואס האלטען אז ,,האוחז ביד" איז די בעסטע תפלה, קוקען נאָך עד היום אויף זיי ווי אויף משוגעים. דעריבער רעכען איך פאר נויטיג, כדי מיר זאלען קענען אויס־שטרייכען זייערע נעמען פון דער רשימה פון קלאָרע מענשען, מיט וועלכע

מען מעג קומען אין מגע ומשא, צו מפרסם זיין זייערע נעמען ברבים. דאס זיינען געווען:

1) צבי הכהן ליבונתין ז״ל.

2) זיין פלימעניק זלמן דוד ליבונתין, איצט דער דירעקטאָר פון דער אידישער באַנק אין יפו.

3) אהרן מרדכי פריימאַן.

4) זיין ברודער פרץ פריימאַן.

5) יהודה ליב חנקין ז״ל.

6) יוסף פיינבערג ז״ל מיט זיינע צוויי ברידער באַרים (דוב) און ישראל ז״ל.

7) ראובן יודעלעוויטש.

8) פייוועל הייסמאַן ז״ל.

9) זאב אבראַמאָוויץ ז״ל.

10) לוי יצחק אייזענבאַנד ז״ל.

11) יעקב פישעלזאָהן ז״ל.

ווי מען זעהט דאַרף מען זיך שוין איצט היטען בלויז פאַר פיער מענשען. די זיעבען איבריגע זיינען שוין אויף דער אמת׳ער וועלט. פון די פיער, וועלכע לעבען נאָך מיט אונז, זיינען צוויי העררען: אהרן מרדכי פריימאַן און ראובן יודעלעוויטש, קאָלאָניסטען אין ראשון לציון. ה׳ ז. ד. ליבונתין, ווי שוין דערמאַנט, איז דירעקטאָר פון באַנק אין יפו און האָט נאָר אייגענטהום אין דער קאָלאָניע. ה׳ פרץ פריימאַן האָבען שלעכטע אומ־שטענדען צוריקגעטריבען קיין וואַרשא. ער האט אבער א טאָכטער און אייניקלעך אין תל אביב, זיין איידעם, ש. אבולעפיא, און זיינער א זוהן זיינען געשטאָרבען אין ארץ ישראל.

איך האָף, אז די לעזער וועלען מיר מוחל זיין, וואָס איך דערמאָהז דאָ אייניצעלהייטען פון די מיסדים פון ראשון לציון. איך רעכען, אז זיי האָבען דאס פאַרדיענט, זיי האָבען דאָך געלעגט דעם גרונד־שטיין פון ישוב ארץ ישראל, דעם גרונדשטיין פון דעם בנין, וואס גיט אונז טרייסט און האָפנונג אין דער צוקונפט.

.3

די לעזער דארפען ניט מיינען, אז צוזאמענקלייבען דעם מנין אידען, וואס האבען געגרידעט ראשון לציון, איז געווען לייכט.

די אידען וועלכע זיינען זיך צונויפגעפאהרען אין יפו זיינען ניט געווען ארגאניזירט און ביי זייער ארימקייט האט מען מיט זיי גארנישט געקענט מאכען. נאר צווישען זיי האבען זיך געפונען אייניגע וואס זיינען געווען גענוג רייך, צו קויפען אויף זייער אייגענער רעכנונג ערד און ווערען קאלאניסטען. אום זיי צו פעראייניגען איז געגרינדעט געווארען דער „ועד חלוצי יסוד המעלה".

די הויפט פיהרער פון דעם ועד זיינען געווען זלמן דוד ליבונתין און יוסף פיינבערג ע"ה. און דערפאר האט דער רעדאקטאר פון „הלבנון", בריל ז"ל, וועלכער איז געווען אין ארץ ישראל מיט אנדערהאלבען יאהר שפע־טער, גערופען זיי: משיח בן דוד און משיח בן יוסף.

דער „ועד" האט פון איין זייט געשריבען בריעף אין איראפא און געבעטען מען זאל שיקען געלד פאר די ארימע אידען אין יפו, און פון דער אנדער זייט האט ער זיך בעמיהט צו ארגאניזירען א גרופע מענשען אויף צו קויפען לאנד, אום צו גרינדען א קאלאניע, די ערשטע קאלאניע אין ארץ ישראל. ער האט אין ביידע ארבייטען ניט געהאט קיין גליק. וועניגסטענס מיט דער גרופע האט ער געהאט די זעלבע ארבייט, ווי די גריכישע לעגענדע דערצעהלט פון דעם בעוואוסטען זינדיגער סיזיפוס, וועלכער האט אין גיהנום געהאט אן ארבייט ארויפצוקייקלען א שטיין אויפ'ן שפיץ בארג. ווען עס פלעגט שוין קומען צום שפיטץ, פלעגט דער שטיין אראבפאלען צוריק און ער פלעגט מוזען אנהויבען זיין ארבייט פון דאס ניי. דער „ועד" פלעגט ארגאניזירען א גרופע און מען פלעגט שוין ברוך השם פאהרען אלע צוזאמען אנקוקען א שטיק ערד. אבער איינעם פון זיי פלעגט די ערד ניט געפעהלען, און פערשטאנען האבען אלע אין ערד ווי א האן אין בני אדם, פלעגען נאך דעם איינעם נאכגעהן אלע. איטליכער פלעגט ביי זיך קלערען: אז דעם געפעהלט ניט, מסתמא פערשטעהט ער, אדער מסתמא וויים ער א סוד, פארוואס מען דארף דעם שטיק ערד ניט קויפען. און די גרופע פלעגט צו־

פאַלען ווערען. ווי ווייט די ערשטע קויפער האָבען ניט פערשטאַנען אין ערד, קען מען זעהן דערפון, אז מען האָט געקויפט דאָס לאַנד פון ראשון לציון וועלכעס איז פערהעלטניסמעסיג געווען א ווירקליכע מדבר אין פער־גלייך מיט די לענדרייען, וואס מען האָט געקענט דאן קויפען.

אויף א זאַמדיגען באָדען וואקסט אין ארץ ישראל א מין ווילדע גראז, וואס רופט זיך „חילפה". זי וואקסט אין הויכע קוסטעס און שלאָגט איהרע וואָרצלען גאַנץ טיעף. די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון האָט געקאָסט פיעל מיה ביז זיי זיינען פטור געווארען פון איהר. נאר אין אנפאנג האט זי בע־דעקט דעם גאנצען באדען פון דער קאָלאָניע. און אז איינער פון די מיסדים, א איד וואס האט כל ימיו געלעבט אין פעטערבורג, האָט דערזעהען די „חילפה", האט ער א געשריי געטהאן: „זעהט נאר וואס פאר א גוטער באָ־דען; ציבעלע וואקסט ניט געזעעטערהייט"...

און אָט אזוי פלעגט יעדע וואך רעגעלמעסיג געגרינדעט ווערען א גרופע און יעדע וואך רעגעלמעסיג צופאלען. און די ערשטע קאָלאָניע, אויף וועלכער מען האָט געווארט מיט גרויס אונגעדולד, איז אלץ ניט געגרינדעט געווארען. און פון רוסלאנד פלעגען אנקומען בריעף, אין וועלכע מען האט געפאָדערט, אז כאָטש איין קאָלאָניע מוז וואס גיכער געגרינדעט ווערען, ווען ניט איז דער גאַנצער רעיון פון ישוב ארץ ישראל אין גרויס געפאהר. די פּאַלעסטינאָפילען אָדער די פּאַלעסטינצעס האָבען געהאַט דאן אויסצו־שטעהן א שרעקליכען קאמפף מיט די „אַמעריקאַנצעס". ניט מיט אייך, מיינע ליעבע לעזער, און ניט מיט אייערע טאַטעס, נאָר מיט די אידען, וועלכע האָבען געמיינט, אז מען קען אין אַמעריקא גרינדען א שטאַאט פון לויטער אידען און דוקא אויף דעם ברעג פון מיסיסיפּי. און אָט די „אמע־ריקאַנצעס" פלעגען אלץ טענה'ן: „וואו איז אייער ארץ ישראל'דיגע קאָ־לאָניע?"

עס איז שוין געווען פארטיג דער נ אָ מ ע ן פאר דער ערשטער קאָ־לאָניע; עס זיינען שוין געווען אָנגעשריעבען פאר איהר די תקנות, און קיין קאָלאָניע איז נאָך אלץ ניט געווען!

דאן איז ליבותין געפאלען אויף א שכל. ער האט געהאט אין ניקאָ־לאיעוו א פעטער א פערמעגליכען מאַן, וואס האט קיין קינדער ניט געהאַט.

האָט ער איהם אנגעשריעבען, אז ווען ער וויל זיך קונה־זיין א שם עולם, אן אייביגען נאמען וואס איז טוב מבנים ומבנות, בעסער פון זין און טעכטער, זאל ער קומען אין ארץ ישראל און נעהמען אן אנטהייל אין גרינדען די ערשטע קאָלאָניע. און זיין פעטער צבי הכהן ליבונתין ז״ל האָט איהם געפאָלגט, איז געקומען אין יפו און האָט מיט זיך געבראַכט צעהן טויזענד רובל. ווי נאר ער איז געקומען איז מען געפאהרען אנקוקען דאס שטיקעל ערד, וואָס איז באַלד געוואָרען ראשון לציון. ווי דער סדר איז, האָבען אייניגע פון דער גרופּע אָנגעהויבען איבערקלעהרען. נאר דער אלטער ליבונתין האט ערקלעהרט, אז ער קויפט העלפט ערד אליין. דאן זיינען שוין די איבריגע אויך נאכגעגאנגען און די קניה איז געשלאסען געווארען.

א ריהרענדע סצענע איז בשעת מעשה פארגעקומען. דעמאָלט איז אויף דעם גאַנצען באָדען געווען איין־איינציגער בוים, אַ שקמה (סיקאמארע), א גרויסער, שאָטענדיגער בוים. דער בוים שטעהט אויף אַ גאַנץ הויכען בערגעל. חקרנים ווילען האָבען, אז אויף דעם בערגעל פלעגט מען אַמאָל אנצינדען פייערען אום אנצוזאגען דעם עולם, ווען עס איז ראש חודש, און דער בוים איז אויך דאָרט געפלאַנצט געוואָרען מיט אַ געוויסען צוועק. אָט אויף דעם בערגעל, אונטער דעם דאָזיגען בוים האָבען זיך די פריש געוואָרענע קאָלאָניסטען געשטעלט דאַוונען מנחה. דער אַלטער ליבונתין האָט ליעב געהאט דעם עמוד און פלעגט דאַוונען מיט האַרץ, דיזעס מאָל האָט ער בעזונדערס צוגעלעגט האַרץ, און ער אליין און אַלע זיינע חברים האָבען געוויינט אויפ׳ן קול. דער געוויין, די טרעהרען דערמאָנען דעם געוויין פון אונזערע אבות, וועלכע האָבען זיך אומגעקעהרט פון גלות בבל און האָבען זיך געשטעלט בויען דעם מזבח, אַן אָנפאַנג פון בית חמקדש. נאָר יענע האָבען געווינט, ווייל זיי האָבען מיט זייערע אויגען געזעהען דעם ערשטען בית המקדש. אין וואָס פאָר אַ שלעכטער לאַגע זיי זיינען דאַן געווען, זיינען זיי פאָרט געווען א קהל פון מעהר אַלס צוויי אין פערציג טויזענד נפשות. אָן דער שפּיץ איז געשטאַנען זרובבל, אן אייניקעל פון די לעצטע אידישע מלכים, פון דוד׳ס משפחה. און דער זרובבל איז אנערקענט געוואָרען פון כרש מלך פרס אלס פאָליטישער פיהרער פון די אידען, אלס פּאשא פון ארץ ישראל. דער רשיון פון כרש צו בויען דעם בית המקדש אין ירושלים איז

געוועזן געשריעבען שווארץ אויף ווייס. א חוץ זרובבל׳ן איז נאך געוועזן א כהן גדול, אן אייניקעל פון דעם לעצטען כהן גדול, און א פאר נביאים האבען אויך ניט געפעהלט.

און דאס מאל האבען זיך צונויפגעקליבען בסך הכל עלף אידען אין א שטיקעל וויסטע, ווייט פון גוטע פריינד, ארומגערינגעלט פון א בעפעלקערונג פאר וועלכער מען האט מורא געהאט, אהן א זרובבל, אהן א יהושע בן יהוצדק, אהן א רשיון. פארקעהרט: די ארטיגע רעגירונג האט שווער געמאכט דעם אריינקומען אין לאנד און האט מיט א פאר טעג שפעטער בעפעלען אינגאנצען ארויסצוטרייבען די אידען פון לאנד. מענשען האבען איבערגעגעבען זיך אליין, זייערע פאמיליען, זייער גאנצען פערמעגען צו אן אובעקאנטער צוקונפט. און עס האט זיך געוויינט! נאר דאס איז געוועזן ניט בלויז א גלות־געוויין. דאס איז אין דער זעלבערצייט געוועזן א געוויין פון שמחה, טרעהרען פון טריאומף, וואס זיי האבען זוכה געוועזן צו זיין די ערשטע צו קומען אין בעריהרונג מיט דעם היילינגען באדען פון אונזערע עלטערען. זיי זיינען נאך עלענד, אבער אין הארצען האבען זיי געפיהלט, אז נאך זיי, שפעטער, פילייכט שפעטער ווי מען דארף, וועט נאכגעהן דאס גאנצע אידישע פאלק.

דאס בערגעל איז בעשטימט געווארען פאר א בית הקברות און אונטער דעם שאטען פון דעם בוים שלאפט שוין א היבשער טהייל פון די, וועלכע האבען מיט זייער שווייס און מיט זייער מיה פערוואנדעלט די אראבישע וויסטע פון עיון־קארה*), וואס בעדייטעט „שלעכטע קוואלען״ אין א „גן עדן״, אין א שעהנע, אידישע שטעדטעל, מיט די

*) אייניגע מיינען צו געפינען אין דעם נאמען „עיון קארה״ דעם אלטען נאמען „עין הקורא״. אבער דאס איז ניט ריכטיג.

רייכסטע וויינגערטענער, פרדסים און אנדערע פלאנטאציעס; אין א שטעדטעל וואס בעצויבערט אלע רייזענדע, וועלכע בעזוכען זי.

* * *

תשעה באב האט מען געקויפט דאס לאנד און חמשה עשר באב זיינען שוין די קאלאניסטען ארויסגעפאהרען אויף זייער בארען, אום דארט צו בעזעצען זיך. און כדי גרעסער צו מאכען זייער צאהל, האבען זיי מיטגענומען נאך זעקס ארימע משפחות. דער אלטער ליבונתין האט געגעבען יעדערען פון זיי זעכציג דונאם לאנד אויף אויסצאהלען אין משך פון פינף יאהר. דאס אויסגעצאהלטע געלד אן ערך פינף טויזענד פראנק האט ער מנדב געווען צו בויען א שול אין דער קאלאניע. אזוי איז די צאהל פון די קאלאניסטען געווארען זיבעצעהן. דער אלטער, דאס הייסט צבי הכהן ליבונתין, האט פון די קאלאניסטען בעקומען דעם טיטול פון מ י ס ד ראשון לציון.

מיט דער גרינדונג פון ראשון לציון זיינען די יפו'ער אידען אראב פון סצענע. נאר ווייניגע זיינען פערבליבען אין דער שטאדט. דער גרעסטער טהייל איז אוועקגעפאהרען צוריק אין רוסלאנד, אין רומעניען אדער אנדערשוואו. מאנכע האבען וואהרשיינליך נאך דאן געטראפען דעם וועג קיין אמעריקא. א טהייל האט זיך בעזעצט אין ירושלים. די איצטיגע יפו'ער געמיינדע איז געגרינדעט געווארען מיט עטליכע יאהר שפעטער.

4.

די ערשטע קאלאניסטען וואס האבען זיך בעזעצט אין ראשון לציון האבען בעשלאסען צובעארבייטען די גאנצע ערד בשותפות. יעדערער האט בעדארפט אריינטראגען אין קאסע פון קאלאניע איין פראנק פון דונאם און מיט דעם געלד האט מען געצאהלט די, וועלכע האבען געארבייט. דאס האט געגעבען די מעגליכקייט די ארימע קאלאניסטען צו ארבייטען און פערדיענען גוויף זייער לעבען. געארבייט האבען אבער אלע. און פאר א טאג ארבייט פלעגט מען צאהלען א פראנק, דאס הייסט צוואנציג סענט. געפיהרט די ארבייט האט דער ועד פון דער קאלאניע, נאר אויף יעדער אב־

טהיילונג איז געווען א בעזונדערער פיהרער, א מ נ צ ח, ווי מען פלעגט איהם רופען. דער הויפט פיהרער פון דער ארבייט איז געווען יהודה ליב חנקין ז"ל. ער האט זיך אין רוסלאנד אויך בע־שעפטיגט מיט ערד ארבייט, געהאלטען פאסעסיעס און איז אויף אזא אויפען געווען דער ערשטער לעהרער פון די קאלאניסטען אין די ארבייטען, וועלכע זיינען זיי געווען גאנץ פרעמד. ער האט געפיהרט זיין ממשלה ביד רמה. האט ליעב געהאט אנצובייזערען זיך און דוקא אויף רוסיש און די קאלאניסטען האבען איהם גערופען „דיאדקא". עטליכע יונגע קאלאניסטען האבען באלד געכאפט די תורה און די ארבייט איז ביי זיי געגאנגען ווי געשמירט. צווישען די יונגע לייט האט זיך בע־זאנדערס אויסגעצייכענט דער אינגסטער ברודער פון יוסף פיינבערג, ישראל. אין ארץ ישראל האט איהם קיינער ניט גערופען מיט דעם נאמען, און איך גלויב, אז נאך איצט זיינען פאראן פיעלע, וועלכע ווייסען ניט זיין אמת'ן נאמען. ער איז געווען דער אינגסטער פון די דריי ברידער, די ב י י ב י, ווי מען זאגט דא, און דאריבער האבען זיינע עלטערען און זיינע עלטערע ברידער פערצייגען זיין נאמען אויף ל ו ל י ק. מיט דעם נאמען האבען איהם אלע גערופען און די אראבער האבען אויך קיין אנדער נאמען פאר איהם ניט געהאט ווי ח ו ג "ה ל ו ל ו (חוג"ה הייסט אין אראביש: הערר, מיסטער).

די בייבי איז טאקע מעהר ניט אלט געווען ווי זיעבעצעהן יאהר, נאר ער איז געווען הויך געוואקסען, מיט לאנגע פיס און לאנגע הענד. און דער יעניגער אויף וועמען ער האט ארויפגעלעגט א האנד, האט דאס זעהר און זעהר געפיהלט. אמאל האט איהם אין יפו פערטשעפעט אן אראבער. ער האט לאנג ניט געקלעהרט און האט איהם געכאפט אויף די פלייצעס און האט איהם דורך א גרויסען שטח פון דער שטאדט ארייגעטראגען צום קאנ־סול אין שטוב אריין. נאר אין ראשון לציון האט ער ניט געטראגען צום קאנסול. דארט האבען די אראבער, וואס האבען זיך גע־פרובט געהן גנב'ענען אין קאלאניע, באלד דערפיהלט זיין שווערע האנד און האבען בעקומען רעספעקט פאר איהם און פאר די אידישע קאלאניסטען בכלל. דאן איז ער געווען דער מנצח על הבהמות.

## די גרינדונג פון ראשון לציון

פון דער אַלגעמיינער קאסע האָבען די קאָלאָניסטען געקויפט צוויי פאר פערד מיט אַ וואָגען, כדי אנצוהאלטען די פערבינדונג מיט דער וועלט, וועלכע איז דאַן בעשטאַנען פון דער שטאָדט יפו. א חוץ דעם האָבען זיי געקויפט צוויי גמלים און צום גרעסטען שטוינען פון די אַראַבער האָבען זיי געשפּאנט זיי אין אַ וואָגען. צו זעהען פערד געשפּאנט אין א וואָגען זיינען זיי שוין געוועהנט געוואָרען. די דייטשע קאָלאָניע סאראָנא און די אידישע שולע מקוה ישראל האָבען דאך שוין עקזיסטירט עלף יאהר. נאר גמלים ווערען בענוצט בלויז אויף צו טראָגען לאַסט אויפ'ן רוקען, און אין וואָגען האָט מען זיי קיינמאָל ניט געזעהען. דאריבער, ווען אזא געשפּאן פלעגט אַריינפאָהרען אין יפו, פלעגען זיך באַלד ארומקלייבען ארום איהם הונדערטער מענשען צו קוקען אויפ'ן בייזען וואונדער. קלענערע קינדער פלעגען אנהויבען פּאטשען מיט די הענד אונד צו זינגען: חאדידאָ, חאדידאָ!

די לעזער וועלען גאָר ניט טרעפען, אַז דער וואָרט חאדידא איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די ענגלישע בעגריסונג „האַו דו יו דו”. די ערשטע אויסלענדער, וועלכע זיינען געקומען אין ארץ ישראל אין א בעדייטענדער צאהל זיינען געווען אמעריקאַנער. מיט פופציג יאהר צוריק זיינען זיי געקומען אין אַ גרופּע פון הונדערט און פופציג זעעלען און האָבען געגרינדעט דאָרט די קאָלאָניע, וועלכע געפינט זיך ביי יפו, איצטער הייסט זי „די דייטשע קאָלאָניע”. נאָר די אַראַבער רופען זי נאָך ביז היינט אַמעריקאַנישע. מען קען זיך פאָרשטעלען ווי די אַראַבישע שקצים פלעגען נאָכלויפען אין די גאַסען די פרעמדע מענשען. זיי האָבען באַלד בעמערקט, אַז די פרעמדע בעגריסען זיך מיט די ווערטער האַו דו יו דו. זיי האָבען איבערגענומען די ווערטער און ביי זיי אין מויל איז דאָס געוואָרען „חאדידא” און מיט איהם בעגריסען זיי יעדען אייראָפּעער. נאָר אין דעם טאָג, מיט וועלכען זיי זאָגען דאס ארויס, הערט זיך א שפּאָט, אַן אָבלאכען. איצט הערט מען שוין דאָס כמעט ניט. נאָר די ערשטע צייטען פלעגען זיי מיט דעם שטאַרק דערקוטשען. שקצים פלעגען זיך צונויפקלייבען אין גאַנצע מחנות און מיט א נגון און מיט הענד־קלאַטשען פלעגען זיי מינוטען לאַנג נאָכשרייען: „חאדידאָ, חאדידא!”

די גמלים האָבען ביי די קאָלאָניסטען ניט מאריך ימים געווען. אמת, ווען דער וואָגען פלעגט ערגעץ ארייננקריכען אין זאמד און די פערד זיינען ניט געווען אימשטאנד איהם ארויסצושלעפען, פלעגען דאָס טהאָן די גמלים. נאָר די קאָלאָניסטען האָבען ניט געקענט ארומגעהן ארום זיי און האָבען בעשלאָסען, אז אַ גמל איז אַן אראַבישע בהמה. דאָס איז געווען די ערשטע און די לעצטע פּראָבע ביי די אידישע קאָלאָניסטען צו ארבייטען מיט גמלים.

.5

איינע פון די שווערסטע פראגען, וואס האט זיך אוועקגעשטעלט פאר די קאָלאָניסטען, איז געווען די פראגע פון וואסער. מען האָט געקויפט אַ פאס און אָנגעהויבען פיהרען וואסער פון מקוה ישראל. די שטרעקע פון מקוה ישראל ביז ראשון לציון איז אַן ערך אכט היגע מייל. מיט אַ לעדיגען וואגען פאָהרט מען דורך דעם וועג אין אַ שעה אָדער אַנדערהאלבען און מיט אַ שווערען וואָגען פאָהרט מען צוויי, צוויי מיט אַ האלבען און אמאָל אויך דריי שעה. אמת, עס פלעגט זיך טרעפען, אז מיט דעם שווערען וואָגען פלעגט מען פאָהרען נאָר אַ האלבע שעה, אָבער דערביי האָט מען געמוזט אַ צוויי־דריי שעה געהן צו פוס און גאַנץ אָפט נאָך אונטערשטופען דעם וואָגען. אלע אין דער פריה פלעגט דער וואגען ארויספאָהרען פון ראשון לציון אין מקוה ישראל נאָך וואסער און פלעגט זיך אומקעהרען ארום האלבען טאָג. אלע פלעגען קוקען אויפ'ן וועג און ווארטען מיט אונגעדולד ביז ער פלעגט אָנקומען. דאַן פלעגען זיך אלע נעהמען שטופען מיט כלים צום פאס. אַ גרויסער טהייל וואסער פלעגט זיך דערביי ארויסגיסען און אין עטליכע מינוט ארום פלעגט די פאַס ווערען לעדיג. נאָך אמאָל פאָהרען האָט מען ניט געקענט, ווייל די פערד זיינען געווען נויטיג אויך צו אַנדערע אר־בייטען און די קאָלאָניסטען פלעגען היטען זייער ביסעל וואסער ווי אַן אוצר. איך בין אמאָל געקומען בייטאָג אין אַ גרויסער היץ צו פוס אין ראשון לציון און בין געווען זעהר מיעד און דורשטיג. איך בין אריין אין צעלט פון ז. ד. ליבונתין און האָב געבעטען אַ גלאָז וואסער.

— אַ גאַנצע גלאָז וואַסער — האָט ער אַ געשריי געטהאָן — קען איך ניט געבען. ווען דו ווילסט אַ גלאָז וויין וועסטו קריגען, אָבער אַ גלאָז וואַסער איז צו טהייער.

איך האָב קוים אויסגעבעטען אַ האַלבע גלאָז וואַסער.

איין מאָל, דאַס איז שוין געווען מיט עטליכע חדשים שפּעטער, האָבען די בילו׳צעס פון דער ארבייט געשיקט איינעם פון זיי אהיים ער זאָל אויפ־קאָכען אַ זופּ פון קאַרטאָפעל. ער האָט צוגעגרייט די קאַרטאָפעל נאָר קיין וואַסער האָט ער ניט געפונען ניט ביי זיך און ניט ביי די שכנים. האָט ער אָנגעגאָסען דעם טעפּעל מיט בוימעל און האָט געקאָכט אַ זופּ נאָר פון בוימעל אָהן וואַסער. — דאָס איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ קוגעל דורך פון שמאַלץ.

די קאָלאָניסטען האָבען באַלד אנגעהויבען גראָבען אַ ברונען, נאָר זיי זיינען געווען אזוי אונערפאַרען אז זיי האָבען אויסגעקליבען פאַר איהם אַן אָרט אויפ׳ן שפּיץ באַרג, אויף וועלכען זיי האָבען בעשלאָסען צו בויען די קאָלאָניע. זיי האָבען גערעכענט, אַז ווען דער ברונען וועט זיין דאָרט, וועט מען קענען לייכט בעוואַסערען די גאַרטענער, וועלכע האָבען זיך געצויגען אָדער האָבען זיך געדאַרפט ציהען הינטער די הייזער. נאָר דער ברונען אויפ׳ן באַרג האָט געדאַרפט זיין אַן ערך פינף און זיעבציג מעטער טיעף און דאָס וואָלט געקאָסט אָהן אַ שיעור געלד. מען האָט שוין אויסגעגראָבען צוויי און צוואַנציג מעטער, מ׳האָט אינוועניג אויסגעמויערט די ווענד. עס האָט שוין געקאָסט גוטע געלד און קיין שפּור פון וואַסער איז נאָך ניט געווען

אום ניט צו וואַרטען ביז מען וועט געפינען וואַסער אין דעם אויבערשטען ברונען, האָבען זיך די קאָלאָניסטען געשטעלט גראָבען אַ ברונען ביי דעם פוס פון באַרג. דאָס האָט געזאָלט זיין נאָר אַ פּראָוויזאָרישער ברונען. זיי זיינען געווען אזוי זיכער, אַז זיי וועלען באַלד געפינען וואַסער, אַז זיי האָבען קיין פּאָכלייט ניט געדונגען און האָבען זיך געשטעלט גראָבען מיט אייגענע הענד. נאָר זיי האָבען געגראָבען בלויז ביז זעקס מעטער אין דער טיעף. די וואַנד האָט מען ניט ארומגעמויערט פון אינוועניג און אזוי ווי דער באָדען איז געווען אַ זאַמדיגער, זיינען די וואַנד באַלד איינגעפאַלען.

די קאלאניסטען זיינען געווען געצוואונגען צו נעהמען בעלי־מלאכות צו גראבען דעם ברונען און זיי האבען אנגעהויבען, ווי מען דארף, גראבען און בויען, גראבען און בויען, ביז זיי האבען דערגרייכט ביז אכטצעהן מעטער און קיין וואסער האט מען נאך אלץ ניט געפונען!

א קליינע ישועה פאר דער קאלאניע איז געווען ווען מען האט געפונען די קוואלען, וואס רופען זיך „עיון־קארא", וועלכע האבען געגעבען זייער נאמען דעם לאנד פון ראשון לציון. זיי קומען ארויס פון די זאמדבערג, וועלכע ציהען זיך ביים ברעג ים, און וועלכע שיידען אב ראשון לציון'ער ערד פון ים*). דאס וואסער פון די קוואלען צוגיסט זיך ארום און בילדעט א זומפ. אין איינינע ערטער זיינען פאראן גריבער, וועלכע זיינען פול מיט וואסער. אז די קאלאניסטען האבען דורך א צופאל דערוואוסט זיך וועגען די קוואלען, האבען זיך די צוויי טהעטיגסטע מענשען פון דער קאלאניע, חנקין און לוליק, געזעצט אויף די פערד און צוגעפאהרען אהין. לוליק האט אראבגעווארפען פון זיך די קליידער און איין ארייגעשפרונגען אין איינעם פון די גריבער. ער האט אויף טויט איבערגעשראקען א גרויסע מענגע זשאבעס, וועלכע זיינען צו אזא געזעלשאפט גאר ניט געוועהנט געווען, און האבען בעטראכט די בלאטע אלס זייער היים. מיט א פיאש וואס ער האט מיטגענומען האט ער פערגרעסערט די גרוב, האט זי אבגערייניגט אביסעל און די וואסער איז געווארען ברויכבאר. טרינקען האט מען זי אבער ניט געקענט, זי האט צופיעל געשמעקט מיט בלאטע. נאר מען האט זי געקענט נוצען צו געביידעס, צו געבען טרינקען די פערד און פאר נויט, בעזונדערס אין ווינטער צייט, ווען די רעגענס פלעגען שטארקער מאכען די קוואלען און אבפרישען דאס וואסער — אויך צום קאכען. פון דאז אן איז געווארען א מנהג ביי די יונגע קאלאניסטען און קאלאניסטקעס יעדען פארנאכט זעצען זיך רייטען אויף די פערד און פאהרען געבען זיי טרינקען ביי די קוואלען. דאס לאנד אויף וועלכען

*) איצט געהערען די זאמדבערג אויך צו דער קאלאניע. דזשעמאל פאשא דער גאווערנאר פון סיריען און ארץ ישראל האט דאס איהר אוועקגעשענקט.

זיי זיינען געוועזן האָט נאָך דאָן ניט געהערט צו דער קאָלאָניע, נאָר צו דעם זעלבען אייגענטימער, ביי וועלכען מען האָט געקויפט ראשון לציון, און ער האָט גאָר ניט געהאַט דאגעגען, אַז מען זאָל אויסטרעטען א וועג פון דער קאָלאָניע גלייך צו די קוואלען. אייגענטליך האָט מען ביי איהם ניט געפרעגט. ווען מען וואָלט געפרעגט וואָלט ער אפשר געטהאָן נאָך דעם כלל: אַז מען פרעגט אַ שאלה איז טריף. ער וואָלט אפשר פערלאַנגט אַ באַקשיש אָדער ער וואָלט טאַקי גאָר פערבאָטען דורכצופאָהרען, כדי צו צווינגען די קאָלאָניסטען אָבצוקויפען ביי איהם זיין ערד. די ערד האָט מען טאַקי אָבגעקויפט נאָר מיט דריי יאָהר שפעטער.

6.

עס איז שוין געוואָרען אלול, אין דער לופט האָט זיך שוין גע־פיהלט דער ווינטער מיט די שטארקע רעגענס, וועלכער האָט געדארפט אָנקומען און פאַר די קאָלאָניסטען האָט זיך געשטעלט די פראַגע פון בויען הייזער. האָט זיך אָבער געמאַכט א נייער אָבהאַלט. אין לאַנד איז דאָן געוועזן ניט רוהיג. דאס איז געוועזן די צייט, ווען אין מצרים האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע, וועלכע האָט געבראַכט דאס לאַנד אין ענגלישע הענד. די רעוואָלוציע איז געוועזן געריכטעט געגען די איירא־פעער און געגען דעם כעדיב (וויצע־קעניג), וועלכער האָט מיט זיי געלעבט גוט. און געלעבט האָט ער מיט זיי גוט, וויל ער האָט אַנדערש ניט געקענט: ער איז זיי געוועזן א גרויסער בעל חוב. דער המון איז אין איין שעהנעם טאָג אַנגעפאַלען אויף די אייראָפּעער אין אלעקסאנדריע און האָט געמאַכט א אמת רוסישען פּאָגראָם. פיעלע פון די דערשרא־קענע אייראָפּעער זיינען דאָן געקומען קיין יפו און אין אנדערע ארץ ישראל'דיגע שטעדט. מיט זיי צוזאַמען איז געקומען דער פחד. מען האָט מורא געהאַט, אַז אין ארץ ישראל זאָל אויך ניט אויסברעכען א רעוואָלוציע געגען די אייראָפּעער. צווישען די אראַבער איז ווירקליך געווען קענטיג א מין אונרוהיגקייט. נאָר טהאָן האָבען זיי גאָרנישט געקענט אָהן דער הילף פון די עגיפּטער. אין מצרים איז אָן דער שפּיצע פון דער בעוועגונג געשטאַנען אַ גענעראַל, וועלכער האָט געהייסען

אַ ר אַ ב י ־ פּ אַ ש אַ. ער איז דאַן געווען דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער העלד.

איך בין אין יענער צייט געגאַנגען אַמאָל אַליין צופּוס פֿון מקוה ישראל אין יפו. ניט ווייט פֿון דער שטאָדט האָב איך בעגעגענט אַ בעדואין, וועלכער האָט געגעבען טרינקען זיין פֿערד. וואָס ער האָט געזאָגט האָב איך ניט פֿערשטאַנען. נאָר אַז ער האָט מיר געזאָגט: „אַראַבי־פּאַשאַ‘‘, און דערביי דורכגעפֿיהרט מיט זיין האַנד איבער׳ן האַלז מיט אַ מינע פֿון קוילענע, האָב איך גוט פֿערשטאַנען, אַז אַראַבי־פּאַשאַ וועט באַלד קומען אויך אין אונזער לאַנד און אונז אַלעמען, די אייראָפּעער, אויסשלאַכטען.

ערשט ראש השנה איז פֿאָרגעקומען ביי תל־אל־כביר, ניט ווייט פֿון קאירא די שלאַכט, אין וועלכער די ענגלענדער האָבען צושלאָגען די אַראַבישע אַרמעע און געבראָכען די בעוועגונג.

עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז די אַראַבער האָבען זיך געפֿיהרט פּונקט ווי אידישע גזלנים. אַראַבי־פּאַשאַ האָט געסטראַשעט, אַז די בעפֿעלקערונג פֿון קאירא וועט זיך פֿערטיידיגען ביז דעם לעצטען מענשען און די ענגלענדער וועלען ניט קענען איינגעהמען די גרויסע שטאָדט. נאָר דער סוף איז געווען, אַז ווען די ענגלישע אַרמעע איז צוגעטראָטען צו קאירא איז די בעפֿעלקערונג געבליבען גאַנץ רוהיג. די גאַסענהענדלער האָבען פֿערקויפֿט צו די ענגלישע סאָלדאַטען פֿרוכטען, לעמאָנאַד און זיסקייטען, און די אַרמעע מיט אַראַבי־פּאַשאַ אַליין האָט זיך אונטערגעגעבען.

נאָר ביז יענער צייט איז די בעוועגונג געווען גאַנץ ערנסט און די אונרוהען אין ארץ ישראל גאַנץ בעמערקבאַר. און אַז די קאָלאָניסטען האָבען געוואָלט אָנהויבען בויען הייזער, האָבען פֿיעלע יפו׳ער אידען געפֿונען פֿאַר נויטיג זיי אָבצוהאַלטען.

„כל זמן איהר זיצט אין ביידלעך‘‘, האָבען זיי גע׳טענה׳ט צו די קאָלאָניסטען, „קענט איהר ביי די ערשטע סימנים פֿון געפֿאַהר איינשפּאַנען אין וואָגען אייערע פֿערד און באַלד אוועקפֿאָהרען אין יפו, וואו עס איז דאָך זיכערער. אָבער ווי נאָר איהר שטעלט זיך בויען היי־

זער, זייט איהר שוין צוגעבונדען צום פלאץ און קענט אפילו ניט אנט־לויפען. און וויפיעל זייט איהר אנטקעגען די ארומיגע אראבער?״

די דאזיגע רייד האבען געווירקט אויף די קאלאניסטען און אייניגע פון זיי האבען אנגעהויבען צו קלעהרען, אפשר איז טאקע כדאי אבצולעגען דאס בויען פון די הייזער ביז עס וועט ווערען רוהיגער.

דער מאמענט איז געווען זעהר א קריטישער. ווען די קאלאניסטען וואלטען ניט געבויט די הייזער, וואלטען זיי ביים ערשטען רעגען מוזען פערלאזען ראשון לציון און ארויספאהרען קיין יפו. פיעל געלט האבען זיי ניט געהאט. זיי וואלטען אין יפו אויפגעגעסען זייער געלט און וואלטען מעהר ניט געהאט קיין מעגליכקייט אומצוקעהרען זיך צוריק אין דער קאלאניע, וועלכע וואלט אויף אזא אופן אונטערגעגאנגען.

אויף דער אספפה פון די קאלאניסטען האט מען וועגען דער פראגע פון בויען גערעדט גאנץ ערנסט און עס איז געווען קענטיג, אז די מערהייט האלט ביי ווארטען. דאן איז אויפעשטאנען דער „דיאדקא״, יהודה־ליב חנקין, און מיט א טאן פון ענטשלאסענהייט און ענערגיע געזאגט:

„טהוט אייך, ברידער, ווי איהר פערשטעהט. איך שטעל זיך מארגען בויען!״

קיין בעשלוס, פערשטעהט זיך, איז דארט ניט געפאסט געווארען, נאר אז חנקין האט זיך ווירקליך געשטעלט בויען, זיינען נאך איהם די איבריגע אויך נאכגעגאנגען און באלד האבען זיך גענומען בויען אין ראשון לציון פינף הייזער. דערמיט איז געמאכט געווארען דער צווייטער וויכטיגער שריט אין דער גרינדונג פון דער ערשטער קאלאניע.

ביים קויפען דעם באדען איז געווען גרויס דער פערדיענסט פון צבי הכהן ליבונתין ז״ל און ביים בויען די הייזער איז ניט ווייניגער גרויס געווען דער פערדיענסט פון יהודה־ליב חנקין ז״ל. און מיט שטאלץ האבען זיינע קינדער געקענט אויפשרייבען אויף זיין מצבה אויפ׳ן בית הקברות פון יפו (דוקא ניט אין ראשון לציון) – „הוא בנה את

הבית הראשון בראשון לציון'' (ער האָט געבויט דאָס ערשטע הויז אין ראשון לציון).

מיט דעם בויען פון די הייזער האָבען די קאָלאָניסטען ער־קלעהרט, אז זיי וועלען ניט פערלאָזען זייער קאָלאָניע אונטער קיין שום אומשטענדען. און אנשטאָט דעם, וואס די יפו'ער בעלי עצות האָבען געזאָגט, אז ביי דעם ערשטען סימן פון אונרוהען קענען די קאָלאָניסטען איינשפּאַנען די פערד און אַנטלויפען אין יפו, האָבען די בילו'צעס, וועלכע האָבען נאָך דאַן געארבייט אין מקוה ישראל און זיינען געווען אין א צאהל פון אכצעהן יונגע לייט אנגעזאָגט די קאָלאָניסטען, אז ביי דעם ערשטען סימן פון סכנה זאָלען זיי מודיע זיין און זיי וועלען אלע קומען אין ראשון לציון צו העלפען פערטיידיגען זיך, און, ווען מען דאַרף, וועלען זיי אָוועקלעגען די קעפּ פאר דעם ערשטען בעפרייטען שטיק באָדען אין ארץ ישראל.

7.

מיט'ן אנפאנג פון ווינטער איז די לאגע אין ראשון לציון גע־ווארען גאַנץ טרויעריג. ניט אלע פון די מיסדים האָבען זיך געשטעלט בויען הייזער. די זעקס אָרימע משפחות האָבען געוויס ניט געהאַט די מעגליכקייט צו בויען, און, אַז עס איז ארויסגעפאלען דער רעגען, האָבען זיך כמעט אלע צוזאַמענגעדרענגט אין די עטליכע הייזער, וועלכע האָבען זיך געבויט, כאָטש אין קיין איינעם פון זיי איז נאָך ניט גע־ווען ניט קיין טירען און ניט קיין פענסטער. אייניגע האָבען אין איילע־ניש צוזאַמענגעשלאָגען הילצערנע ביידלעך, וועלכע זיינען געווען אזוי געבויט, אז ווען דער ווינד פלעגט זיך אריינכאַפּען אין זיי פון מערב זייט זאָל ער קענען פריי ארויס פון מזרח זייט און ניט פערבלייבען חלילה אינוועניג.

די שותפות צווישען די קאָלאָניסטען איז בטל געוואָרען. דעם ערשטען פראנק אויפ'ן דונאם האָט מען אריינגעטראָגען גאַנץ גערן. דעם צווייטען אביסעל שווערער און נאָך דעם דריטען האָט מען שוין בשום אופן ניט געוואָלט געבען דעם פערטען. די אורזאַכע איז געווען

דאָס, וואָס די קאָלאָניע האָט זעהר פיעל אויסגאָבען געמוזט מאַכען. די צוויי ברונענס אליין, אין וועלכע עס איז נאָך דערוויילן קיין טראָפּען וואַסער ניט געוועזן, האָבען פערשלונגען גרויסע געלד־סומען. און ווי עס פיהרט זיך אין אַזאַ פאַל, האָט יעדער קאָלאָניסט געמיינט, אַז ער וועט זיינע געשעפטען אליין בעסער פיהרען. די רייכערע קאָלאָניסטען האָבען אויף זייער אייגענעם רעכנונג געקויפט פערד, וועגען און אינ־סטרומענטען און האָבען זיך צוגעגרייט צו דער ארבייט. אליין ארביי־טען און אפילו פיהרען די ארבייט האָבען זיי ניט געקענט. זיי זיינען נאָך מייסטענס מיט די פאַמיליען געזעסען אין יפו. צו העלפען זיך אין דער ארבייט האָבען זיי צוגענומען עטליכע פון די אידען, וואָס האָבען נאָך פריהער געאַרבייט אין פתח־תקוה, וועלכע איז, ווי בעקאַנט, געגרינ־דעט געוואָרען פון ירושלים'ער אידען מיט פיער יאָהר פאַר ראשון לציון און צו יענער צייט איז זי פערלאָזען געוועזן. בעזונדערס האָבען זיך אויסגעצייכענט דריי: יהודה ראאַב, וואָלף ליב גרינשטיין און שאול עלזנער. די לעצטע צוויי זיינען געוועזן אמאָליגע תלמידים פון מקוה ישראל. די דריי זיינען געוועזן די לעהרער פון די קאָלאָניסטען אין דער ארבייט און אין הלכות דרך ארץ מיט די אַראַבער, וועלכע פלעגען זיך ערלויבען צו קומען פיטערען זייערע בהמות אויף די פעל־דער פון ראשון לציון. נאָר וועגען דעם שפּעטער.

צו די דריי מוז מען נאָך צוגעבען אַ פערטע פּערזאָן, די פרוי פון וואָלף ליב'ן, אסתר. זי איז געוועזן אַן ענערגישע מוטהיגע פרוי, האָט ניט מורא געהאַט צו פּאַטשען די אַראַבער, וועלכע זי האָט חושד געוועזן אין גנבה אָדער אין אנדערע עברות.

דאָס בטל ווערען פון דער שותפות האָט געבראַכט דער קאָלאָניע זעהר פיעל שאַדען. פאַר די קהל'שע ארבייט איז געוועזן זעהר שווער צו נעהמען געלד ביי די קאָלאָניסטען. דעריבער האָבען די אָרימערע קאָלאָניסטען שוין ניט געקענט מעהר ארבייטען ביי קהל און נעהמען פאַר זייער ארבייט געלד.

אום ארויסצוגעהן פון דער לאַגע, בעזאָנדערס אום צו געבען די זעקס פאַמיליען אַ מעגליכקייט צו בויען הייזער, האָבען די קאָלאָני־

# די גרינדונג פון ראשון לציון

סטען בעשלאָסען צו שיקען איינעם פון זיי אין אייראָפּאַ צו זוכען אונ־
טערשטיצונג און קיין בעסערען שליח האָבען זיי ניט געקענט האָבען,
ווי יוסף פיינבערג ז״ל. ער איז געווען דער געבילדעטסטער פון זיי. ער
האָט שטודירט כעמיע אין מינכענער אוניווערזיטעט און דעריבער גע־
קענט רעדען אויסער רוסיש אויך דייטש. ער איז אויך געווען זעהר א
קלוגער, א גוטער רעדנער און דערצו נאָך א הדרת פנים.

פיינבערג איז געפאָהרען צוערשט אין וויען און האָט דאָרט גאָר
ניט געקענט מאַכען. ער איז אויך געווען אין מינכען, און ענדליך איז ער
געקומען אין פּאַריז. דאָרט האָט ער זיך געווענדעט צו דער חברה „כל
ישראל חברים״ אָדער ווי מען רופט זי בקצור, צו דער „אליאנס״. אן
דער שפּיץ פון דער חברה זיינען נאָך דאַן געשטאַנען אייניגע פון די,
וועלכע האָבען געגומען אַנטהייל אין איהרע גרינדען און זיינען געווען
זעהר גוטע אידען. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען געווען צדוק הכהן,
דער רב פון פּאַריז און דערנאָך דער גרויס־ראַבינער פון פראַנקרייך,
און מיכאל ערלאַנגער. זיי האָבען אָבער ערקלעהרט פיינבערג׳ען, אַז
אויף דער „אליאנס״ איז פאַר איהם קיין האָפנונג ניטאָ, נור ווי דאָס
אידיש ווערטעל זאָגט, האָבען זיי איהם אַנגעוויזען „וואו א גוטער איד
וואוינט״. זיי האָבען איהם געזאָגט, אַז דער באַראָן עדמונד ראָטהשילד
אינטערעסירט זיך די לעצטע צייט מיט אידישע אנגעלעגענהייטען און
האָט זיך זאגאר ניט געפוילט איבערצולעזען „די געשיכטע פון אידי־
שען פאָלק״, פון גרעץ׳ן „פיליכט — האָבען זיי געזאָגט — וועט גע־
לינגען צו פעראינטערעסירען איהם מיט דעם שיקזאל פון ראשון
לציון״.

און מיט דער הילף פון צדוק הכהן און מיכאל ערלאַנגער איז
פיינבערג אריינגעפיהרט געוואָרען צום באַראָן.

ער האָט איהם געשילדערט די שעהנע אויסזיכטען, וועלכע די
קאָלאָניע האָט אויף א גלענצענדע צוקונפט. ער האָט געשילדערט דעם
אידעאל פון ישוב ארץ ישראל, פון שיבת ציון און עס איז איהם ווירק־
ליך געלונגען צו פעראינטערעסירען און צו געווינען פאַר ארץ ישראל
די קראַפט, וועלכע איז געקומען צו הילף די קאָלאָניען און די קאָלאָ־

ניסטען אין דער ערשטער צייט, און אָהן וועלכער גאָט ווייס, וואָס מיט זיי וואָלט געשעהן!... ווי א מלאך המושיע האָט זיך אונז בעוויזען דער באַראָן עדמונד, מיט דעם אידישען נאָמען בנימין ראָטהשילד און האָט אוועקגעשטעלט דעם ישוב אויף די פיס.



דער באַראָן ראָטהשילד

ביי זיין לעצטען בעזוך אין ארץ ישראל אין תרע״ד.

און מערקווירדיג! איך בין זיכער, אז די גאַנצע ציוניסטישע וועלט, אפילו די נייע קאָלאָניסטען אין ארץ ישראל, אפילו דער נייער דור אין ראשון לציון ווייס ניט, אז דערפאַר האָבען מיר צו דאַנקען יוסף פיינבערג׳ען ז״ל. דאָס איז דער שיקזאַל פון די ערשטע ארביי־טער, וועלכע ארבייטען ביים פונדאַמענט — זיי זעהט מען ניט, און דערפאַר ווערען זיי פערגעסען. נאָר די, וועלכע ארבייטען אויפ׳ן דאַך, יענע זעהט מען, פון זיי רעדט מען, זיי קען מען. דערפאַר

טאָקע געפינען זיך ביי אונז א סך ארבייטער וואָס ווילן שוין שטעלן דעם דאַך איידער דער פונדאַמענט איז פעסט, זיי ווילן מען זאָל זיי בעסער זעהן.

די ערשטע טהאַט פון באַראָן ראָטהשילד איז געווען, וואָס ער האָט געגעבען פינף און צוואַנציג טויזענד פראַנק פאַר די ערשטע בעדערפנישע פון ראשון לציון און האָט געשיקט אהין זיינעם א גערט־נער א פראַנצויז ד י ו ג ו ר, אויף צו לערנען די קאָלאָניסטען די ארבייט.

מיט דעם גערטנער האָט זיך אָנגעהויבען די אדמיניסטראַציע, פון וועלכער די קאָלאָניסטען און די קאָלאָניזאַציע האָט געהאַט זעהר פיעל צו ליידען. נאָר דער באַראָן איז אין דעם געווען גאָר ניט שולדיג. ער האָט געוויס גוט געמיינט. ווען ער האָט געהערט, אז די ערשטע קאָ־לאָניסטען פון ראשון לציון האָבען זיך אין רוסלאַנד בעשעפטיגט מיט פראָפעסיאָנען, וועלכע האָבען מיט ערד־ארבייט גאָר ניט צו טהאָן, האָט ער דאַך געמוזט שיקען זיי מענשען, וועלכע זאָלען זיי מדריך זיין, וועלכע זאָלען פיהרען זיי אויף דעם נייעם וועג. די צרה איז נאָר, וואָס אידען מיט בערד איז שוין שפּעט געווען צו פיהרען אין חדר.

א חוץ דעם האָט דער באַראָן בעפוילען, אז די בילו׳צעס, וועל־כע האָבען דאַן געארבייט אין מקוה ישראל, זאָלען אויך אריבערגעהן אין ראשון לציון. די מעשה איז אזוי געווען: אויף ראש השנה, אין יענעם יאָהר איז געקומען צו פאָהרען אין מקוה ישראל דער גרינדער פון דער שולע קארל נעטער. ער איז אויך געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער „אלליאַנס״, פון די, וועלכע האָבען געמיינט, אז די חברה זאָל זיין א ווירקליך אידישע חברה. אז מען האָט אין די צייטונגען אָנגעהויבען שרייבען מכח ישוב ארץ ישראל, האָט ער זיך ערקלערט אלס געגנער, ווייל ער האָט ניט געגלויבט אין די כחות פון די רוסישע אידען און האָט געמיינט, אז נאָר ארימע לייט און שוואַכע, אונפעהיגע צו דער ארבייט וועלען פאָהרען אין ארץ ישראל. אז ער האָט אָבער דערזעהן די בילו׳יצעס אין מקוה ישראל, זייער ארבייט, זייער בעגייסטערונג, האָט ער געביטען זיין מיינונג. איך פערזענליך האָב פיעל מאָל מיט

איהם גערעדט און האָב געזעהן, ווי ער איז בּיסלעכווייז געוואָרען אַ פריינד פון ישוב. ער האָט וועגען אונז אוועקגעשיקט אין פּאַריז צו דעם קאָמיטע פון דער אַלליאַנס אַ בּעגייסטערטען רעפּאָרט. ער האָט דאָ געשטעלט די בּילו׳יצעס אליין גראָבּען אַ פונדאַמענט אום אויסצובויען פאַר זיי אַ הויז אין מקוה ישראל, און האָט איבערהויפּט געהאַט פאַר אונז גרויסע פּלענער. צום אונגליק איז ער אום יום כפּור קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבּען חול דמועד סכות, י״ט תשרי.

פון אַלע זיינע פּלענער איז גאָרנישט געוואָרען. נאָר, אַז דער בּאַראָן האָט בּעשלאָסען צו העלפען ראשון לציון, האָט איהם מיכאל ער־לאַנגער ז״ל בּעוויזען נעטער׳ס בּריעף וועגען די יונגע סטודענטען, וועלכע אַרבּייטען אין מקוה ישראל. און דער בּאַראָן האָט בּאַלד בּע־פוילען, אַז מען זאָל זיי אויך אַריבּערפיהרען אין ראשון לציון. ער האָט דערמיט געטהאָן צוויי זאַכען: געהאָלפען אונז דאָ, ווען אַלע אונזערע האָפנונגען אויף הילף פון רוסלאַנד זיינען געוואָרען צו נישט, און פער־שטאַרקט ראשון לציון דורך אַ נייעם, יונגען, געזונטען, אינטעליגענטען עלעמענט.

8.

גרויס איז געווען די פרייד פון די קאָלאָניסטען, אַז זיי האָבּען בּעקומען די ידיעה פון דער הילף, וועלכע זיי איז אָנגעקומען. זיי האָ־בּען נאָך אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט, פון וועמען זי איז, און פון דאַן אָן איז געבּליבּען פאַר דעם בּאַראָן ראָטהשילד דער נאָמען „הנדיב הידוע״ דער בּעוואוסטער וואָהלטהעטער.

נאָר די פרייד פון די קאָלאָניסטען איז געווען פערשטערט דורך דער מחלוקת, וועלכע האָט דערווייל אויסגעבּראָכען אין דער קאָלאָניע אַלס ירושה פון דער פריהערדיגער שלעכטע צייט. דאָס אָבּטיילען זיך פון די קאָלאָניסטען, יעדער בּעזונדער איז געווען אין איין צייט אי אַן אורזאַכע אי אַ רעזולטאַט פון דער מחלוקת. נאָך שטאַרקער איז זי געוואָרען, אַז דער ועד פון דער קאָלאָניע איז געווען געצוואונגען צו־ליעב קהל׳שע הוצאות לייהען אין ירושלים צעהן טויזענד פראַנק און אַלס פערזיכערונג פער׳משכּנ׳ען די ערד פון דער קאָלאָניע. בּיסלעכ־

וויז האָבען זיך אויסגעבילדעט אין דער קאָלאָניע צוויי פּאַרטייען: די עלטערע און די אינגערע. נאָר ווען מען וואָלט געטיילט די קאָלאָניסטען נאָך זייערע יאָהרען, וואָלטען די אינגערע געהאט די מעהרהייט. דעריבער האָבען די עלטערע אָנגענומען אַן אנדער שלאַגוואָרט: פ ר ו מ ק י י ט. און דערמיט האָבען זיי געקענט צוציהען צו זיך אזוינע מענשען, וואָס נאָך זייער עלטער האָבען זיי געדארפט זיין אין דער יונגער פּאַרטיי. און אזוי ווי די פיהרונג איז געווען אין די הענד פון די אינגערע, זיינען די אונצופריעדענע צוגעשטאַנען צו די עלטערע. מען מוז נאָך דערצו בעמערקען, אז דער אלטער ליבונתין, דער „מיסד", וועלכער האָט נאָך די יאָהרען געהערט צו די עלטערע, נאָר אלס פעטער צו דעם יונגען ליבונתין האָט געקענט שפּיעלען א ראָלע פון א פערמיטלער, איז דאַן אוועקגעפאָהרען אין רוסלאַנד אום צו ליקווידירען זיינע געשעפטען. חנקין איז אויך געפאָהרען אין רוסלאַנד ברענגען זיין פאמיליע, פיינבערג איז געווען אין איירָאָפּא, און דאָס אַלעס האָט אָבגעשוואכט די יונגע פּאַרטיי.

אז עס איז אָנגעקומען דער ווילען פון „נדיב", אז די בילו'צעס זאָלען אריבער אין ראשון לציון, האָבען די פיהרער פון דער עלטערער פּאַרטיי איינגעשמועסט די זעקס ארימע משפּחות, אז דער נדיב האָט דאָס גאָר ניט געהייסען, אז דאָס טהוען נאָר ליבונתין און פיינבערג, וועלכע ווילען פערשטאַרקען זייער פּאַרטיי דורך א גרויסע אָנצאָהל פון יונגע לייט, און דאָס געלד פאר זיי וועט גענומען ווערען פון די פינף און צוואנציג טויזענד פראנק, וועלכע דער באַראָן האָט געגעבען פאר זיי, פאר די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון, ספּעציאל פאר די זעקס משפּחות.

די בילו'צעס האָבען דערפון גאָר נישט געוואוסט און אז הירש, דער דירעקטאָר פון מקוה ישראל, האָט זיי אָנגעזאָגט, אז זיי דאַרפען אריבער אין ראשון לציון, האָבען זיי געדונגען א וואָגען פאר זייערע פּעקלעך און מיט דעם וואגען צוזאַמען צו פוס געקומען אין קאָלאָניע. דאָרט האָבען זיי צו זייער גרעסטען ערשטוינען בעמערקט, אַז די קאָלאָניסטען קוקען אויף זיי מיט זויערע פּנים'ער. אַז זיי האָבען דער־

הערט די אורזאכע פון דער שלעכטער בעגעגעניש, האבען זיי פער־קעהרט די האלאבליעס, ווי מען זאגט, און זיינען אוועק צוריק אין מקוה ישראל.

דא האט זיך אויפגעהויבען א גרויסער רעש. הירש האט געסטרא־שעט, אז ער וועט שרייבען אין פאריז, מען זאל אין גאנצען צונעהמען די שטיצע פון ראשון לציון, ווען די בילו'צעס וועלען דארט ניט זיין. די עלטערע מענשען פון דער קאלאניע זיינען נאך אלץ געשטאנען אויף זייער שטאנדפונקט און זיינען געווען געגען אונזער אויפנעהמען אין קאלאניע, און די קאלאניע איז געווען אין א גרויסער געפאהר. שלים־ליך האט מען זיי איינגעבראכען און מיר זיינען מיט גרויס פאראד ארייגעגאנגען אין ראשון לציון. אין קאלאניע איז צוליעב דעם שלום געמאכט געווארען א גרויסער יום טוב: מען האט געטאנצט און געזונ־גען און ווייל דאס האט זיך געטראפען כ"ד שבט, האט מען אלץ גע־שריען און געזונגען: לא ישובדך נכלם...

די עלטערע האבען נאר אויסגעפיהרט איין זאך: אזוי ווי זיי האבען מורא געהאט, אז מיט אונזער ארייקומען אין ראשון לציון וועט געשטארקט ווערען די פרטיי פון די יונגע מיט א סך שטימען, האבען זיי פערלאנגט, אז אין די אנגעלעגענהייטען פון דער קאלאניע זאל ניט יעדער פון אונז האבען א שטימע, נאר אלע צוזאמען זאלען האבען איין שטימע. צוליעב דעם שלום האט מען זיי דאס געמוזט נאכגעבען.

דער בעשלום האט נישט געהאט קיין פראקטישען ווערטה. דער ועד פון דער קאלאניע איז באלד בטל געווארען. עס זיינען אויך בטל געווארען די אסיפות פון די קאלאניסטען און די גאנצע מאכט איז אריבער צו די פארשטעהער פון באראן ראטהשילד. דער הויפט פיהרער איז געווען הירש, הער דירעקטאר פון מקוה ישראל, און די ערשטע צייט איז געווען זיין פערטרעטער אין ראשון לציון יוסף פיינבערג. נאר אזוי ווי די קאלאניסטען פון דער געגען־פארטיי פלעגען פאהרען צו הירש'ען קלאגען זיך, האט זיך פיינבערג צוריקגעצויגען, און זיין אר־בייט איז איבערגעגעבען געווארען דעם פראנצויז, דעם גערטנער דיור־

גור. מיט דעם אייגענטליך האָט זיך אָנגעהויבען די הערשאפט פון דער אדמיניסטראציע פון באראן ראָטהשילד אין ראשון לציון. די הערשאפט האָט געפיהרט צו פיעלע ליידען און צרות אין דעם לעבען פון די קאָלאָניסטען.

.9

באלד ווי דער גערטנער דיגור איז אָנגעקומען אין ראשון לציון, האָט ער אָנגעהויבען צו בויען די נויטיגע הייזער און די ערשטע זאך דעם ברונען. נאַטירליך, האָט ער פאָרטגעזעצט צו גראָבען דעם ברונען וואָס אונטער'ן בארג, כדי צו האָבען וואסער וואָס גיכער. די קאָלאָניסטען זיינען געבליבען שטעהן ביים אכצעהנטען מעטער. ער האָט אָנגעהויבען צו גראָבען ווייטער. די ארבייט איז געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם. עס האָבען געשטערט די סכסוכים צווישען די קאָלאָניסטען, די מחלוקת וועלכע איז אויסגעבראָכען. דער עולם אין קאָלאָניע פלעגט יעדען פריה מאָרגען אקוק טהאָן אויפ'ן ברונען: בויט, מען, ארבייט מען — איז א סימן, אז עס איז שלום; ארבייט מען ניט, איז אַ סימן, אז די מחלוקת האלט נאך אן. ווען מען האט אויסגעגראָבען ביז אכט־און־צוואנציג מעטער איז די ארבייט געבליבען שטעהן אויף א לענגערע צייט.

ענדליך איז געקומען א סוף צו אלע סכסוכים און מען האָט בעשלאָסען ענערגיש צו אנפאנגען די ארבייט ביים ברונען, אום צו געבען דער קאָלאָניע דאָס, וואָס זי דארף האָבען אם נויטיגסטען — גוטעס וואסער צום טרינקען. נאָר איידער מען האָט געשטעלט ארבייטער צום גראָבען און צו מויערען, האָט מען געוואָלט וויסען, ווי טיעף וועט מען געפינען דאָס וואסער. דאָס האָט מען געקענט ערפאַהרען דורך א באהרער. פאר די וואָס ווייסען ניט וואָס דאָס איז, וועל איך זאָגען, אז די מאַשין איז עהנליך צו א גרויסען פראָפּענציהער. מען דרעהט איהם ווי א פראָפּענציהער אריין אין דער ערד טיעפער און טיעפער, ביז מען דערלאַנגט צום וואסער. מען האָט אין ראשון לציון אויך גענומען אַזאַ באהרער. פיער מענשען האָבען זיך אויף שטריק אראָבגעלאָזען אין ברונען און האָבען געארבייט. אויבען זיינען געשטאַנען אַנדערע, מענשען, וועלכע פלעגען מיט שטריק ארויסציהען דעם באהרער

פון דער ערד נאך דעם סיגנאל פון די אונטערשטע פיער. ביז פינף און דרייסיג מעטער איז די ארבייט געגאנגען כשורה גאנץ שנעל. נאר אויפ'ן זעקס און דרייסיגסטען איז דער באהרער אנגעקומען אויף א הארטען שטיין און ביי א גאנצען טאג ארבייט האט מען געקאנט דורכשלאגען נאר פינף סאנטימעטער, אן ערך צוויי אינטשעס. דערביי האט זיך דער שפיץ פון באהרער אויך אבגעבראכען. די קאלאניסטען זיינען ארומגעגאנגען ווי פערצוויפעלטע, אין קאן איז געשטאנען דער גאנצער שיקזאל פון דער קאלאניע, דען עס איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען א ישוב אהן וואסער. א גאנצע נאכט האט געארבייט אונזער שמיעד יצחק ליב טאפאראווסקי אום צו פעררריכטען דעם באהרער און צו געבען איהם א נייעם, פיעל שטארקערען שפיץ און אויף מארגען האט מען זיך ווידער געשטעלט ארבייטען. און שליסליך איז געלונגען דורכצוברעכען דעם הארטען פעלז, וועלכער איז געווען א האלבער מעטער דיק. אונטער דעם שטיין איז דער זאמד געווען פייכט און מען האט שוין געזעהן, אז וואסער איז שויז ניט ווייט. אויף דעם זעקס און דרייסיגסטען מעטער, איז דער באהרער אראבגעפאלען אליין אין דער טיעף: ער האט דערלאנגט דאס וואסער!

עס איז שווער צו בעשרייבען די שמחה פון די קאלאניסטען. די פיער ארבייטער, וועלכע זיינען געשטאנען טיעף אין ברונען, אז זיי האבען דערפיהלט, אז מען האט געפונען וואסער, האבען זיך גענומען פאר די הענד און האבען גענומען טאנצען און זינגען. די וועלכע זיינען געשטאנען אויבען, האבען ניט פערשטאנען, וואס דאס איז, און האבען געמיינט, אז זיי זיינען איינפאך משוגע געווארען. א לאנגע צייט האבען זיי ניט בעקומען פון אונטען קיין ענטפער אויף אלע זייערע פראגען און געשרייען. פלוצלונג האבען די אונטערשטע נעגעבען א געשריי, אז מען זאל זיי געבען לייטערס אויף ארויסצוגעהן. ווייל דער ברונען איז געווען זעהר טיעף און דער באהרער איז אריין טיעף אין וואסער, זיינען זיי געווען זיכער, אז דער ברונען איז אן ארטעזיאנישער און דאס וואסער וועט פון איהם ארויסשלאגען מיט א שטארקער קראפט, ווי מען וועט נאר ארויסציהען דעם באהרער. מען האט זיי ארויסגעצויגען

אבער אויפ'ן געוועהנליכען אופן און דאס וואסער האט ניט געשלאגען. ביי דעם ברונען איז דאן פארגעקומען א סצענע, וואס קען ניט פערגעסען ווערען פון די, וועלכע האבען דאס בייגעוואהנט. ווי א בליץ האט זיך פרשפרייט אין אלע ווינקעלעך פון דער קאלאניע, זאגאר אויף די פעלדער, די ידיעה, אז מען האט געפונען וואסער. פון אלע זייטען האבען מענער, פרויען און קינדער זיך געלאזט לויפען צום ברונען. פון שמחה האט מען געוויינט, געלאכט, געקושט זיך איינער מיט דעם אנדערען. מען האט זיך פערגעסען אויף די קריעג, די מחלוקות, מען האט געפיהלט, אז די קאלאניע איז געראטעוועט געווארען פון א גרויסער סכנה. מען קען זאגען, אז נאר אין יענעם טאג און ניט כ"ד שבט האט זיך דער שלום אומגעקעהרט אין דער קאלאניע, און אלע קאלאניסטען סאי די מיסדים, סאי די זעקס משפחות, סאי די בילו'צעס, זיינען געווארען ברידער, וועלכע זיינען אין איינעם פערבונדען, אין איין ארבייט אין איין היים, אין איין צוקונפט!

אז מען איז שוין געווען זיכער מיט דעם וואסער, האט מען פארטגעזעצט גראבען דעם ברונען און אין א צייט פון א חדש איז ער געווען פארטיג. אז דער אראבישער אונטערנעהמער האט געקענט אנשעפען דעם ערשטען עמער וואסער, איז ער מיט איהם ארומגעגאנגען צו אלע קאלאניסטען אין די הייזער. דאס וואסער איז נאך געווען שמוציג, פול מיט ליים און מיט זאמד, נאך יעדער האט א טרונק געטהאן פון איהם און האט ארייגעווארפען א מטבע פאר א מתנה. און דער אראבער האט אויף אזא אויפן יענעם טאג צוזאמענגעקליבען א הונדערט פראנק.

די ראשון לציונ'ער מעגען שטאלץ זיין מיט זייער ברונען. ער האט זיי געקאסט פיעל געלד און מיה, נאר זיין וואסער איז ריין, קלאר און זיס. ער איז אזוי רייך אין וואסער, אז פון איהם געהט איצט א וואסערלייטונג צו אלע קאלאניסטען אין די הייזער און גיט זיי וואסער וויפיעל מען דארף. א חוץ די הוצאות אין געלד, האט ער נאך געדארפט קאסטען שפעטער א בעזונדערען עגמת נפש. צום אנהויב האט מען געדארפט שעפען פון איהם וואסער אויף זעהר א פרימיטיווען

אופן. דעם קלאָץ, אויף וועלכען עס האָט זיך געדרעהט דער שטריק מיט דעם עמער וואסער, האָט געדאַרפט דרעהען א שטענדיגער מענש. און איינמאָל איז דער קלאָץ געפאלען און האָט צובראָכען א פוס איינעם פון די בילו'צעס, טאַקע אייערען אַ בעקאַנטען, מיינע ליעבע לעזער, דעם „אנא־מן־האן", וועגען וועלכען איך האָב שוין דערצעהלט. ער האָט געדאַרפט אַ היבשע צייט ליעגען אין יפו אין דייטשען האָספי־טאל. דערנאָך איז ער געפאָהרען נעהמען א קור אין די חמי טבריה, דאָס הייסט אין די טבריה'ער וואַרעם־בעדער און האָט זיך אומגע־קעהרט פאָלקאָמען א געזונדער.



איינע פון דיא גאסען אין ראשון לציון

א פאָר יאָהר שפּעטער האָט מען ערשט פערשאָטען דעם ברונען, וועלכען מען האָט אָנגעהויבען צו גראָבען אויפ'ן שפּיץ באַרג. איידער מען האָט איהם פערשאָטען האָט מען געקלערט אריינוואַרפען אין איהם אין אַ פלעשעל די בעשרייבונג פון די ערשטע יאָהרען פון ראשון לציון, אַלס מאַטריאַל פאַר די חוקרי קדמוניות אין דער צוקונפט. נאָר

אז מען האָט זיך דערמאָנט, אז ראשון לציון וועט קיינמאָל ניט חרב ווערען און די חוקרי קדמוניות לעתיד לבא וועלען ניט האָבען קיין גע־לעגענהייט און קיין מעגליכקייט דאָרט צו גראָבען, האָט מען דאָס גע־פונען פאַר איבעריג און ניט נויטיג...

איצט געפינען זיך אין קאָלאָניע זעקס ברונענס, וועלכע בעוואַ־סערען שעהנע פרדסים, אראנזש־גערטענער, א וואסערלייטונג ברייגנט דאָס וואַסער צו די קאָלאָניסטען אין די הייזער, און די געסט, וועלכע בעזוכען די קאָלאָניע, איהרע נייע קאָלאָניסטען און אפילו די קינדער פון די אלטע קאָלאָניסטען קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי אזוי מען האָט געקענט איבערלעבען זיבען חדשים פיהרענדיג וואַסער פון מקוה ישראל, אָדער טרינקענדיג דאָס שטינקענדע וואַסער פון עיון־קארא.

.10

דעם פורים האָט מען אין ראשון לציון צוגעבראַכט זעהר פרעה־ליך. עס זיינען געקומען געסט פון יפו, עס זיינען געקומען אלע שילער פון מקוה ישראל צוזאמען מיט זייערע לעהרער, מען האָט געטאַנצט אין מיטען דער קאָלאָניע, ארום דער קאָלאָניע און מען האָט געפרעהט זיך, ווי מען קען נאָר פרעהען זיך אין ארץ ישראל.

ניט וועניגער פרעהליך איז אריבער דער ערשטער פסח אין ראשון לציון. פיעלע פון די קאָלאָניסטען האָבען בענוצט דעם חול המועד אויף עולה רגל זיין, דאָס הייסט פשוט דורכגעהן זיך צו פוס אין ירושלים.

נאָך פסח זיינען פאָרגעקומען אין דער קאָלאָניע וויכטיגע נייעס. עס זיינען ערשיענען צוויי גרויסע געסט, וועלכע זיינען געווען וויכטיג פאַר ארץ ישראל בכלל און ראשון לציון בפרט. דער ערשטער פון זיי איז געווען ו ע נ ע צ י א נ י, דער פאָרשטעהער פון דעם באַראָן הירש. די קאָלאָניסטען האָבען איהם צוגענומען מיט גרויס כבוד און האָבען איהם דערצעהלט זייער לאַגע און די לאַגע איז טאַקי געווען ניט פרעה־ליך. דער אונטערשיעד צווישען די מיסדים און די זעקס משפחות איז ביסלעכווייז פערשוואונדען געוואָרען דורך דער צייט פון דעם ווינטער.

נור אייניגע האָבען געקענט אויסקומען אהן שטיצע פון דרויסען... ווענעציאני האָט אַלעס גוט אויסגעהערט און האָט געענטפערט, אַז באַלד נאָך איהם קומט דער פאָרשטעהער פון באַראָן ראָטהשילד, מיכאל ערלאַנגער. און אַזוי ווי די קאָלאָניסטען האָבען שוין בעקומען אַן אונ־טערשטיצונג פון באַראָן ראָטהשילד, מוזען זיי ווייטער פערהאַנדלען מיט דעם פאָרשטעהער פון דעם באַראָן. ווען אָבער ערלאַנגער וועט אין נאָמען פון באַראָן ראָטהשילד, פאַר זיי נישט מאַכען, דאַן וועט ער, ווענעציאַני, קומען זיי צו הילף אין נאָמען פון באַראָן הירש.

און מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער איז ווירקליך געקומען אין ראשון לציון מיכאל ערלאַנגער ז״ל.

ער האָט אויך אויסגעהערט די לאַגע פון די קאָלאָניסטען, און האָט אויסגעהערט אַלעס וואָס זיי האָט געפעהלט און האָט ערקלערט אין נאָמען פון באַראָן ראָטהשילד, אַז ער נעהמט אויף זיך די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון דער קאָלאָניע, אַז דער באַראָן וועט שטיצען ניט נאָר די זעקס משפּחות, די בילו׳צעס, נאָר אַלעמען, ווער עס וועט זיך נויטיגען אין הילף. „אין די הייזער, וועלכע דער באַראָן וועט בויען אין דער קאָלאָניע״, האָט ער ערקלערט, „וועט ניט הערשען ניט קיין הונ־גער, ניט קיין קעלט״.

ער האָט פערלאַנגט אַז די גאַנצע ערד פון ראשון לציון זאָל אי־בערגעשריבען ווערען אויף זיין נאָמען. דאָס איז אייגענטליך געווען א גוטער אויסוועג. פיעלע פון די קאָלאָניסטען זיינען געווען אונצופריע־דען וואָס די ערד איז אויף דעם נאָמען פון אמזלאג און בעזאָנדערס וואָס דער ועד פון דער קאָלאָניע האָט געליהען צעהן טויזענד פראַנק אונטער דער גאַראַנטיע פון דער ערד. ערלאַנגער האָט בעצאָהלט די צעהן טויזענד פראַנק און די גאַנצע קאָלאָניע האָט מען איבערגעשריבען אויף זיין נאָמען. נאָר צוויי פון די קאָלאָניסטען פייוועל הייסמאַן ז״ל און אהרן מרדכי פריימאַן, האָבען פערלאַנגט, אַז זייער לאַנד זאָל פער־שריבען זיין ביי דער רעגיערונג אויף זייערע נעמען. און אַזוי ווי זיי האָבען קיין שטיצע פון באַראָן ניט פערלאַנגט, האָבען זיי אויסגעפיהרט. הייסמאַן האָט דערנאָך זיין ערד און זיין הויז פערקויפט און האָט זיך

בעזעצט אין ירושלים, וואו ער איז שפּעטער געשטאָרבען. און ה׳ פּריי־מאַן איז נאָך ביז איצט דער איינציגער קאָלאָניסט אין ראשון לציון וועלכער האָט זיין לאַנד אויף זיין אייגענעם נאָמען.

מיט דעם אריינטרעטען פון די בילו׳צעס אין ראשון לציון און מיט דעם אריבערגעהן פון דער קאָלאָניע אונטער דעם שוץ פון באַראָן ראָטהשילד, האָט די קאָלאָניע בעקומען די פיזיאָנאָמיע, וועלכע זי האָט געהאָט אַ גאַנץ לענגערע צייט. מען מוז נאָך דערמאָנען נאָך איינינע מאָמענטען פון איהר געשיכטע.

די קאָלאָניסטען און אויך די אדמיניסטראַציע פון באַראָן האָ־בען באַלד געזעהן, אַז דער באָדען פון דער קאָלאָניע איז צו זאַמדיג און פּאַסט ניט צו זייען תבואה. עס זיינען פאָרגעקומען עטליכע פער־זאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט געקלערט, ווי פיהרט מען ארויס די קאָלאָניע אויף אַ רעכטען וועג, זי זאָל קענען עקזיסטירען מיט אייגענע כחות. מען האָט באַלד דערקענט, אַז איהר באָדען איז זעהר געאייגענט פאר פּלאַנצונגען און בעזונדערס פאר וויינגערטענער און די אדמיני־סטראַציע האָט בעשלאָסען צו געבען די קאָלאָניסטען די מעגליכקייט צו בעדעקען זייער באָדען מיט אזעלכע פּלאַנצונגען. די קאָלאָניסטען האָבען פאָרגעשלאָגען אַן אנדער פּלאַן: מען זאָל קויפען פאַר זיי אַ שטיק גוטען באָדען, עס מעג אפילו זיין אַ שעה אָדער צוויי וויים פון ראשון לציון. זיי וועלען בעארבייטען יענעם באָדען און האָבען פון איהם מיט וואָס צו לעבען און דערווייל וועלען זיי אויך ב י ס ל ע כ־ו ו י י ז פלאַנצען וויינגערטענער. נאָר אין פּאַריז האָט מען זיך מעהר צוגעהערט צו דער מיינונג פון דעם דירעקטאָר פון דער קאָלאָניע, ווי צו דער מיינונג פון די קאָלאָניסטען און עס איז בעשטימט געוואָרען צו פלאַנצען אויף׳ן גרויסען מאַסשטאַב. די קאָלאָניסטען האָבען געזאָגט, אַז דערפאַר האָט דער דירעקטאָר אזוי שטאַרק געוואָלט וויינגערטענער, ווייל, ווען מען וואָלט זיי קויפען לאַנד, וואָלטען זיי באַלד געקענט לעבען פון זייער אייגענע ארבייט און די אדמיניסטראַציע וואָלט שוין פאַר זיי געווען גאַנץ איבעריג. אָבער ביי פלאַנצונגען מוז מען וואַרטען עטליכע יאָהר, ביז זיי וועלען געבען צום לעבען, און דערווייל וועט די אדמיניסטראַציע רעגירען...



ראשין לציון

## די גרינדונג פון ראשון לציון

עס איז שווער צו זאָגן, וועלכער וועג איז געווען דער ריכטיגער. די קאָלאָניסטען האָבען געוויס געמיינט גוט און די אדמיניסטראַציע האָט אפשר ווירקליך געהאַט געוויסע פניות. נאָר מען מוז אָבער אויך מודה זיין, אַז די ערשטע קאָלאָניסטען פון ראשון לציון און אויך פון אַנדערע קאָלאָניעס זיינען ניט געווען פון דעם טיפּ, וועלכער קען זיך איבערגעבען צו איינפאַכער ערד־אַרבייט. פאַר זיי זיינען פלאַנצונגען געווען אַן איבערגאַנגס־שטופע צווישען שטאָדטישען לעבען און דאָרפישען, צווישען מסחר און ערד־אַרבייט; עס איז געווען אַן אַרבייט, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבען מעהר שכל, מעהר קאָפּ, ווי שווערע גוף־אַרבייט, ווי הענד. און דערפאַר טאַקע זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך ראשון לציון כמעט אַלע ערשטע קאָלאָניעס: ואדי־חנין גדרה, פתח־תקוה, זכרון יעקב, ראש פנה, רחובות, חדרה.

די פלאַנצונגען האָבען געמאַכט ראשון לציון פאַר אַ חבצלת השרון, פאַר אַן אָאַזיס אין דער וויסטע, די וויינגערטנער האָבען געמאַכט זי פאַר דער הויפּט־שטאָדט פון די קאָלאָניעס פון יהודה.

דריי מיט אַ האַלבען יאָהר נאָך דעם גרינדען פון ראשון לציון איז צוגעקויפט געוואָרען דער אַנדער טייל באָדען, וועלכער איז געלעגען צווישען דער קאָלאָניע און די זאַמד־בערג, דער שטיק באָדען אויף וועלכען די קאָלאָניסטען פלעגען פאַהרען אַנטרינקען זייערע פערד. מיט דער קניה איז דער באָדען פון דער קאָלאָניע כמעט ווי פערדאָפּעלט געוואָרען און אין איהר האָט זיך בעזעצט אַ נייע גרופּע זעלבסטשטענדיגע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען אָבגעקויפט דעם נייעם באָדען, אָדער פאַר וועלכע דער נייער באָדען איז לכתחילה געקויפט געוואָרען.

מיט פיער־פינף יאָהר צוריק איז צוגעקויפט געוואָרען נאָך אַ שטיק לאַנד אין צפונית־מזרחית זייט פון דער קאָלאָניע. ווען מיר זאָלען צורעכענען נאָך אַ דריי טויזענד דונאַם באָדען, וועלכע אַ גרופּע קאָלאָניסטען האָבען געקויפט אין דרום זייט פון דער קאָלאָניע אין דעם אַראַבישען דאָרף ס ר פ נ ד און אַ קלענערען שטיק באָדען, וועלכען אַ פּריוואַט מענש האָט געקויפט אין מערבית־דרומית'דיגע זייט פון דער קאָלאָניע, בעזיצט איצט ראשון לציון כמעט פופצעהן טויזענד דונאַם

## די גרינדונג פון ראשון לציון

באַדען (עטוואס ווענינער פון פיער טויזענד אמעריקאַנישע אַקער), דאָס הייסט פיער מיט א האלב מאָל מעהר וויפיעל עס איז געקויפט געוואָרען מיט פינף און דרייסיג יאהר צוריק.

אין דעם יאָהר האָט נאָך דער דזשעמאַל־פּאַשאַ, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון סיריען און ארץ ישראל, געשענקט דער קאָלאָניע די זאַמד־בערג, וועלכע ציהען זיך פון מערב זייט ביז צום ים, אן ערך פינף און צוואנציג טויזענד דונאם באָבען. דעם באָדען קענען די קאָלאָניסטען ניט בענוצען צו פלאַנצען אויף איהם וויינגערטענער אָדער מאַנדעל־בוימער. נאָר זיי דענקען איהם צו בעדעקען מיט א וואַלד פון פערשיע־דענע בוימער, וועלכע קענען וואקסען אויף זאַמדיגען באָדען און וועל־כע קענען דורך זייערע וואָרצלען איינהאַלטען דעם זאמד, אז ער זאָל זיך ניט בעוועגען און זאָל ניט שאַדען דעם גוטען באָדען אין זיינע שכנות. אזעלכע וועלדער האָט מען געפלאַנצט אין פראנקרייך אויף דעם ברעג פון ים און עס איז געלונגען איינצוהאלטען דעם זאַמד און צו שאַפען וועלדער, וועלכע גיבען א שעהנעם איינטראג. צווישען די זאַמד־בערג געפינען זיך אָאזיסען, וועלכע טויגען צו אַנדערע קולטורען אויך. מיט זיי צוזאַמען וועט דאָס לאַנד האָבען קרוב צו א פיערציג טויזענד דו־נאַם, מעהר אלס צעהנפאַך פון דעם ערשטען געקויפטען לאַנד.

די צאָהל פון די איינוואוינער אין דער קאָלאָניע איז אן ערך טויזענד נפשות.

# די ערשטע רעוואָלוציע
# אין ראשון לציון

.1

עס עקזיסטירט אין דער גאַנצער ציוניסטישער וועלט אַ מיינונג, אַז די אַדמיניסטראַציע פון ראשון לציון אדער, ריכטיגער, דיא שלעכטע ווירקונג פון דער אַדמיניסטראַציע פון באַראָן ראָטהשילד אויף די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון און פון אַלע קאָלאָניען אין ארץ ישראל האָט ענטדעקט אחד העם; און זעלטען ווער עס ווייס, אַז די קאָלאָניסטען זיינען די ערשטע געוועזן צו פּראָטעסטירען געגען דעם סיסטעם, וואָס איז געווען איינגעפיהרט דורך די פערוואַלטונג פון דעם באַראָן אין די קאָלאָניען פון ארץ ישראל, און די פּראָטעסטען זיינען געוועזן אַזוי שטאַרק, אַזוי ענערגיש, אַז פון ביידע צדדים, סאַי מצד די קאָלאָניסטען, סאַי מצד דער אַדמיניסטראַציע האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבען **רעוואָלוציעס**. אַזעלכע רעוואָלוציעס זיינען פאָרגעקומען כמעט אין אַלע קאָלאָניען: אין זכרון יעקב, אין ראש פנה, אין עקרון. נור שטאַרקער ווי אומעטום זיינען זיי געוועזן אין ראשון לציון. נאָך מעהר, אין דער צייט וואָס אין די איבריגע קאָלאָניען האָבען זיך די קאָלאָניסטען נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע איבערצייגט, אַז זיי קענען ניט קעמפּפען מיט דער תקיפ'ער אַדמיניסטראַציע, און האָבען געמוזט בעשליסען צו שווייגען און פאָלגען די עלטערע, אין דער צייט, וואָס מאַנכע פון די קאָלאָניסטען האָבען זיך ווירקליך געלאָזען געהן מיט'ן שטראָם און מקבל זיין באהבה אי די גוטע אי די שלעכטע זייט פון דער אַדמיניסטראַציע, זיינען אין ראשון לציון אין אַ משך פון דריי יאהר פאָרגעקומען **צוויי רעוואָלוציעס**. ערשט, אַז די צווייטע רעוואָלוציע איז אונטערדריקט געוואָרען און איינינע פון די טהעטיגסטע קאָלאָניסטען האָבען געמוזט פערלאָזען די קאָלאָניע, ערשט אַז די קאָלאָניסטען האָבען זיך איבערצייגט,

אז פון דער זייט פון זייערע ברידער, די חובבי ציון פון רוסלאנד, קענען זיי ניט נאר קיין מאַטעריעלע אונטערשטיצונג, נור זאָגאר אַ מאָראַלישע הילף ניט בעקומען, אפילו א גוט וואָרט ניט הערען, האָבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען און געגען זייער ווילען קומען צו דער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיי שפּעטער געפונען אחד העם.

און מעשה שהיה כך היה, אזוי האָט זיך אנגעהויבען די ערשטע רעוואָלוציע.

באלד ווי מיכאל ערלאַנגער האָט אין נאָמען פון באראָן איבערגענומען ראשון לציון, האָט ער בעפוילען צו מאַכען אלע פאָרבערייטונגען, די קאָלאָניסטען זאָלען קענען ארויסגעהן אין דער צייט צו דער ארבייט. די קאָלאָניסטען האָבען מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט, אז מען זאָל שוין קויפען פאַר זיי פערד, וועגען, פלוגען און אַנדערע כלים, וועלכע זיינען נויטיג צו דער ארבייט. נאָר עס איז אריבער סיון, אריבער תמוז, אריבער אב, און עס איז נאָך גאָרנישט געטהאָן געוואָרען. עס איז שוין געקומען דער חדש אלול, אין לאַנד האָט אנגעהויבען בלאָזען א ווינד, וועלכער בלאָזט שטענדיג פאַר די רעגענס און וועלכער האָט בעוויזען, אז דער יאהר וועט זיין א פריהערדיגער יאהר, און עס איז אַבסאָלוט גאָר נישט געטהאָן געוואָרען. אז איינינע קאָלאָניסטען האָבען געפרעגט הירש׳ן פאַרוואָס זעהט ער ניט מען זאָל קויפען די נויטיגע ארבייטס־אינסטרומענטען, האָט ער געענטפערט, אז ער זעהט דערצו קיין נויטיגקייט ניט, „איהר וועט דאָך סאַי ווי סאַי אנטלויפען פון דאַנען און פערלאָזען די קאָלאָניע צוזאַמען מיט ארץ ישראל, הייגט אויף וואָס דאַרפט איהר מען זאָל אויסגעבען געלד אויף צו קויפען פערשיעדענע זאַכען. בעקומט זיך אייך אייער שטיצע אין מזומנ׳ע געלט, ביז איהר וועט אויפעסען דאָס געלד, וואָס דער נדיב האָט אייך בעשטימט, און דערנאָך וועט איהר אוועקפאָהרען...״ אַן אַנדערש מאָל האָט ער אין א געשפּרעך זיך אויסגעדריקט, אז אַלע רוסישע אידען זיינען ניט ווערט דעם שטריק, אויף וועלכען מען דאַרף זיי אויפהענגען... אַזעלכע ווערטער האָבען געבראַכט די קאָלאָניסטען צו פערצווייפלונג. זיי האָבען פערשטאַנען, אז זיי זיינען אליין אין דעם שולדיג. זיי האָבען ניט געדאַרפט מבטל זיין זייער ועד, זייערע

אספּות און דערמיט איבערגעבען די גאנצע פיהרונג פון דער קאָלאָניע אין די הענד פון דער אדמיניסטראציע. זיי האָבען בעשלאָסען צו פערריכטען וואס זיי האָבען קאליע געמאכט. זיי האבען געמאַכט אן אספה און אויס־געקליבען א ועד פון פינף מענשען. עס פערשטעהט זיך, אז ביי די וואהלען האָט מען שוין ניט געקוקט ווער עס האָט שטימרעכט אין דער קאָלאָניע: אלע זיינען געווען גלייך. מען האָט אבער דאך געפונען פאר נויטיג, אז אין ועד זאָל זיין איינער פון די זעקס משפחות און איינער פון די בילו'צעס. פון די לעצטע בין איך געווען דער פארשטעהער אין דעם ניי־אויסגעקלי־בענעם קאָמיטעט.

די הויפּט־אויפגאַבע פון ועד איז געווען צו רעדען מיט דער אדמיני־סטראציע אים נאָמען פון דער קאָלאָניע און פערלאַנגען, אז די פּאָרבעריי־טונגען צו דער ארבייט זאָלען שנעל געמאַכט ווערען. אין ראשון לציון איז דיא אדמיניסטראציע בעשטאַנען פון דעם פראַנצויז, דעם גערטנער דיגור. ער האָט געהערט פון דער בעוועגונג אין דער קאָלאָניע און האָט זיך אביסעל איבערגעשראָקען. אין די עטליכע חדשים, וועלכע ער האָט ביי אונז פער־בראַכט, האָבען די קאָלאָניסטען געמיינט, אז זיי רעדען מיט איהם דייטש, ער האָט אבער קיין דייטש ניט געקענט און האָט זיך אויסגעלע־רענט פון די קאָלאָניסטען צו רעדען אביסעל אידיש, וואס ער האָט אויך געהאלטען פאר דייטש... ער פלעגט אלע טאג אין דער פריה קומען אין ראשון לציון פון מקוה ישראל רייטענדיג, זעלטען פלעגט ער בלייבען נעכטיגען אין דער קאָלאָניע. בעזונדערס פלעגט ער אוועקפאָהרען פרייטאָג פאַרנאַכט און פלעגט זיך אומקעהרען זונטאג פריה. איינמאָל איז ער געבליבען אויף שבת. געהענדיג פארביי א הויז, האָט ער דערהערט ווי מען זינגט און האָט געפרעגט דעם בעל־הבית פון שטוב, ווער זינגט דאס. „דאס זינגט דער שאוחעט זמאירעס"—האט ער איהם געענטפערט. פון דעם ענטפער קען שוין דער לעזער פערשטעהען, וואס פאר א דייטש ער האָט זיך אויסגעלערנט ביי אונז אין קאָלאָניע.

דעריבער אז דער ועד האָט בעשלאָסען מיט איהם דורכצורעדען זיך, ווי עס דאַרף צו זיין, איז ניט געווען קיין אַנדער מיטעל, אז איך אליין זאָל מיט איהם רעדען. ווייל איך בין געווען דער איינציגער אין קאָלאָניע,

וועלכער האט געערדט פראנצויזיש. דיגור אבער האט געוואלט דעם גע־שפרעך אויסמיידען. דעריבער האט ער מיט א טאג פריהער געזאגט, אז איך זאל מארגען פאהרען אין דער דייטשער קאלאניע שרונה צו נעהמען צוויי פלוגען, וועלכע ער האט בעשטעלט פאר דער קאלאניע. איך האב געפרעגט מיינע חברים אין ועד, וואס זאל איך טהאן, פאהרען אין שרונה און ניט זיין ביי דער אונטערעדונג אדער אבלעגען דעם פאהרען? דער ועד האט בעשטימט איך זאל ניט פאהרען: מען האט געווארט אויף די פלוגען אזא לאנגע צייט, וועט מען ווארטען נאך א טאג. דערצו האט מען נאך קיין פערד ניט געקויפט און ארויסגעהן אקערען האט מען נאך ניט געקענט. דער רעגען איז נאך אויך ניט ארויסגעפאלען. מיט איין ווארט, מ'האט געקענט ווארטען.

די אונטערעדונג מיט דיגור עז האט קיינע וויכטיגע רעזולטאטען ניט געבראכט: ער האט אלעס ארויפגעלעגט אויף הירש'ן. נאר מיר האט ער ניט געקענט מוחל זיין, וואס איך האב ניט געפאלגט. און ווען אויף מארגען, פרייטאג, בין איך געקומען נעהמען דאס געלד פאר א וואך, האט ער מיר אבגערעכענט פאר צוויי טעג צוויי פראנק אלס שטראפע. איך האב איהם ערקלערט אז איך האלט מיך ניט פאר שולדיג און האב ניט געוואלט נעהמען וועניגער געלד, וויפיעל מיר איז געקומען נאך דער רעכנונג. מיך האבען אונטערשטיצט אלע בילו'יצעס, וועלכע האבען צוריקגעבראכט דאס געלד, וואס זיי האבען שוין בעקומען. באלד איז דיגור אוועקגעפאהרען אויף שבת אין מקוה ישראל. זונטאג איז ער געקומען צוריק מיט פרישע קרעפטען. הירש האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל אונז ניט נאכגעבען. ער איז באלד געקומען אין הויז, אין וועלכען עס האבען זיך געפונען די בילו'יצעס און האט זיך אנגעהויבען צו בייזערען. מיר האבען איהם געענט־פערט, און ער איז אוועק מיט כעס. דא האט זיך איהם געטראפען, אז ער האט זיך פר א קלייניגקייט פערטשעפעט מיט יעקב חנקין, א זוהן פון דעם קאלאניסט יהודה ליב חנקין (דער „דיאיקי'') און ער, חנקין, האט איהם געזאגט אויף ריין דייטש: „דוממער קערל''. דיגור איז צוקאכט געווארען און איז געלאפען אויסגיסען זיין הארץ פאר איינעם פון די עלטערע קאלאניסטען, פייוועל הייסמאן. דער האט געוואלט טרייסטען איהם און

האָט זיך גענומען רעדען מיט איהם ריין דייטש. נאר זיין גאַנצער דייטש איז בעשטאַנען פון די ווערטער יאַ, יאַ, (טאַקי מיט אַ פּתח! ...) דיגור האָט אבער געמיינט, אז מיט די ווערטער וויל ער אויך זאגען, אז ער איז א „דוממער קערל". ער איז געוואָרען נאָך מעהר אין כעס און איז אַוועקגע־לאָפען אין שטאַל, געכאַפּט שנעל זיין פערד און איז אַוועקגעלאָפען אין מקוה ישראל. מעהר איז ער שוין אין ראשון לציון ניט געקומען. ער איז געווארען גערטנער אין זכרון יעקב. אין ראשון לציון איז שפּעטער גע־קומען אן אנדער גערטנער, קאוועלאן, עס פערשטעהט זיך, אויך א פראַנ־צויז, וועלכער האָט געזעהן א סך וויינגערטענער אין אלזשיר, און וועלכער איז געווען א גרויסער מבין אויף קאָניאַק. אמת זיינע מבינות האָט איהם מעהר געצויגען צום כמות ווי צום איכות, מעהר צו דער קוואנטיטעט ווי צו דער קוואליטעט. נאָר דאָס איז אויך געווען א מעלה, בעזונדערס שפּעטער, אז עס איז געווען א זאָרג, וואו אהין צו פערקויפען דעם ראשונ'ער וויין און קאָניאַק. מען האט געזאגט, אז נאָך צוויי אזעלכע קאוועלאַנס און די פראַגע וואָלט געוואָרען אויס פראַגע ...

פלאַנצען וויינגערטנער האָט ער אבער ניט געקענט. ער פלעגט, ווי מ'זאָגט, פלאַנצען די וויינשטאָקען מיט'ן קאָפּ אראָב ...

.2

נאָך ראש־השנה האָט די רעוואָלוציע אויסגעבראָכען נאָך שטאַר־קער. מוצאי יום־טוב אויף אן אסיפה פון די קאָלאָניסטען איז בעשלאָסען געוואָרען אויפצוטרעטען ענערגיש. צו ערשט האָט מען געשיקט קיין פּאַריז א דעפּעשע און נאָך איהר איז אַוועק אַ בריעף. די דעפּעשע און דער בריעף זיינען געשיקט געוואָרען אין צוויי צאָפּיעס, איינע צו ערלאַנגערן און די אַנדערע צום רב צדוק הכהן. עס פערשטעהט זיך אז אלעס איז געווען געשריבען אין פראַנצויזיש, און דער שרייבער האָב איך נאָר געקענט זיין. אונטערגעשריבען זיינען געווען אלע קאָלאָניסטען, ניט נאָר דער ועד אליין. מיר האָבען זיך בעקלאגט אויף הירש'ן און אויף זיין פיהרונג מיט דער קאָלאָניע, און מיר האָבען איינפאַך בעשולדיגט איהם, אַז ער זוכט איהר אונטערגאַנג.

# דיא ערשטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון

מיט צעהן טאָג שפּעטער האָבּען מיר אַוועקגעשיקט נאָך אַ צווייטען בּריעף, וועלכער איז געווען נאָך שאַרפער פאַר דעם ערשטען. אויף אונזערע בּריעף און דעפּעשען, האָבּען מיר בּעקומען פון פּאַריז אַן ענטפער, אַז דער ענטפער איז בּיי הירש׳ן. פון פּאַריז האָט מען איהם ווירקליך אַבּגעשיקט אונזערע בּריעף און מען האָט בּיי איהם געפרעגט, וואָס דאָס בּעדייט. מ׳קען זיך פאָרשטעלען דעם כעס און דעם צאָרן פון הירש׳ן, אַז ער האָט איבּערגעלייענט דאס וואס מיר האָבּען וועגען איהם געשריבּען! נאר ער האָט פערשטאַנען, אַז אַוועקמאַכען מיט׳ן האַנט אַ גאַנצען קהל, זאגען אַז אַלע ראשונ׳ער זיינען ליגנער, איז ניט טאַקטיש. דעריבּער האָט ער ארויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף מיר אַליין. ער האָט ערקלערט אין פּאַריז, אַז די קאָלאָניסטען מיינען גאָר ניט דאָס וואָס זיי האָבּען אונטערגעשריבּען, נאָר צווישען זיי איז פאַראַן אַ רוסישער סטודענט, וועלכער בּונטעוועט זיי. אלס ראיה האָט ער אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז די בּריעף האָבּען דיזעלבּע האַנדשריפט ווי מיין אונטערשריפט הייסט דאָס, אַז איך האָבּ אליין געשריבּען די בּריעף און די איבּריגע קאָלאָניסטען האָבּען ניט געוואוסט, וואָס זיי האָבּען אונטערגעשריבּען.

אין פּאַריז האָט מען אָנגענומען די מיינונג. מ׳דארף ניט פערגעסען, אַז דאָס האָט אַלעס פּאַסירט נאָר מיט אַנדערהאַלבּען יאהר שפּעטער, ווי עס איז געהרג׳עט געוואָרען דער רוסישער קיסר אלכסנדר דער צווייטער, און אין יענער צייט האָט אין גאַנץ אייראָפּאַ אַ רוסישער סטודענט געהאַט אַ נאמען פון אַ ניהיליסט, אַנאַרכיסט און פון אַנדערע שרעקליכע און געפעהרליכע מענשען.

חול המועד סכות זיינען אלע קאָלאָניסטען געפאהרען אין מקוה ישראל אויסצוהערען דעם ענטפער פון פּאַריז לויט דער דעפּעשע וועלכע מיר האָבּען בּעקומען. נאָר אין מקוה ישראל האָבּען מיר געטראָפען א ל י ה ו  ש י ר, וועלכער איז דאן צום ערשטען מאָל געקומען אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אונז פאָרגעשטעלט אלס פערטרעטער פון בּאַראָן ראטשילד און האָט אונז געפרעגט, וואָס זיינען מיר געקומען טהאָן אין מקוה ישראל. מיר האָבּען געזעהן, אַז ער איז ארויס פון פּאַריז נאָך איידער אונזערע בּריעף און דעפּעשען זיינען אַנגעקומען און ער האָט נאָך קיין

פאַללמאַכט צו ענטשיידען אלע פראַגען, וועלכע האָבען אונז אינטערעסירט. דעריבער האָבען מיר אין יענעם מאָמענט גאָר ניט געוואָלט רעדען מיט איהם און אויך ניט רעדען מיט הירש'ן פריהער, ווי מיר האָבען מיט איהם גערעדט. מיר האבען איהם געענטפערט, אז מיר זיינען געקומען אויף נעטער'ס קבר, ווייל אין יענעם טאָג איז געוואָרען פונקט א יאהר ווי נעטער איז געשטאָרבען... אויף מאָרגען איז ער ווירקליך געקומען איז ראשון לציון. מיר האָבען איהם דערצעהלט אונזער לאַגע און אלע קלאַגעס אויף הירש'ן. ער האָט אונז אויסגעהערט און האָט צוגעזאָגט אלעס צו שרייבען קיין פאַריז. און עס ווייזט אוים, אז ער האָט טאַקע געשריבען און אונז א טובה געטהאָן. ער, שיד, אז געוואָרען נאָך דעם דער גאַנצער בעל־הבית איבער די קאָלאָניען פון באַראָן אין ארץ ישראל און אין זיינע אינטערעסען איז געווען צו בעזייטיגען הירש'ן.

דערווייל איז די שטיצע פון דער קאָלאָניע אבגעשטעלט געוואָרען. איינע פון די שווערסטע עפּיזאָדען פון יענער מלחמה איז געווען א בריעף פון באַראָן ראטשילד צו די קאָלאָניסטען. דער בריעף איז געווען געשריבען אונטער דעם איינפלוס פון הירש'ס בריעף געגען אונז דעריבער איז ער געווען העכסט בעליידיגענד. ער האָט גערופען די קאָלאָניסטען בעטלער, שנאָרער, אונדאַנקבאַרע מענשען, דור המדבר און זאָ ווייטער. נאר די שפּעטערדיגע ארבייט פון באַראָן פאר ארץ ישראל און זיין ליעבע צו דעם לאַנד און זיין קאָלאָניזאַציע האָבען געמאַכט די קאָלאָניסטען פערגעסען אָן דעם בריעף. איצט פערשטעהט מען גאַנץ גוט, אז ער איז געווען דיקטירט פון אונוויסענהייט דורך דעם וואס הירש האָט געהאַלטען אין איין פערלוימדען די קאָלאָניסטען.

דערווייל איז אנגעקומען אלס דירעקטאָר אין ראשון לציון ה' ב ן ש י מ ו ל, וועלכער איז פריהער געווען א לעהרער אין מקוה ישראל. כאָטש ער איז געקומען פון מקוה ישראל און איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס און אונטער דער האנד פון הירש'ן, האָט ער בעשלאָסען אריינצולעגען זיך אין אַ שלום. די לאַגע פון די קאָלאָניסטען איז געווען שרעקליך פיעלע האָבען געהונגערט. בן שימול האָט אָבער ניט געהאַט קיין רעכט ארויסצוגעבען געלט די קאָלאָניסטען. נאר ער האָט זיך ערלויבט איין

קליינינקייט: ער האַט בעשטעלט אין יפו אַ וואַגען ברויט, וועלכען מען האַט אריינגעפיהרט אין קאָלאָניע, די, וועלכע האָבען דאָס איבערגעלעבט און די וועלכע האָבען געזעהן, ווי אַנשטענדיגע בעלי בתים זיינען גע־גאַנגען צום וואַגען און האָבען איינפאַך געכאַפּט פון איהם לעבּלעך ברויט אוועקצוטראָגען צו די הונגעריגע קינדער, וועלען דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען.

ענדליך איז דעם ערשטען יאנואר 1884 אנגעקומען פון באַראָן אַ דעפּעשע, אין וועלכער עס איז געשטאַנען פאָלגענדעס: „מיר ערלויבען ווידער איינצופיהרען די שטיצע, נאָכדעם ווי די קאָלאָניסטען אליין וועלען ארויסטרייבען (פון דער קאָלאָניע) דעם סטודענט בעלקינד". די קאָלאָ־ניסטען האָבען דערפון ניט געוואָלט הערען און זיינען געווען גרייט ווייּ־טער צו קעמפען. איך האָב אָבער געזעהן, אַז פאַר די קאָלאָניסטען איז געווען אונמעגליך פאָרטצוזעצען דעם קאַמפּף. פיעלע פון זיי האָבען איינפאַך געהונגערט און הילף האָט מען פון אַן אנדער קוועלע ניט געקאָנט קריגען. איך בין דאַן אַליין אריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר און האָב איהם ער־קלערט, אַז איך געה אַליין אוועק פון דער קאָלאָניע.

דער דירעקטאָר האָט זיך זעהר דערפרעהט, וואָס די פראַגע איז געלייזט געוואָרען און האָט מיר פערשפּראָכען, אַז מיין אוועקגעהן וועט ניט האָבען קיין שלעכטע רעזולטאַטען פאַר מיין ברודער און מיין שוועס־טער, וועלכע האָבען ביידע געהערט צו די בילו'צעס. די קאָלאָניסטען האָבען זיך געטרייסט דערמיט. וואָס מיין אוועקגעהן איז געווים נאָר אויף אַ קורצער צייט, אַז איך וועל שפּעטער קענען צוריק אריין אין דער צאָהל פון די קאָלאָניסטען. זיי האָבען בעשלאָסען מיר צו צאָהלען פון זייערע קעשענעס די דרייסיג פראַנק אַ חודש, וועלכע איך פלעג בעקומען פון דער אַדמיניסטראַציע. דער בעשלוס איז געבליבען נאָר אויפ'ן וואָרט און איז קיינמאָל ניט אריבער למעשה, נאָר איין מאָל האָט מיר איינער פון זיי געגעבען אַ פראַנק.

איך אַליין האָב אנגענומען מיין אוועקגעהן פון דער קאָלאָניע אַלס אויסשליסונג פון דער צאָהל פון די קאָלאָניסטען, דאָס הייסט איך האָב פערלוירען דאָס רעכט צו בעקומען עטוואָס פון דער אַדמיניסטראַציע:

ערד, אַ הויז, ארבייט, שטיצע איך האָב אבער גערעכענט, אז אַלס א פּריוואַט מאן קען איך בּלייבּען אין הויז פון מיין ברודער און מיין שוועס־טער, נאָר איך האָב געהאט א טעות! אין עטליכע טעג ארום האָט בן שימול ערקלערט, אז דער קאָלאָניסט, ביי וועמען איך וועל נעכטיגען אַ נאַכט, וועט בּעצאָהלען פופצעהן פראַנק שטראָף. אום ניט צו שאַדען מיין בּרו־דער, בּין איך נײן א זייגער ביי נאַכט אוועק פון זיין הויז און אוועקגעגאַנ־גען שלאָפען צו יוסף פיינבערג'ן ע"ה. ער האָט קיין שטיצע ביי דער אד־מיניסטראַציע ניט גענומען און האָט ניט מורא געהאט פאר דער שטראָף. און אויף מאָרגען זעקס א זייגער אין דער פריה, בּין איך אוועק צו פוס אין יפו.

דערמיט האָט זיך פאר מיר אנגעהויבּען א לעבּען, פון וועלכען מ'קען זיך איצט ניט מאַכען קיין פאָרשטעלונג. די גאַנצע וועלט פאר אונז איז געווען דאָן ראשון לציון. קיין אַנדערע קאָלאָניעס האָבּען נאָך דאַן אין יהודה ניט עקזיסטירט. אין יפו אויסער די פינף חיים'ס זיינען כמעט קיין אידען ניט געווען. בּיי חיים בּעקער האָב איך געקענט אמאָל אי־בּערשלאָפען אַ נאַכט און אויפעסען אַ פּיינקוכען און בּיי אַ נייעם אידען, ר' ליב בּיעדער, וועלכער האָט געהאָט אַ קליין קרעמעלע אין אַ ווינקעל פון אַ גאַס, האָט מען געקענט אויפעסען אַ געבּאַקטען לעבּערעל מיט בּרויט אָדער אויסטרינקען אַ בּלאַסע גלאָז טהעע, נאָר אויף די אלע זאכען האָט מען צום אומגליק גערארפט האָבּען געלט...

שווערער ווי מיט אלץ איז געווען מיט'ן שלאָפען. אז עס פלעגט ווערען נאַכט, פלעג איך אָנהויבּען צו קלערען, וואוהין געהט מען שלאָפען, און גאַנץ אָפט פלעג איך אין דער פינסטער אוועקגעהן אין ראשון לציון (דריי שעה צו פיס). דאָרט שלאָפען און פארטאָג אוועקגעהן צוריק אין יפו. כדי לקים זיין פאר'ן דירעקטאָר דעם פסוק: „ולא ידע בשכבי ובקומי." אויף שבת פלעג איך אלע מאָל געהן אין ראשון לציון, ווייל אויף שבת פלעגט דער דירעקטאָר אוועקפאָהרען אין מקוה ישראל, און איך פלעג קענען פריי ארומגעהן אין דער קאָלאָניע. נאר אין ראשון לציון אריין פלעג איך מוזען געהן ניט מיט'ן וועג נאָר מיט די פעלדער, כדי ניט צו

בּעגעגענען בּן שׂימול אויפ'ן וועג נאָך מקוה ישראל. און מיט דעם זעלבּען אופן פלעג איך דאַרפען זונטאַג פריה אומקעהרען זיך קיין יפו.

ווען עס איז ריכטיג אַז, צרת רבים — חצי נחמה, האָבּ איך בּאַלד געקענט טרייסטען זיך דערמיט, אַז צו מיר זיינען צוגעשטאַנען נאָך צוויי חברים. איינער פון בּילו'צעס, וועלכע זיינען געווען אין ראשון לציון, און איינער פון די חברים, וועלכע האָבּען געאַרבּייט אין מקוה ישראל. דער־ערשטער, ה' ראַסטאָוואָסקי, האָט ניט געקענט איבּערטראָגען די נייע אָרדנונג אין ראשון לציון און דער צווייטער האָט זיך ניט געלאָזען בּע־ליידיגען פון הירש'ן. מיר זיינען געווען דריי און פלעגען צוזאַמען אַרומ־וואַנדלען איבּער יפו און אַרום דער שטאָדט.

ענדליך האָבּען מיר בּעשלאָסען אַוועקצוגעהן קיין ירושלים. און פאַר אַזאַ וועג האָבּ איך זיך געמוזט זעגענען מיט מיין בּרודער און מיין שוועסטער. וויסענדיג, אַז איך פערלאָז זיי אויף אַ לענגערער צייט, האָבּ איך געוואַגט אַריינגעהן אין ראשון לציון בּיי טאָג. איך בּין צוגע־גאַנגען צו דעם הויז, וואו מיין בּרודער האָט געוואוינט און האָבּ געפונען איהם מיט מיין שוועסטער אויפ'ן גאָרטען בּיים הויז, וואו זיי האָבּען גע־זעהט קאַרטאָפעל. לעבּען זיי זיינען געשטאַנען בּן שׂימול מיט דעם פראַנצויז דעם גערטנער קאָוועלאָן. איך בּין צוגעגאַנגען, האָבּ זיך מיט זיי בּעגריסט און האָבּ זיי געזאָגט, אַז אַזוי ווי איך וויל אַוועקפאָהרען קיין ירושלים, בּין איך געקומען נעהמען מיינע זאַכען.

— „ווי?" — האָט דער דירעקטאָר אויסגעשריען: — אייערע זאַכען זיינען נאָך דאָ?!"

„וואו דען זאָלען זיי זיין?" — האָבּ איך געפרעגט, — „אַז איך האָבּ נאָך אין יפו קיין הויז ניט." — דאָך האָט ער ערלויבּט מיין בּרודער זאָל מיט מיר אַריינגעהן אין הויז, מיר האָבּען אָבּגערוהט, אָבּגעטרונקען טהעע און דערנאָך האָט דער בּרודער איינגעשפּאַנט זיין מוילטיר אין זיין וועגיל מיט צוויי רעדער און האָט אונז אַלע דריי אַוועקגעפיהרט בּיז רמלה, פון דאָרטען זיינען מיר צופוס אין אַ גרויסען רעגען אַוועק קיין ירושלים.

## 3

אין ירושלים האָב איך פערבראַכט אַ חדש צייט און דעם זעקסטען אדר האָב איך זיך אומגעקעהרט אין יפו. איך האָב געוואָלט דעם זעלבען טאָג נאָך זיין אין ראשון לציון. קיין דיליזשאַנסען צווישען יפו און דער קאָלאָניע זיינען נאָך דאַן ניט געגאַנגען. איך האָב אָבער געפונען אַ קאָלאָניסט, וועלכער איז מיט זיין אייגענעם וואָגען געקומען פון דער קאָלאָניע אין יפו. איך האָב איהם געפרעגט, אויב איך וועל קענען מיט איהם אונטערפאָהרען, האָט ער מיר געענטפערט: יאָ. איך בין דעם גאַנצען טאָג אַבגעזעסען אין יפו און געוואַרט ביז וואַנען דער וואָגען וועט געהן. ענדליך שוין אין אָווענד, אַז ער האָט שוין געהאַלטען ביים אוועקפאָהרען, האָט מיר דער קאָלאָניסט געזאָגט, אַז ער קען מיך ניט נעהמען אויף זיין וואָגען, ווייל ער האָט מורא פאַר דעם דירעקטאָר. פאַר מיר איז דאָס אָבער קיין אַבהאַלט ניט געווען און כאָטש עס איז געוואָרען גוט נאַכט, בין איך אַוועק צופוס אין ראשון לציון. פאַר מיר איז דאָס קיין נייעס ניט געווען. פורים האָב איך זיך דעם ערשטען מאָל בעגעגענט מיט דעם דירעקטאָר אין ראשון לציון, אָפען, ביי אייניגע קאָלאָניסטען אין די הייזער. איך האָב מיט איהם גערעדט און גאַנץ אָפט בענוצט דעם אויסדרוק „אונזער קאָלאָניע”. די גזרה איז שוין געווען פאַריבער. דאָס הייסט איך בין געווען אויס קאָלאָניסט אין ראשון לציון, אָבער איך האָב געקענט זיין ביי מיין ברודער און העלפען איהם אין דער אַרבייט.

אַרום פסח איז אָנגעקומען אין ראשון לציון אַ נייער דירעקטאָר, אַ רוסישער איד, יהושע אָסאָוועצקי. די מעשה מיט זיין קומען אין ארץ ישראל איז אַזוי געווען: אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָבען פיעלע אידען זיך געלאָזט לויפען קיין אַמעריקאַ, אין פערשיעדענע אייראָפּעאישע לענדער, אָבי אַרויסכאַפּען זיך איבער דער רוסיש־עסטרייכישען גרעניץ. די, וועלכע האָבען געהאַט מיטלען זיינען דערפאָהרען וואוהין זיי האָבען געוואָלט. אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי איז געבליבען שטאָקען ניט ווייט פון גרעניץ און האָבען ניט געקענט ריהרען זיך פון אָרט. אין דער קליינער שטאָדט בראָד, אין עסטרייך, ביים רוסישען גרעניץ האָבען זיך צונויפגעקליבען ביז צוועלף טויזענד מענשען. אין

שטאָדט איז פאר זיי קיין פּלאַטץ ניט געווען און זיי זיינען געזעסען אין בּיידלעך אויסער דער שטאָדט און האָבּען געליטען פון קעלט און פון נעץ, און דערבּיי גאַנץ גוט צוגעהונגערט. דאן האָט די חברה כל ישראל חברים געשיקט אין בּראָד איהרען אַ פאָרשטעהער, קאַרל נעטטער, אום צו זעהן וואָס עס איז צו מאַכען מיט דיא אידען. ער האָט דאָרט געהאַט אַ היבּש שטיקעל אַרבּייט. דעם גרעסטען טייל האָט ער אָבּגעשיקט אין רוסלאַנד צוריק. אַ קלענערען טייל קיין אַמעריקע און האָט ווי עס איז ריין געמאַכט בּראָד. ער האָט אַפּילו גערעדט דייטש; פונדעסטוועגען, אום בּעסער צו פערשטעהן די אידען האָט ער צווישען זיי געפונען צוויי יונגע לייט, וועלכע האָבּען גערעדט פראַנצויזיש, און האָט זיי געמאַכט פאר זיינע העלפער. איינער פון די צוויי איז געווען אַ ס אָ ו ו ע צ ק י און דער אַנדערער אָ ש ר י. פון דער גאַנצער מאַסע אידען האָט ער אויסגעקליבּען אַכט־און־צוואַנציג קינדער און האָט זיי אוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל אין מקוה ישראל, אונטער דער פיהרונג פון דיזע צוויי יונגע לייט, וועלכע זיינען געווארען לעהרער אין מקוה ישראל. זיי האָבּען געפיהרט פריינדשאַפט מיט די קאָלאָניסטען און פלעגען אָפט קומען צו זיי צו גאַסט. בּעזאָנדערס האָט דאָס געטהאָן אַסאָוועצקי, ווען די בּילו׳צעס האָבּען געאַרבּייט אין מקוה ישראל פלעגט ער כמעט אלע שבּת קומען צו אונז פערבּרענגען און האָט פיעל מאָל געזאָגט אז ער וואָלט געוואָלט ווערען אַ בּילו׳יעץ און אריינטרעטען אין אונזער חברה.

ווען מען האָט איהם בּעשטימט פאר אַ דירעקטאָר אין ראשון לציון זיינען די קאָלאָניסטען געווען זעהר צופרידען. זיי האָבּען אין איהם געזעהן ניט נאָר אַ פּערזענליכען גוטען פריינד, נאָר אַן אייגענעם מענשען, וואָס פערשטעהט זייער שפּראַך, זייער כאַראַקטער, זייער אידעאַל.

מיט דעם האָט זיך אייגענטליך געענדיגט די ערשטע רעוואָלוציע, און געענדיגט זיך מיט אַ זיעג פאר די קאָלאָניסטען. אין זייערע פאָדערונגען האָבּען זיי אלע מאָל בּעטאָנט, אז זיי ווילען האָבּען פאר אַ פערמיטלער צווישער זיי און דער אדמיניסטראַציע אַ רוסישען אידען, מיט וועמען זיי זאָלען זיך קענען צונויפריידען. און זייער וואונש, זייער פאָדערונג איז ערפילט געוואָרען. אַ חוץ דעם איז היר״ש גענצליך בּעזייטיגט געוואָרען

פון דער פערוואלטונג פון דער קאלאניע. דיגור איז אוועק, און דער נייער גערטנער, קאוועלאן, האט זיך נישט געמישט אין דער פאליטיק פון דער קאלאניע. די קאלאניסטען האבען בעקומען רעגעלמעסיג זייער שטיצע און אין קאלאניע האט געהערשט שלום ושלוה. נאר איין מענש האט געליטען פון דער רעוואלוציע: דאס איז געווען מיינע ווייניגקייט. נאר מיינע ליידען זיינען פערהעלטניסמעסיג אויך באלד געקומען צו ענדע. די רוסישע חובבי ציון האבען געהאלטען פאר די קאלאניסטען און עס איז צו גלויבען, אז דיזער האלטען האט געווירקט אויף די פאריזער הערען און האט ביי־געטראגען צו דעם זיעג פון די קאלאניסטען. בעזונדערס איז דאס צו זעהן פון מיין פערזענליכער געשיכטע. איך האף, אז די לעזער וועלען מיר מוחל זיין, ווען איך וועל אביסעל רעדען וועגען זיך אליין, ווייל דערפון וועלען זיי זעהען די פערהעלטניסען, וועלכע האבען דאן עקזיסטירט און געהערשט.

א דאנק דער שתדלנות פון מיין פריינד אברהם שלום פריעדבערג ז״ל, וועלכער איז דאן געווען דער צווייטער רעדאקטאר פון „המליץ״ האט דער בעוואוסטער נדיב ק״ז וויסאצקי ז״ל מיר געגעבען מיטלען צו קויפען א שטיקעל לאנד אויף מיין איי גע נעם נאמען און וואו איך וויל, און די געזעלשאפט חובבי ציון האט מיר געגעבען טויזענד רובל אויף די איבריגע זאכען פון קאלאניזאציע. איך האב געקויפט א חלק לאנד אין דער קאלאניע גדרה, וועלכע האט זיך דאן געגרינדעט. דער פאקט אליין האט געווירקט, אז מען זאל מיך לאזען רוהיג זיצען אין ראשון לציון. מען האט געזעהן אז די וועלט איז ניט הפקר, אז עס איז פאראן א דעת הקהל און מען האט זיך מיט איהר גערעכענט. מיט א יאהר שפעטער האט אים נאמען פון די רוסישע אידען בעזוכט ארץ ישראל ק״ז וויסאצקי. ער האט בע־שטימט, אז די חובבי ציון זאלען העלפען די קאלאניען פתח תקוה און גדרה. אוועקפאהרענדיג האט ער איבערגעגעבען די גאנצע פיהרונג פון די געשעפטען פון חובבי ציון צו אן אראבישען אדער א מאראקאנישען אידען, אברהם מויאל ז״ל, און צו איהם אלס מזכיר איז בעשטימט גע־ווארען ה׳ אליעזר רוקח, וועלכער איז טאקע געקומען אין ארץ ישראל אינאיינעם מיט וויסאצקי׳ן. אין דער אמת׳ן איז רוקח א געבארענער אין ארץ ישראל, אין צפת, נאר ער איז ארויסגעפאהרען אין אייראפא, האט

# דיא ערשטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון

רעדאַקטירט אין רומעניען א צייטונג „היועץ", איז געווען איינער פון די ערשטע חובבי ציון און איהם האָט וויסאָצקי מיטגעבראַכט אין ארץ ישראל אלס זיין סעקרעטער.

מויאל האָט געפיהרט די ארבייט גאַנץ ענערגיש און ניט שלעכט. נאָר ער איז באַלד קראַנק געוואָרען. מען האָט איהם פריהער אָבגעשניטען א פוס און דערנאָך איז ער פאַרט געשטאָרבען. דורך זיין לאַנגע קראַנקהייט און זיין שטאַרבען זיינען די געשעפטען פון די חובבי ציון געקומען אין א גרויסער אונאָרדנונג. מען האָט געדאַרפט געפינען א מענשען, וועלכער זאָל איבערנעהמען אויף זיך די אַרבייט און ברענגען אין איהר אָרדנונג. וואַרטען ביז עס וועט קומען א מענש פון רוסלאַנד איז געווען אונמעגליך. עס איז געווען ארבייטס־צייט. די ענינים פון די קאָלאָניסטען זיינען געווען פערפלאָנטערט און מען האָט געמוזט איילען. דאָ האָט זיך רוקח דערמאָנט אויף הירש'ן. הירש איז געווען א פערזענליכער פריינד פון דעם פער־שטאָרבענעם מויאל און אוים פריינדשאַפט איז ער געווען געניינט צו ברענגען אין אָרדנונג דאס וואס איז געווען אין אונאָרדנונג. קיין בעסערער מענש איז דאַן טאַקע אין יפו אויך ניט געווען. פון דער ראשון לציונ'ער רעוואָלוציע זיינען שוין אריבער צוויי יאָהר און אין דער צייט האָט זיך פיעלעס איבערגעביטען, פיעלעס פערגעסען געוואָרען. טעלעגראַפיש האָט רוקח פאָרגעשלאָגען דעם פּלאַן צו דר. פינסקער ז"ל און טעלעגראַ־פיש איז פון דר. פינסקער אָנגעקומען זיין הסכמה און זיין בקשה צו הירש'ן איבערצונעהמען די געשעפטען פון די חובבי ציון.

ווען איך בין געווען אין יפו ביי דער לויה פון מויאל, האָב איך שוין געהערט, אז ס'קען זיין אז הירש וועט ווערען דער פיהרער פון די קאָלאָניעז, פון די חובבי ציון, פון פתח תקוה און פון גדרה. און בין בטבה ניט קיין שרעקענדיגער און פערזענליך האָב איך גאָרנישט געהאַט וואס מורא צו האָבען: דאס לאַנד איז געווען אויף מיין נאָמען און דאס געלד איז אויך געשטאַנען צו מיין פערפיגונג, און איך האָב ניט געדאַרפט אָנקומען צו קיין אַדמיניסטראַציע. דאָך האָב איך זיך געפיהלט ניט גוט, ווען איך האָב געהערט פון דעם פּלאַן. צוויי יאָהר האָבען מיר ניט גערעדט; צוויי יאָהר פלעגען מיר זיך אָבקעהרען אינער פון דעם אַנדערן, ווען מיר פלע־

גען זיך אַמאָל בעגעגענען אין יפו אין גאַס. און איצט ווידער בעגעגענען זיך מיט איהם! ווידער זיין אין דער קאָלאָניע אין וועלכער ער וועט זיין א בעל הבית! עס איז געווען אונאַנגענעהם.

פון דער לויה האָבען מיר זיך אומגעקעהרט אַהיים אין גדרה און גענומען זיך צו דער ארבייט. עס איז געווען ווינטער. די ארבייט איז געווען דרינגענד און מיר האָבען קיין צייט ניט געהאַט אבצוגעבען זיך מיט פּאָליטישע פראַגען. נאָר אין א פּאָר טעג ארום איז אונז אָנגעקומען פון יפו א ספּעציעלע ידיעה, אז הירש האָט ווירקליך איבערגענומען די פיהרונג פון אלע געשעפטען פון די חובבי ציון, נאָר מיט א תנאי, אז איהם צו הילף זאָל שטעהן א קאָמיטעט. אין דעם קאָמיטעט האָבען געדאַרפט אַריינגעהן: אסאָוועצקי, דער דירעקטאָר פון ראשון לציון; יעקב הערצענשטיין, וועלכער איז דאַן געווען דער אידישער באַנקיר און סוחר (פון א האַלב־געשעפט) אין יפו; צוויי קאָלאָניסטען פון פתח תקוה און איין קאָלאָניסט פון גדרה. הירש איז געווען דער פּאַרזיצענדער און ריקח דער סעקרעטער. איצט שטעלט אייך פאָר, מיינע ליעבע לעזער, מיין ערשטוינען און דעם ערשטוינען פון אלע קאָלאָניסטען פון גדרה, אז מען האָט אונז געשריבען, אז פון גדרה וויל הירש דוקא מ י ך! מען האָט מיך שוין געווען איידער יפו אויף דער ערשטער זיצונג פון קאָמיטעט. די קאָלאָניסטען פון גדרה האָבען אויך דערשראָקען זיך. זיי האָבען מורא געהאַט, אז ווייל איך בין געווען א לאַנגע צייט אין קריעג מיט הירש'ן, וועל איך ניט קענען זיי פערטרעטען, ווי עס דאַרף צו זיין, און די אינטערעסען פון דער קאָלאָניע וועלען ליידען. דעריבער האָבען זיי צו מיר אויסגעקליבען נאָך איינעם. נאָר אז מיר זיינען געקומען אין יפו האָט אונז הירש נאָך אַמאָל געזאַגט, אז פון אזא קליינער קאָלאָניע ווי גדרה איז גענוג איין פערטרעטער, און דער איינער דאַרף זיין נאָר איך.

אונזער אלטע פיינדליכקייט איז געוועזן פערשוואונדען געוואָרען פון דער ערשטער זיצונג אָן, און די אינטערעסען פון מיינע חברים, די קאָלאָניסטען פון גדרה, האָבען ניט געהאַט צו ליידען. אומגעקעהרט! את חטאי אני מזכיר. אלע מיטגלעדער פון קאָמיטעט האָבען גערעדט פראַנצויזיש חוץ די צוויי קאָלאָניסטען פון פתח תקוה. דעריבער ווען מען

פלעגט רעדען פון פתח תקוה פלעגט מען רעדען דייטש און מען פלעגט איבער יעדע פראַגע דיסקוטירען. פאר גדרה פלעג איך געוועהנליך זאָגען אויף פראַנצויזיש וואָס מען דאַרף פאר איהר האָבען און דאָס פלעגט בעוויליגט ווערען אָהן דיסקוסיעס. ווער עס האָט געהאָט דערביי צו ליידען, איז דאָס געווען איך אליין. דורך דער אַרבייט אין קאָמיטעט בין איך אויף צוויי יאהר געגצליך אַבגעריסען געוואָרען פון אקערבוי, און איך האָב שוין שפּעטער אויך ניט געקענט אומקעהרען זיך צו דער ארבייט. געהאַלט האָט, פערשטעהט זיך, קיינער ניט בעקומען. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען צו געבען מיר דרייסיג פראַנק אַ חדש, איך זאָל קענען שטעלען אויף מיין פּלאַטץ אַן אַרבייטער. גאַנץ אָפט פלעג איך דאַרפען געהן פון און צו דער זיצונג צופוס. ארויסגעהן אין דער פריה פון דער היים און אָנקומען פאַרנאַכט אין מקוה ישראל צו דער זיצונג. דערנאָך האָט מען מיר ערלויבט צו קויפען פאר דרייסיג פראַנק אַן עזעל אויף וועלכען עס פלעגט מיר נעהמען צו קומען מעהר צייט וויפיעל איך האָב געדאַרפט האָבען אויף צו געהען צופוס.

נאָר דאָס איז אַלץ צום ענין ניט שייך. איך וויל דאַ בעטאָנען, אַז דער דעת הקהל האָט געווירקט אויף הירש'ן אויף אַ מערקווירדיגען אופן. דער ישוב האָט איהם גובר געווען, און אין דעם משך פון צוויי יאהר וואָס מיר האָבען געארבייט צוזאַמען, האָב איך פון איהם געהערט אַזעלכע ווערטער, אַזעלכע מיינונגען, וועלכע איך וואָלט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען פון דעם אַמאָליגען הירש'ן, מיט וועלכען עס האָבען געהאָט צו קעמפּפען די בילו'יצעס און די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון. מיר זיינען געוואָרען גוטע פריינד, און גאַנץ ארץ ישראל האָט בעדויערט זיין אוועקפאָהרען פון מקוה ישראל. מיט עטליכע יאהר צוריק האָב איך איהם בעזוכט אין פאריז. ער איז געווען זעהר צופרידען צו הערען וועגען דעם פאָרשריט פון דעם ישוב.

# די צווייטע רעוואָלוציע
# אין ראשון לציון

.1

דער ערשטער שריט פון דעם נייעם דירעקטאָר האָט קיין גוטס ניט פערשפּראָכען. ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, איז ער אַמאָל געווען זעהר גוט מיט די בילו'צעס. אז ער איז איצט געווארען דירעקטאָר אין ראשון לציון, האָבען זיי ניט געבּיטען זייערע בעציהונגען צו איהם און פלעגען זיך האלטען ווי גוטע בּרידער, בּעגריסען איהר איינפאַך אָהן הכנעה און האלטען זיך מיט איהם ווי אלטע בּעקאַנטע. דאס האט ער ניט גע־קענט אריבּערטראָגען. דעריבּער ווען איינער פון די בּילו'צעס פלעגט זיך קלאָגען אויף זיין לאגע אין יעדער הינזיכט, פלעגט ער איהם באלד פארלעגען געלד אויף אוועקפאהרען. און פון זיי, פון די בּילו'צעס, זיינען געווען פילע, וועלכע זיינען געווען אונצופריעדען מיט דער נייער אָרדנונג אין דער קאָלאָניע. „ראשון לציון," פלעגען זיי זאגען: „דאס איז אייבּיגע אדמיניסטראציע, אייבּיגע פראַנקען"....

פ ר אַ נ ק ע ן האָט מען גערופען די שטיצע, וועלכע יעדער פלעגט בּעקומען, ווייל מען האָט גערעכענט א פ ר א נ ק א טאָג פאר יעדען מענשען.

אונטער דעם דרוק פון דירעקטאָר האָבּען טאקי אייניגע פון די בּילו'צעס פערלאזען ראשון לציון. א טהייל איז אוועק קיין רוססלאנד און א טהייל זיינען אוועק ארבּייטען אין מקוה ישראל און זיינען שפּעטער געווארען קאָלאָניסטען אין גדרה. מיט מיר האָט ער אויך א לאַנגע צייט ניט געוואוסט ווי צו האַלטען זיך. איך בּין געזעסען אין ראשון לציון און האָב געארבּייט צוזאמען מיט מיין בּרודער. איך בּין געווען צופרידען, וואָס מען לאָזט מיך דאָרט רוהיג זיצען און האָב זיך געהאלטען פון וויטען. נאר אז דעם אכטען חשון, תרמ"ה האָט מען אין ראשון לציון ווי אין גאנץ ארץ ישראל געפייערט דעם הונדערט יעהריגען געבּורטס־טאָג פון משה מאנטעפיאר ז"ל, האָט ער מיך געשיקט רופען און מיך איינגע־לאדען נעהמען א טהייל אין דעם יום טוב. דערמיט איז געבּראָכען געווארען דער אייז צווישען אונז...

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

אין אלגעמיין קען מען זאגען, אז די ערשטע פאר יאהר זיינען אריבער בשלום אין דער קאָלאָניע און אין מאנכע זאכען האט זי געמאכט גוטע פארטשריטע. צו די פאָרטשריטע דארף מען רעכענען דעם בעשלוס צו פלאנצען וויינגארטענער אין דער קאָלאָניע. די קאָלאָניסטען האָבען זיך גענומען פלייסיג צו דער ארבייט. די ארמיניסטראציע האָט געגעבען דערצו ניט נאר מאַטעריעלע שטיצע נאר האָט אויך מאָראליש געמינטערט די קאָלאָניסטען. יעדען יאהר פלעגט קומען פון פאריז אן אגראָנאָם אלס אינספעקטאָר. ער פלעגט ארויפגעהן אויף די וויינגארטענער און פלעגט דערביי א קלאפּ טהאָן פריינדליך דעם קאָלאָניסט אין פלייצע און פלעגט זאגען: „דורך אייער וויינגאָרטען וואקסט איהר אַ קליינער באראָן ראָטהשילד..." און ניט נאָר די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון, די קאָלאָ־ניסטען פון אנדערע קאָלאָניעס האָבען זיך אויך גענומען פלאנצען וויינ־גערטענער, האָפענדיג צו ווערען קליינע באראָנען. זאגאר אין רוססלאנד האָבען זיך געגרינדעט חברות צו פלאנצען וויינגערטענער אין ארץ ישראל, „מנוחה ונחלה", „אגודת אלף" און אנדערע חברות זיינען געגרינדעט געווארען אויף דעם פּלאן צו פלאנצען וויינגערטענער.

דאס נייע סיסטעם אין קאָלאָניזאציע האָט ארויסגערופען די ארביי־טער־פראגע און אין ראשון לציון האָט זיך געגרינדעט די ערשטע ארביי־טער־אָרגאניזאציע, אונטער דעם נאמען „אגודת פועלים". די ערשטע נויטיגע מיטעל, וועלכע זיינען געוועזען נויטהיג פאר די בעשאפונג פון דער ארגאָניזאציע, זיינען בייגעטראגען געווארען פון די ראשון לציון'נער קאָלאָניסטען.

ווען די קאָלאָניסטען האָבען ערנסט גענומען זיך פלאנצען וויינ־גערטענער, האָט דער באראָן בעשלאָסען אויסצובויען דעם גרויסען קעלער אין ראשון לציון און מען איז טאקע באלד צוגעטראָטען צו דער ארבייט פון בויען.

ה' אדר ראשון תרמ"ו איז געלעגט געווארען אין ראשון לציון דער ערשטער שטיין צום בויען די גרויסע שוהל פון דער קאָלאָניע. דאס געלד דערצו איז געגעבען געווארען פון באראן ראָטהשילד. דער וואונש פון דעם

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

אַלטען ליבונתין, דעם מיסד פון ראשון לציון, די שוהל זאָל געבויט ווערען מיט זיין געלד, וועלכע די זעקס משפחות האָבען געדאַרפט בעצאָה־לען פאַר דער ערד, וואָס ער האָט זיי געגעבען, איז ניט ערפילט געוואָרען. ערשטענס, האָט די שוהל געקאָסט אַ סך מעהר ווי פינף טויזענד פראַנק, און צווייטענס האָבען די קאָלאָניסטען נאָך ניט בעצאָהלט פאַר די ערד און דריטענס האָט שוין דעם באַראָן'ס אדמיניסטראַציע בעצאָהלט ליבונתינען פאַר די ערד און די זעקס משפחות זיינען שולדיג געבליבען זייער חוב דער אדמיניסטראַציע.

מיט אַ חודש שפּעטער, ה' אדר שני תרמ"ו, איז אָבגעקויפט גע־וואָרען דאָס שטיק ערד, וואָס איז געלעגען צווישען דער קאָלאָניע און די זאמד־בערג. דער שטח פון דער קאָלאָניע איז פערדאָפּעלט געוואָרען, נייע קאָלאָניסטען זיינען צוגעקומען און די קאָלאָניע האָט פון מערב־זייט בע־קומען אַ נאַטירליכען גרעניץ. די קאָלאָניסטען האָבען מיט שמחה געפייערט די קניה. אַלע זיינען ארויסגעגאַנגען שפּאַציערען אויף דעם נייעם אידישען באָדען אַ גאַנצען טאָג. מען האָט זיך געפרעהט, וואָס מען האָט געקענט מקיים זיין די מצוה: ופרצת צפונה ונגבה קדמה וימה. מען האָט זיך גע־פרעהט, וואָס פאַר ראשון לציון זיינען נאָר געבליבען דריי זייטען צו דערווייטערען איהר גרעניץ....

עס איז כדאי צו דערמאָהנען, אז אין דער צייט, וואָס דאָס ערשטע לאַנד פון ראשון לציון האָט געקאָסט מעהר ווי דרייצעהן פראַנק אַ דונס, האָט דאָס נייע געקאָסט נור זיעבען. מען קען דערפון זעהן, ווי שטאַרק מען האָט אין די ערשטע קניות די קאָלאָניסטען אָבגענאַרט...

אין יענעם יאָהר האָט פערבראַכט אין „ראשון לציון" אונזער משורר נפתלי הירץ אימבר. ער האָט פערבראַכט אין ארץ ישראל אַ פּאָר יאָהר, נאָר די גאַנצע צייט האָט ער געוואוינט ביי לאָרד אליפאַנט אויפ'ן כרמל ביי חיפה. צום סוף איז ער געקומען אין יפו און פלעגט וואוינען האַלב אין יפו, און האַלב אין ראשון לציון. ביי אונז האָט ער אויפגעשריבען זיינע בעסטע שירים, וועלכע ער האָט דערנאָך ארויסגעגעבען אין ירושלים אונטער דעם נאָמען: „ברקאי".

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

דעם גרעסטען מזל האָט פון די שירים געהאַט די התקוה, וועלכע איז אנגענומען געווארען אלס אונזער נאַציאָנאַל־ליעד. נאָר דעם מזל האָט זי בעקומען אין חוץ לארץ און פון דארטען צוריקגעקומען אין ארץ ישראל. אין ראשון לציון פלעגט מען די ערשטע צייט מעהר זינגען די שירים: „משמר הירדן" „השופר" און בעזאָנדערס דעם שיר „החלוצים", וועלכער איז געווען געווידמעט טאקע דער קאָלאָניע ראשון לציון און איהרע גרינדער. אין דעם שיר האָבען די קאָלאָניסטען געזעהן זייער געשיכטע און האָבען דאריבער געזונגען מיט גרוים שטאָלץ. איך וועל מיר דא ערלויבען צו ברענגען אייניגע שטיקער פון דעם ליעד:

לחסות מחמת העריצים
לחמנו במלחמות תנופה,
לפני אחינו כחלוצים
ומבלי חרב שלופה.
מזמרות היו חרבותינו,
קרדום, מעצד הרמחים
ופה בארץ אבותינו
תעינו כנדחים.
לחמנו, לחמנו ועוד נלחמה
ובישע עליון ידנו רוממה.

---

ופה בארץ תלאובה
באנו לארץ לא זרועה
ומבלי דרך ונתיבה,
רחוק ממנו ישועה
בין חוחים, נחשים ופתנים,
שם בשאיה התגלגלו
ובני ערב הדודנים,
עוברי דרך שם שללו.
לחמנו, לחמנו וכו'.—

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

ובכל זאת לא נפל לבנו
ונקרב אל המלאכה,
נטענו, עדרנו כרמינו,
ה׳ צוה הברכה,
עתה, האח, במושבותנו
היתה לנו הרוחה,
שלום ושלוה ברחובותינו
אין פרץ, אין צוחה.
להמנו, לחמנו וכו׳.—

במקום מלפנים קול יליל עורר
שועל בחרבות לרב,
עתה קול בחלון ישורר:
הודו לד׳ כי טוב.
בשנה הבאה כרמינו,
בוצרים, זכרו נבצרה,
וטרם נדרך ענבינו
אחת, אחי, עוד נזכרה.
להמנו, לחמנו וכו׳.—

פה קברו אבותינו,
ומשקוי עצמותם
הן יינקו שרשי נפנינו
מלשד לח כליותם,
ונשתה ונרוה דם ענבים,
דם כליות אבותינו,
דם הגבורים ורהבים.
דמם יבא קרבנו....
להמנו, לחמנו וכו׳.—

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

ווי מען זעהט, האט דער דקדוק זעהר פיעל געהאט צו ליידען אין דעם שיר ווי אויך אין „התקוה", אבער ווער האָט אויף דעם געקוקט. מיט א שעה־נער פאסענדער מעלאָדיע האבען דאס אלע, געזונגען, גרויס און קליין.

וועגען ראשון לציון האָט דאן געזונגען נאך א משורר, א פערצעהנ־יעהריגער זוהן פון דעם קאָלאָניסט שליט. זיין שיר איז אויך פול מיט התלהבות וועגען די צרות וואָס די קאָלאָניע האָט גערארפט אריבערטראָגען און וועגען איהר גלענצענדער צוקונפט.

אז מען האָט שירים, דארף מען דאך צו זיי האָבען מעלאָדיען. געווענליך פערענטפערט זיך די שאלה דורך דעם, וואס מען נעהמט א מע־לאָדיע פון א רוסישען, דייטשען, ענגלישען, אראבישען, טערקישען אדער רומענישען ליעד און מען פאסט זי צו צו א ניי בעשאפענעם העברעאישען ליעד און עס איז אלעס פארטיג. זאגאר אונזער נאַציאָנאלע „התקוה" האט א טערקישע מעלאָדי. נאר אין יענער צייט איז די זאך גע־שטאנען אביסעל אַנדערש. מיר האָבען געהאַט אין ראשון לציון אן אייגע־נעם קאָמפאָזיטאָר פון מעלאָדיען. דער קאָמפאָזיטאָר האָט זיך גערופען ה' איגלי. ווי אזוי ער איז געקומען אין ארץ ישראל איז גאנץ אינטערעסאַנט.

אז דער באראָן האָט גענומען שטיצען כמעט אלע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל און זיין אדמיניסטראציאָן האָט געוועלטיגט אין לאנד מדן ועד באר שבע, האָבען זיך די רוססישע חובבי ציון געווענדעט צום באראן מיט א ביטע, ער זאל צונעהמען אין זיינע קאָלאָניעס זעקס יונגע לייט, וועלכע וועלען זיך דארט לערנען, און דערנאך וועט מען זיי בענוצען אלס זאכפערשטענדיגע אין די קאָלאָניעס, וועלכע זיי, די חובבי ציון, דענקען צו גרינדען. אויב די חובבי ציון האָבען ווירקליך געקלערט דאן גרינדען נייע קאָלאָניעס, איז נאך א גרויסע פראגע. עס איז אויך א פראגע, אויב זיי האבען גערארפט שיקען מענשען ספעציאל לערנען זיך אין דעם באראָנ'ס קאָלאָניעס. גיכער ווי אלץ איז, אז עטליכע יונגע לייט האָבען גערארפט פאָהרען אין ארץ ישראל און קיין אנדער וועג איז דאן ניט געוועזן ווי צו ווענדען זיך צום באראן און זיין אדמיניסטראציע. און דעם וועג האָט דאן אויסגענוצט שפ"ר ע"ה און זיינע חברים, וועלכע זיינען געשטאַנען

אַן דער שפּיץ פון די חובבי ציון. און דער באַראָן האָט זייער ביטע אנגענומען. מען האָט די יונגע לייט בעשטימט צו זיין אין זכרון יעקב, וואו זיי זיינען אייגענטליך געווען די ערשטע אידישע ארבייטער. די אדמיניסטראַציע האָט זיך גאר ניט גערעכענט דערמיט, וואס זיי דארפען אויסגעבילדעט ווערען אלס זאכפערשטענדיגע אין קאָלאָניזאַציאָנס פראגען. מען האט זיי פשוט געלאָזט ארבייטען ביים וועג, טראָגען שטיינער און אנדערע ארבייטען פון דעם מין. איינער פון זיי, ה׳ היילפּערן, האָט ניט געקענט אויסהאַלטען די שווערע ארבייט, איז קראַנק געווארען און געשטאָרבען. יצחק עפּשטיין, וועלכער האָט זיך דערנאָך אויסגעצייכענט אלס לעהרער און פּעדאַגאָג, איז אויך איינער פון זיי. ער האָט זיך ניט דערוואַרט ביז די חובבי ציון וועלען איהם געבען א שטעלע אין א קאָלאָניע, וועלכע זיי האָבען נאָך ניט אין זינען געהאַט צו בויען, און האָט אנגענומען אַ שטעלע אלס לעהרער אין א שולע, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין צפת. דריי פון זיי זיינען געווארען קאָלאָניסטען אויפ׳ן באַראָנ׳ס רעכנונג. צוויי, גרשון הורוויץ און מיכאל פּאַחאַצעווסקי אין ראשון לציון, און משה וואהרהאַפטיג אין יסוד המעלה.

דער זעקסטער איז געווען איגלי. ער האָט געוואוינט פריהער אין פּעטערבורג און האָט זיך בעשעפטיגט מיט מוזיק אלס זינגער, ווי מיר שיינט, אלס כאָריסט אין אן אָפּערא. אין פּעטערבורג האָט דאָן געוואוינט מיינע אַ שוועסטער, וועלכע האָט גענומען אַ לעבהאַפטען אַנטייל אין דער דאָרטיגער חובבי ציון געזעלשאַפט. עס פערשטעהט זיך, אַז זי האָט דורך איגלי׳ן איבערגעגעבען בריעף און געריסען צו מיר, צו מיין ברודער און שוועסטער אין ראשון לציון. ווען ער איז געווען אין זכרון יעקב האָבען מיר געפיהרט צווישען זיך קאָרעספּאָנדענץ. אַז ער האָט ניט געקענט פערטראָגען די עבודת פּרך אין זכרון יעקב האָט ער זיך גענומען בעטען ביי מיר, אַז איך זאָל איהם ראַטעווען. איך האָב אויסגענוצט מיין איינפלוס אויפ׳ן דירעקטאָר פון ראשון לציון און האָב אויסגעווירקט, אַז מען האָט איהם פון זכרון יעקב אריבערגעפיהרט אין ראשון לציון. איך האָב איהם פּערזענליך בעקאַנט געמאַכט מיט׳ן דירעקטאָר און ער האָט שוין ניט גע־

דאַרפט אַרבייטען שווערע אַרבייט. דער דירעקטאָר האָט ליעב געהאַט מוזיק, און איגלי איז געוואָרען ביי איהם אין שטוב א גרויסער איינגעהער.

דאַס איז גראַד געווען אין דער צייט, ווען אימבער איז געווען אין ראשון לציון און האָט דאָרט פערפאַסט זיינע שירים. זעלבסטפערשטענדליך האָט איגלי געמומען אויף זיך צו צופאַסען צו זיי מעלאָדיען. און די גאַנצע קאָלאָניע האָט זיך דאַן אַבגעגעבען מיט פּאָעזיע און מוזיק. אימבער פלעגט אָנשרייבען א שיר, איגלי פלעגט קאָמפּאָנירען א מעלאָדיע און פלעגט זי ביי אונז אין שטוב אַרויסזינגען דעם ערשטען מאָל. אויף מיר זאָגט מען (און מיט רעכט!), אַז איך קען ניט זינגען, נאָר איך קען איבערנעהמען א ניגון און איהם דערנאָך ריכטיג איבערגעבען. פלעג איך באַלד צוזאַמענקלייבען די קינדער פון קאָלאָניע און פלעג זיי איבערגעבען דאָס וואָס איך האָב געקענט און פלעג צוזאָגען שאָקאָלאַד צו די־יעניגע, וועלכע וועלען קענען דאָס ליעד אויסווענדיג און זינגען מיט'ן ניגון. מיר האָט אימבער'ס פּאָעזיע און איגלי'ס קאָמפּאָזיציעס אויף אַזאַ אופן געקאָסט עטליכע פּעקלעך שאָקאָלאַד. גאַנץ אָפט פלעגען מיר צוציהען צו דער אַרבייט אונזער קאָלאָניסט ר' ראובן יודעלעוויטש, וועלכער פלעגט שפּיעלען אויפ'ן פידעל און מאַכען פּראָפּאַגאַנדע פאַר די שירים. זיינע קינדער זיינען געווען מיינע בעסטע קאָסטימער אויף שאָקאָלאַד...

אַזוי ווי איך האָב שוין פריהער געמוזט אויסזאָגען פאַר דעם פּובליקום, אַז מען האַלט מיך ניט פאַר א זינגער, מוז איך שוין טאַקע מודה זיין, אַז איך קען ניט זאָגען, ווי ווייט די מעלאָדיען פון איגלי זיינען געווען אָריגינאַל און אידיש. איך מוז נאָר זאָגען, אַז זיי האָבען געהאַט איין פעהלער, וועלכער איז אפשר פון מוזיקאַלישען שטאַנדפּונקט ניט קיין פעהלער, אָבער פּראַקטיש האָט ער פיעל געשטערט. ער פלעגט צו יעדען קופּלעט צופּאַסען א בעזונדער מעלאָדיע און דאָס האָט זעהר פערשווערט דאָס אויסלערנען צו זינגען זיינע מעלאָדיען. צו דער „התקוה" האָט ער אויך פערפאַסט א מעלאָדיע, אַדער, בעסער געזאָגט, איינינע מעלאָדיען, און דעריבער האָט מען גיכער אָנגענומען די איינפאַכע מעלאָדיע, מיט וועלכער מען זינגט דאָס ליעד איצט, און איגלי'ס קאָמפּאָזיציע איז פערגעסען געוואָרען.

דא מוז איך נאך דערמאָנען, אז צו אימבער'ס ליעד „השופר" האָט פערפאסט א מעלאָדיע דער דאָקטאָר מזי"ה, וועלכער איז געווען דאָקטאָר אין ראשון לציון און וועלכער איז אין דער וועלט פון מוזיק גאר ניט קיין גר.

פאר די פון מיינע לעזער, וועלכע פארשטעהען רוסיש, מוז איך בריינגען דא איין קופּלעט פון א ליעד וואָס האָט פערפאסט א יונגער מענש, וועלכער האָט געוואָהנט א געוויסע צייט אין ראשון לציון. די קאָלאָניסטען פלעגען מיט גרויס התלהבות זינגען דאס ליעד מיט דער מעלאָדיע פון דעם בעריהמטען ליעד פון אונזער פּאָעט, אברהם גאָלדפאָדען ע"ה „שטעה אויף מיין פאָלק..."

Встань, мой младенецъ, ужъ дѣти всѣ встали,
И повѣсти внемлютъ они :
Какъ Ришонъ-л-Ціонъ отцы основали
Въ пустынной, безводной степи.
Какъ жили безъ хлѣба и веселы были :
Духъ бодрый и крѣпкій въ нихъ жилъ
Какъ между врагами шайтанами (*) слыли
За храбрость и воинскій пылъ
Какъ лютую жажду тамъ грязью тушили,
Не знали ни дней, ни ночей.
И путь ко свободѣ они проложили. —
Встань мой младенецъ, встань поскорѣй.

ווי דער לעזער קען זעהען, האָבען די ערשטע קאָלאָניסטען ניט וועניג געפלעגט די פּאָעזיע און די מוזיק און האָבען אין דעם אויך ערציעלט געוויסע פארטשריט. דער ברודער פון דעם דירעקטאָר, וועלכער האָט גאנץ גוט פערשטאנען מוזיק האָט אָרגאניזירט אין ראשון לציון דעם ערשטען אָרקעסטער פון די יונגע קאָלאָניסטען. נאר דאס איז געווען אביסעל שפּעטער.

*) שייטאַן איז אין אראביש א שד (שטן)



דער אָרקעסטער אין ראשון לציון.

.2

די פארטשריטע פון דער קאָלאָניע, די פּאָעזיע פון אימבער'ן און די מוזיק פון איגלי. — דאס אלעס האט געהאט ווייניג איינפלוס אויף דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאגע פון די איינצעלנע קאָלאָניסטען און זיי האָבען געהאט פיעל אורזאכען צו זיין אונצופריעדען. די גאנצע מאכט אין דער קאָלאָניע האָט געהאט דער דירעקטאָר, איהר גאַנצע פיהרונג איז געווען אין זיינע הענט. די קאָלאָניסטען האָבען קיין דעה ניט געהאט, ביי זיי האָט מען קיינמאָל גאָרנישט געפרעגט. מיט זייער מיינונג האָט מען זיך ניט אינטערעסירט. די שולע האָט זיך געפיהרט אין דער פראנצויזישער שפּראַך אויף דעם שטייגער פון די אליאנס שולען. דער לעהרער, זיינע מעלות און חסרונות, איז געווען אבגעהאנגען פון צופאל, האָט דער צופאל געוואלט, איז דער לעהרער געווען א גוטער, נאר גאנץ אפט איז ער געווען

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

א קאַליקע: דער דירעקטאָר האָט איהם צוגענומען, אום וועמען א טובה צו טהאָן... זאָגאַר די שוהל איז געווען אין דער האַנט פון דער אַדמיניס־טראַציע. דער טייל פון שוהל ביי דער מזרח־וואַנט איז געווען מיט א טרעפ אָדער מיט צוויי העכער פון דעם איבעריגען טייל און איז געווען אָבגעטיילט מיט א שטאַקעט. אויף דעם העכערען טייל זיינען געזעסען די מיטגליעדער פון דער אַדמיניסטראַציע. אן איינפאַכער קאָלאָניסט, זאָגאַר דער דירעקטאָר פון דער שולע, איז אהין ניט צוגעלאָזען געוואָרען. עס פערשטעהט זיך, אז די בימה איז אויך געווען ניט ווייט פון ארון קודש אויפ'ן דייטשען אָרט...

די קאָלאָניסטען האָבען זיך איבערהויפּט געפיהלט ערנידריגט דורך דעם, וואָס זיי דאַרפען נעהמען חודש'ליכע שטיצע. פיעל האָבען דאָס גערופען חלוקה, און די שטיצע אַליין איז געווען גאַנץ קליין און ניט גענינענד. אן איינצעלנער מענש פלעגט בעקומען דרייסיג פראַנק א חדש. א פאָר פאָלק — פערציג, און דערנאָך פלעגט מען פאַר יעדער קינד צורע־כענען פינף פראַנק חדש'ליך. ניט אַלע האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו קויפען א קוה. אויף אויסווירקען אזא זאַך ביים דירעקטאָר, אָדער איבער־הויפּט עטוואָס מעהר ווי די געוועהליכע שטיצע, האָט מען געדאַרפט בעזונדערע שתדלנות, מען האָט געדאַרפט זיין א מקורב...

די פּערזאָן פון דעם דירעקטאָר האָט אויך געשפּיעלט ניט קיין קליינע ראָלע אין דער פּאָליטיק.

די קאָלאָניסטען האָבען אויף איהם געזאָגט, אז ער מאַכט זיך א פערמעגען פון דעם געלט, וואָס געהט דורך דורך זיין האַנט... נאָר דאָס טאָר מען ניט זאָגען, כל זמן מען האָט ניט קיין בעווייזען. און מיר ווייסען גאַנץ גוט, ווי לייכט עס איז צו בעקומען דעם נאָמען פון א גנב פאַר א כלל טהוער, ער מעג זיין דער עהרליכסטער מאַן.

נאָר דאָס בעל־הבית'עווען מיט דעם באַראָנס געלט איז געווען זעהר א שלעכטעס, מען האָט פערשוועגדעט געלט אויף נאַרישקייטען, אויף אונ־ניצליכע זאַכען. מענשען, וועלכע האָבען געהאַנדעלט מיט דער אַדמיניס־טראַציע, אַם מעהרסטען טייל ניט אידען, דייטשען אָדער א יפו'ער פראַנ־

צויז, זיינען רייך געווארען זעהר שנעל. פון עקאָנאָמיע האָט מען ניט גע־וואוסט. זאכען, פאר וועלכע מען האט געצאָהלט גוט געלט, פלעגען געהן לאבוד, פלעגען אפט פערפוילט ווערען, אין דער צייט ווען די קאָלאָניסטען האָבען געלעבט אין דחקות.

א חוץ דעם איז דער דירעקטאָר געווען קליינליך און לייכטזיניג. איינמאָל האָט מען פאר די קאָלאָניסטען געקויפט צו דער ארבייט פערד, אום פרייז איז מען ניט געשטאַנען, און אייניגע פון די קאָלאָניסטען האָבען טאַקע בעקומען זעהר גוטע און שעהנע פערד. האָט זיך אבער געדראָפט טרעפען, אז איין קאָלאָניסט, טאַקע אונזער בעקאַנטער ר׳ ראובן יודעלע־וויטש, איז געפאהרען מיט זיין אייגענעם פּראָסטען וואָגען, און אזוי ווי זיינע פערד זיינען געווען פון גוטען סאָרט, האָט ער אויפ׳ן וועג איבערגע־יאגט דעם דירעקטאָר, וועלכער איז אין זיין קאבריאָלעט אויך געפאָרען אין יפו. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, עס דאכט זיך מיר, אז אפילו אויף מאָרגען, איז ארויס פון דירעקטאָר אַ בעפעהל, אז צוליעב עקאָנאָמיע דארף מען פערקויפען די פערד און אויף זייער פּלאַץ קויפען אָקסען. עס פער־שטעהט זיך, אז ביים פערקויפען די פערד האָט מען פיעל פערלוירען, און די עקאָנאָמיע ביי דעם איז געווען זעהר א צווייפעלהאפטע. נאר ווערמען האָט דאָס געהארט? שפּעטער א ביסעל האָט מען פערקויפט די אָקסען און מען האָט ווידער געקויפט פערד....

דערצו האָט דער דירעקטאָר ליעב געהאָט אנצונעהמען רכילות, מסירות. עס איז אויסגעבילדעט געווארען א ג ר ו פּ ע מקורבים. די גרעסטע פון זיי האבען געזוכט אויסצונוצען זייער איינפלוס אויף דעם דירעקטאָר פאר זייער אייגענער טובה. די קלענערע האָבען זיך בעשעפ־טיגט מיט איבערגעבען מעשיות, וואס דער אדער יענער קאָלאָניסט האָט געזאָגט, אָדער געקלערט זאגען, און האָבען געדיענט אלס שפּיאָנען.

ניט ווייניג האָט שאָקירט די קאָלאָניסטען דאס וואס אין די קריי־זען פון דער ארמיניסטראַציע האָט מען געלאכט פון באראָן און פון זיין גוטהערציגקייט. מען האָט איהם פּשוט געהאלטען פאר א משוגענעם. דערביי האָט מען אָפט חוזק געמאַכט פון ארץ־ישראל, פון אונזער אידעאל און מען האָט אלץ געערדט פון פּאריז, ווי פון דעם אמת׳ן גן־עדן התחתון...

# די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

איין מאָמענט האָבען די קאָלאָניסטען אבגעלעבט. עס איז אונערווארטעט געקומען אין ראשון לציון א נייער דירעקטאָר, און דער פריהערדיגער איז בעשטימט געווארען אין עקרון. דער נייער דירעקטאָר, ה׳ ליאָן, האָט אנגעהויבען רעדען א גאנץ אנדער שפראַך. ער האָט אנגעהויבען אבלאַכען פון דעם פריהערדיגען סיסטעם. ער האָט זיך געוויזען פריינדליך צו די קאָלאָניסטען. פיעל בקשות, וועלכע זיינען א לאנגע צייט ניט ערפילט געווארען, האָט ער ערפילט. ער האָט אויך געפּלאַנעוועט גרויסע זאַכען פאר ראשון לציון. ער האָט געטרוימט פון דורכצופיהרען א שאָסע פון ראשון לציון דורך די זאמדען צום ים, כדי די קאָלאָניע זאל ווערען א האַפענשטאָדט. ער האָט געוואלט איינפיהרען ספּעציעלע אינדוסטריען אין קאָלאָניע, כדי די קאָלאָניסטען זאלען קענען לעבען און ניט אָנקומען צו שטיצע און נאָך אַנדערע זאכען. די קאָלאָניסטען האָבען געהערט און ניט געגלויבט זייערע אויערען, נאר אלע אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבען געהאט א שיכות צו דער אדמיניסטראציע, האָבען זיך פערוואונדערט. מען האָט ערקלערט ליאָנע׳ן פאר משוגע און מען האָט איהם משלח געווען פון ארץ ישראל. וואס מיט איהם איז געווארען, ווייס קיינער ניט. די קאָלאָניסטען האָבען ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען, ניט וואוהין ער איז אוועק. נאר זיי האָבען נאָך איהם אַ לאַנגע צייט געבענקט. עס איז מעגליך אז מיט איהם האָט טאַקע עפּעס פּאסירט אן אונגליק. ווענינגסטענס האָט די באַראָנעסע ראָטשילד, בעת זי איז מיט א פּאר יאהר שפּעטער געווען אין ראשון־לציון, געזאגט צו א דעפּוטאַציע פון פרויען, וועלכע האָבען זי בעזוכט, אז ה׳ ליאָן איז משוגע געווארען. און אזוי ווי זי האָט מורא געהאט, אז די ראשון לציונ׳ער דאמען, וועלכע האָבען מיט איהר גערעדט דייטש, וועלען ניט פערשטעהן דאסווארט משוגע, האָט זי זיי פערטייטשט: דאס הייסט פעררי‌קט, וואהנזיניג....

נאָך דעם אינצידענט מיט ליאָנ׳ען האָט זיך די אדמיניסטראציע אומגעקעהרט צום אלטען שטייגער, נאר די קיה, וועלכע די קאָלאָניסטען האָבען דערווייל בעקומען און די אנדערע פערבעסערונגען אין זייער לאגע, זיינען ביי זיי געבליבען און מען האָט דאס ביי זיי צוריק ניט צוגענומען. — גם זו לטובה.

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

.3

מאַכען א קאָמיטעט אויף איבערנעהמען די פערוואלטונג פון דער קאָלאָניע, אזוי וויא די קאָלאָניסטען האָבען געטהאָן אין דער צייט פון דיגור, איז איצט געווען אונמעגליך. אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואלוציע האָט אייגענטליך געהערשט אַנאַרכיע. קיין ריכטיגע אדמי־ניסטראציע איז ניט געווען. איצט אבער איז די אַדמיניסטראציע געווען אין פולער קראפט. ראשון לציון, אזוי ווי אלע קאָלאָניעס אין דער צייט פון דעם באראנס אדמיניסטראציע, איז געווען עהנליך צו א דעספאָ־טישער מאָנארכיע, און דער קעניג, דער דירעקטאָר פון דער קאָלאָניע, איז געווען אלעס און די קאָלאָניסטען גאָרנישט. די אלגעמיינע הוצאות פון דער קאָלאָניע, די עקזיסטענץ פון יעדען איינציגען קאָלאָניסט זיינען גע־ווען געדעקט פון דעם געלד פון באראָן, וואס פאר א קראפט האָבען גע־קענט האָבען די קאָלאָניסטען ?

דאריבער אום צו האָבען וועניגסטענס אן אינדירעקטען איינפלוס אויף די אנגעלעגענהייטען פון דער קאָלאָניע, אום צו בעזייטיגען די שפּאַל־טונגען צווישען די איינצעלנע קאָלאָניסטען, איז מען געקומען אויף דער אידעע צו גרינדען א חברה פון אלע קאָלאָניסטען, וועלכע האָט זיך גע־געבען דעם נאמען פון ר ו ד פ י ש ל ו ם. מיט דער חברה האָבען איהרע גרינדער געציעלט צו דערגרייכען צוויי זאכען: ערשטענס, צו פעראייי־ניגען אלע קאָלאָניסטען און צו בעזייטיגען די שפּאַלטונגען צווישען זיי, און צווייטענס, צו ארגאניזירען דעם דעת הקהל אין לאנד. דאריבער האָט מען אריינגענומען אין חברה אויך קאָלאָניסטען פון אנדערע קאָלאָניעס. בע־זאָנדערס פון גדרה, וועלכע איז אלע מאָל געווען ענג פערבונדען מיט ראשון לציון, און אויך די בעסערע עלעמענטען פון די אידען, וועלכע האָבען זיך דאן געפונען אין יפו. די ראשון לציון'ער זיינען אלע אָהן אן אויסנאַהמע אריין אין חברה, דער דירעקטאָר מיט די איבריגע מיטגליעדער פון דער אדמיניסטראציע אויך. די חברה האט גוט געפיהרט איהרע געשעפטען. מאַנ־כע קאָלאָניסטען, וועכע זיינען געווען א לאַנגע צייט צוקריגט, זיינען צוליעב איהר שלום געווארען. אלע חברים האָבען געטראגען א שפּילקע פון זילבער

אָדער פון גאָלד, וועלכע האָט געהאַט א פאָרם פון א מגן דוד צווישען צוויי פּאַלמען־צווייגען און אין מיטען א „ש" (שין), וואס איז דער ערשטער אות פון דעם ווארט שלום. אלע האָבען געמוזט קומען צו די אספּות און ווער עס פלעגט פערפעהלען, פלעגט מוזען גע'משפט ווערען. ביסלעכווייז האָט מען אויך דיא פערזאַמלונגען אָנגעהויבען צו קריטיקירען די אדמיניס־טראציע אין איהר פיהרונג. די שפּיאָנען, די רכילות'ניקעס האָבען אויך בעקומען זייער לוין. וואס מעהר און מעהר איז די חברה פערוואנדעלט געווארען אין א יאקאבינער קלוב, וואו מען האָט געקענט הערען די שארפ־סטע רייד געגען די אדמיניסטראציע און איהר פיהרונג.

דער דירעקטאָר האָט באלד דערפיהלט, מיט וואס דאס שמעקט און האָט זיך אנגעהויבען דערוויטערען פון דער חברה, נאך איהם זיינען נאכגעגאַנגען די איבעריגע מענשען, וועלכע האָבען געהאַט א שייכות צו דער אדמינסטראציע. די שטימונג אין קאָלאָניע איז געווארען גאנץ ערנסט. מען האָט געפיהלט, אז סוף־סוף וועט מוזען אויסברעכען א קאַמפף. אום אבצו־ציהען מענשען פון דער חברה „רודפי שלום", האָט דער דירעקטאָר אין ווינטער תרמ"ז געגרינדעט אַ חברה מיט דעם נאמען אגודת רעים. די חברה האָט געהאַט פאר אַ ציעל צוזאַמענקלייבען זיך אלע שבת צו נאכט אום צו פארברייגגען די צייט אין זינגען און אין מוזיק־שפּיעלען. די פערזאמלונגען פון „רודפי שלום" פלעגען אויך געוועהנליך פארקומען שבת צונאכט, און אויף אזא אופן איז די קאָלאָניע ווידער געטיילט געווארען אין צוויי פּארטייען: „רודפי שלום" און „אגודת רעים". די קאָלאָניסטען פלעגען רופען דעם דירעקטאָר'ס מענשען אגודת מרעים און דעם דירעקטאָר'ס מענשען פלעגען פערטייטשען דעם נאמען „רודפי שלום", מענשען, וועלכע רודפ'ען דעם שלום.

ברען־שטאָף האָט זיך אָנגעקליבען גענוג, און די קלענסטע געלעגענ־הייט האָט געקענט זיין א פונק אויף אנצוצינדען דעם גאנצען מאַטעריאל און ארויסרופען אַ גרויסע שרפה. און דער פונק איז טאַקע געקומען און גאר אונערווארטעטערהייט.

## די צווייטע רעוואָ׳ ־ראשון לציון.

אין ראשון־לציון איז דאָן געקומען שוין צום צווייטען מאָל דער בע־וואוסטער מיכל האַלפּערין. דאָס איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע טיפּען, וועלכע חבת ציון און דער ציוניזם האָבען ארויסגערופען. פיעלע אין ארץ ישראל רופען איהם דער משוגע׳נער היילפּערין. עס פארשטעהט זיך, אז פון משוגע איז ער ווייט, נאָר א היצקאָפּ איז ער, און איז זעהר עקסצענטריש. ער איז געווען יונג, א מיוחס, דעם מלבים׳ס ע״ה אן אייני־קעל און א יורש פון א קאַפּיטאַל פון זיעבציג־אכטציג טויזענד רובעל. ער האָט געמיינט זעהר פיעל אויפצוטהאָן פאר ארץ ישראל, נאָר גאָט האָט איהם געהאָלפען, און ער האָט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון א אידען, וואס איז געווען אזא פאנטאזיאָר ווי ער, און ביידע צוזאַמען האָבען ווי עס איז גע׳פּטר׳ט דעם קאַפּיטאַל, וואס האַלפּערין האָט בעזעסען, אין דעם גרינדען פון דער קאָלאָניע „נס ציונה״, וועלכע איז איצט א טייל פון ודי־חנין.

ווען ער איז דאָן געקומען אין ראשון לציון, איז ער אין אָנפאַנג געווען אן איינגעהער צום דירעקטאָר אין שטוב און האָט געהאַלטען מיט איהם. און אזוי ווי ער איז געווען בעקאַנט מיט אַלע קאָלאָניסטען, האָט ער זיך געוואָלט אריינלעגען אין א שלום. איינמאָל איז ער געווען אויף אן אסיפה פון „רודפי שלום״. די קאָלאָניסטען האָבען איהם אויפגעוויזען אויף אייניגע פעלע, אין וועלכע דער דירעקטאָר אָדער זיינע מענשען זיינען געווען אומגערעכט. ער איז דאָן אויפגעשטאַנען, מיט א טעאַטראַלע מינע, געגעבען די האַנד דעם פּאָרזיצענדען און א געשריי געטהאָן אויף רוסיש: „יאַ וואַש!״ דאס הייסט איך בין אייערער! דאס האָט געהייסען, אז ער האָט אבגעריסען זיינע בעציהונגען מיט׳ן דירעקטאָר און איז אריבער אויף דער זייט פון די קאָלאָניסטען.

אין עטליכע טעג ארום האָט ער, האַלפּערין, אויפגעשריבען אן אר־טיקעל אין דער רוסישער שפּראַך און אין איהם האָט ער זעהר קריטי־קירט דעם דירעקטאָר און זיין פיהרונג. דער ארטיקעל איז זעלבסט־פער־שטענדליך ערגעץ ניט ערשינען אין דרוק, אזוי ווי איבערהויפּט פון איהם, פון האַלפּערין׳ען, איז קיין מאָל אין דער פּרעסע גאָר נישט געווען. ער

האט איהם גאר ניט אָבגעשיקט, נאר געלעזען האָט ער איהם אין הויז פון יעדען קאָלאָניסט, פאר יעדען, ווער עס האָט נאר געוואלט הערען. און אזוי איז דער אינהאלט פון ארטיקעל דערגאנגען ביז דעם דירעקטאָר. איהם האט דאס פערדראָסען, און ער האָט אויפגעהאַנגען א מודעה, אז קיין קאָלאָניסט זאל האלפערין׳ען קיין דירה ניט פערדינגען. די מודעה האָט האלפערין אראָבגעריסען. נאַטירליך, האָט דער דירעקטאָר געהייסען זי נאָך אַמאָל אנקלעפען. האלפערין האט געוואלט צום צווייטען מאָל אבנרייסען זי, נאר דא האָט ער זיך אין גאס בעגעגענט מיט דעם דירעקטאָר. זיי האָבען זיך אין מיטען גאס שטארק צוווערטעלט. צום שלום האָט דער דירעקטאָר געזאגט: „איך וועל אייך פון קאָלאָניע ארויסטרייבען". „מיר וועלען זעהן ווער וועמען", האט געענטפערט האלפערין. ווי אויף צו להכעיס האָט זיך האלפערין אויפגעהאַלטען אין ראשון לציון ביי איינעם א יונגען קאָלאָניסט, וועלכער האָט אליין פערנומען א צימער אין א הויז פון אן אנדער קאָלאָניסט, ניט ווייט פון דירעקטאָר׳ס הויז, כמעט איבער׳ן גאס. און ביז שפעט אין דער נאַכט האָט מען אין יענעם הויז געהערט זינגען. האלפערין׳ס שטימע האָט זיך געלאָזט הערען איבער דער גאנצער קאָלאָניע.

אויף מאָרגען, דאס איז געווען פרייטאג ראש חודש אדר, האָט דער דירעקטאָר אנגעזאגט דעם קאָלאָניסט מענדיל אבראמאָוויטש, דעם בעל הבית פון הויז, אין וועלכען עס האָט זיך אויפגעהאלטען האלפערין, ער זאל איהם, האלפערין׳ען, ארויסוואַרפען פון הויז. אבראמאָוויטש האָט געמוזט פאָלגען, ווייל ניט, וואלט דער דירעקטאָר איהם שטראָפירט. ער האָט גענומען ארויסטראָגען די זאכען אויפ׳ן גאס אין דער צייט, ווען זיינע שכנים זיינען אין דער היים ניט געווען. נאר אין מיטען זיינען זיי אנגעקומען און האָבען גענומען ניט לאָזען טראָגען זייערע זאכען אין דרויסען. דער דירעקטאָר איז נאָך געווען אזוי קליינליך, אז ער האָט געשיקט צוריקנעהמען די ברעטער, וועלכע ער האָט פריהער געגעבען דער ארבייטער־גרופע „אגודת־פועלים", ווייל דער יונגער קאָלאָניסט, ביי וועמען האלפערין האָט זיך אויפגעהאלטען, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער גרופע. עס איז דערווייל געוואָרען האלבער טאג. די ארבייטער זיינען גע־

קומען אין קאלאניע פון פעלד און האבען זיך דערוואוסט, אז מען האט ביי זיי צוגענומען די ברעטער, אויף וועלכע זיי פלעגען שלאפען. דערווייל האבען זיי דערהערט קולות ארום דעם הויז, וואו האלפערין האט גע־וואוינט. זיי האבען זיך געלאזען לויפען אהין. אז זיי האבען געזעהן, וואס דארט קומט פאר, האבען זיי געכאפט די זאכען פון גאס אויף ארייננטראגען צוריק אין שטוב. דער קאלאניסט האט זיך גענומען בעטען, מען זאל אויף איהם רחמנות האבען, ווייל ער האט דאס אלעס געטהאן אויף דעם בעפעהל פון דירעקטאר. „קומט צום דירעקטאר", האבען אלע א געשריי געטהאן. „ער וועט צוריקנעהמען זיין בעפעהל". און די גאנצע קאמפאניע האבען זיך געלאזען צום הויז פון דירעקטאר. די קאמפאניע איז בעשטאנען פון צוואנציג מענשען. צו זיי זיינען באלד צוגעשטאנען נייגעריגע פון דער קאלאניע, קינדער, אראבער. דער דירעקטאר, וועלכער האט ניט פער־שטאנען, וואס דאס איז, האט גערמיינט, אז מען געהט איהם שלאגען, מאכען א פאגראם, האט פערשלאסען די טהיר. ער איז דאן געזעסען ביים מיטאג־עסען. מיט א דריק פון די פלייצעס האט מען די טהיר אויס־געזעצט און מען איז אריין אין שטוב. דער דירעקטאר האט דאן צוויי מאל אויסגעשאסען פון א רעוואלווער. צום גליק האט ער קיינעם ניט געטראפען. נאר איין קויל האט שיער ניט דער־הרג'ט א קליין מיידעל, וועלכע איז געשטאנען דרויסען. דער יונגער קאלאניסט האט געפאדערט, אז ער זאל צוריקנעהמען דעם בעפעהל וועגען ארויסטרייבען האלפערין'ען. ער האט איהם זאגאר פערשפראכען, אז זונטאג וועט האלפערין אליין פערלאזען די קא־לאניע. דער דירעקטאר האט געמוזט נאכגעבען. נאר פון הינטען ארום האט ער געשיקט אין יפו א בריעף און האט פערלאנגט מען זאל שיקען סאלדאטען, חיל'ען (חאיאלען) ווי מען זאגט ביי אונז אין ארץ ישראל, אויף צו ארעסטירען די ארבייטער, וועלכע זיינען אויף איהם אנגעפאלען אין זיין שטוב און האבען איהם געמאכט א פאגראם. אז מען האט זיך אביסעל בע־רוהיגט, זיינען ארייגעגאנגען צו איהם עטליכע קאלאניסטען און האבען פון איהם פערלאנגט, ער זאל צוריקרופען די בקשה וועגען חיל'ען. זיי האבען איהם אנגעוויזען אויף דער סכנה, וואס דאס קען ברייגען דער קאלאניע

און איהם אליין. אויף דעם האָט ער געענטפערט: „תמות נפשי עם פלשתים!“

.4

מען קען זיך פארשטעלען ווי די קאָלאָניע האָט געקאָכט, ווען מען האָט דערהערט, אז דער דירעקטאָר האָט געשיקט נאָך חיל'ן און אז מען האָט געהערט דעם ענטפער, וועלכען ער האָט געגעבען די קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען מיט איהם גערעדט וועגען צוריקרופען זיין פאָדערונג! וועגען חיל'ן האט ער ניט געשריבען גלייך צו דער רעגירונג. ער האָט געשריבען צו הירש'ן, דעם דירעקטאָר פון מקוה ישראל, און דער האָט געדארפט אנזאָגען הערצענשטיינען, ער זאָל ארייגגעהן צו די פארשטעהער פון דער רעגירונג און מינדליך פערלאנגען מען זאָל שיקען חיל'ן. הערצענשטיין איז דאַן געוועזען אין יפו דער גרעסטער סוחר און באנקיר. ער איז געוועזען זעהר א גוטער מענש און האָט געפיהרט פריינדשאפט מיט אלע קאָלאָניסטען. איך האָב שוין זיין נאָמען דערמאָנט, ווען איך האָב גערעדט וועגען דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאָלפען הירש'ן צו פיהרען די אינטערעסען פון די חובבי ציון. עס פערשטעהט זיך אז מיט דעם דירעקטאָר איז ער אויך געוועזען זעהר גוט און דורך זיין שוואכקייט האָט ער איהם ניט געקאָנט אבזאָגען אין דער פראגע פון חיל'ן.

דא האט פאסירט א אינטערעסאַנטער אינצידענט. דעם בריעף פון דירעקטאָר אין מקוה ישראל און אין יפו האָט זיך אנגענומען אוועקצוטראגען א קאָלאָניסט פון גדרה מיט'ן נאָמען פוקס. ער האָט זיך דאַן געשרכנ'ט צו א מיידעל פון עקרון. די קאָלאָניע איז אויך געשטאַנען אונטער דער פערוואַלטונג פון דעם ראשון לציונ'ער דירעקטאָר. דאָרט איז ניט געוועזען קיין חברה רודפי שלום; דאָרטען איז נאָך ניט געקומען צו קריעג מיט'ן דירעקטאָר. דעריבער ווען אלע קאָלאָניסטען פון גדרה האָבען געהאַלטען מיט די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון איז ער, פוקס, געוועזען כמעט דער איינציגער וואס איז געוועזען נאָהענט צום דירעקטאָר.

איך בין דאַן געוועזען אין ראשון לציון און האָב בייגעוואוינט די גאַנצע סצענע. דעריבער האָב איך אנגעשריבען צו הערצענשטיינען אזא

בריוועלע: „אין היץ פון דעם סקאַנדאַל האָט דער דירעקטאָר געשיקט רופען סאָלדאַטען. איצט איז דער סקאַנדאַל אריבער און מען דאַרף שוין די סאָלדאַטען מעהר ניט האָבען. אין נאָמען פון אַלעם וואָס אונז איז הייליג, בעט איך אייך צו ווירקען אַז די סאָלדאַטען זאָלען ניט קומען. קומט אליין צופאָהרען אויף שבת.״

ווען הערצענשטיין וואָלט מיך געפאָלגט וואָלט זיך אַלעם אפשר בע־רוהיגט, ווייל ער האָט געהאַט איינפלוס אויף דעם דירעקטאָר און איז געווען גוט מיט אַלע קאָלאָניסטען. נאָר ער איז געווען צו־שוואַך מיך צו פאָלגען.

איך האָב אויפגעשריעבען דעם בריעף און ארוים אין גאס זעהן, ווי אזוי אבצושיקען איהם אין יפו צו הערצענשטיינען. איך האָב אין גאס גע־טראָפען א יפו׳ער שניידער, וועלכער איז געזעסען רייטענדיג אויף א פערד און האָט געהאַלטען ביי פאָהרען אין יפו. איך האָב איהם איבערגעגעבען דעם בריעף און געבעטען ער זאָל באַלד איהם אָבגעבען ווען מען דאַרף. אריינפאָהרענדיג אין יפו האָט ער געטראָפען פוקס׳ן, וועלכער איז א פערסאָפּעטער געלאָפען פון מקוה ישראל.

— פוקס, וואוהין לויפט איהר? — האָט ער איהם געפרעגט.

— צו הערצענשטיינען — האָט ער איילענדיג אויסגערופען.

— אויב צו הערצענשטיינען, האָב איך דאָ פאַר איהם נאָך א ברי־וועלע. גיט איהם איבער.

פוקס האָט געכאַפּט מיין בריוועלע און ניט וויסענדיג, וואָס אין איהם שטעהט, האָט ער איהם אריינגעוואָרפען צו הערצענשטיינען אין האַנט, האָט זיך א פערמאַטערטער (ער איז געלאָפען פון ראשון לציון צו־פוס) אריינגעוואָרפען אין א שטול און גענומען שרייען: „גיכער חיל׳ן!״ הערצענשטיין האָט גענומען לייענען מיין בריעף און האָט געזעהן, אַז עס איז פערקעהרט. דאַן האָט פוקס זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נאָך בריעף פון דירעקטאָר און פון הירש׳ן. און אזוי ווי ער איז אוועק פון ראשון לציון אין רעכטען טומעל, האָט ער אנגעהויבען שרייען, אַז הערצענשטיין מוז תיכף שיקען חיל׳ן.

# די צווייטע רעוואלוציע אין ראשון לציון.

דער גורל איז געווארפען געווארען און הערצענשטיין איז אוועק צו דער רעגיערונג בעטען מען זאל שיקען אין ראשון לציון א בעוואפענטע קראפט, אום צו ראטעווען דעם דירעקטאר.

ארום דריי אזייגער נאך האלבען טאג זיינען אנגעקומען די ערשטע צוויי חיל'ן. אין אראבישע דערפער פלעגט זיך אמאל טרעפען, און ערטערווייז טרעפט זיך נאך איצט, אז מען בעגעגענט די רעגירונגס סאלדאטען מיט שטיינער אדער אפילו מיט שיסעריי. דערפאר איז ביי די סאלדאטען א מנהג ניט אנצופאהרען אלע פון איין ארט און ניט פון דעם געוועהנליכען וועג. די צוויי זיינען אנגעקומען דורך די וויינגערטענער. אנדערע זיינען אנגעקומען פון אנדערע זייטען, און סך הכל זיינען אנגעקומען זעקס סאלדאטען. זיי זיינען אראב פון די פערד נעבען דעם הויז, וואו עס האט געוואוינט דער דירעקטאר, און האבען געווארט אויף זייערע עלטערע. אין א ווײלע ארום איז אנגעקומען א קארעט, אין וועלכען עס איז געזעסען אן אפיציער, נאך א פאר בעאמטע און — הערצענשטיין. אין קארעט זיינען אויך געלעגען א סך שטריק אויף צו בינדען די, וועלכע מען האט געדארפט ארעסטירען און אוועקפיהרען אין יפו.

ווי א בליץ איז דורכגעגאנגען דורך דער גאנצער קאלאניע די ידיעה, אז חיל'ען זיינען געקומען צו ארעסטירען די ארבייטער. אזא בעליידיגונג פאר זיך, פאר'ן אידישען נאמען האבען די קאלאניסטען ניט געקענט בשום אופן פערטראגען. אלע, מענער, פרויען, דערוואקסענע, קינדער האבען זיך צונויפגעקליבען אין גאס לעבען דעם דירעקטאר'ס הויז. אלע זענען געוועזען ענטשלאסען נישט צו דערלאזען אזא שאנדע. יעדערער האט עטוואס געהאט ביי זיך אונטער דער פאלע: ווער א רעוואלווער, ווער א גראבען שטעקען, ווער א האקמעסער אדער אן עהנליכעס געוועהר. מען איז געווען גרייט אויף אלעס, און בלוט וואלט זיכער דאן פערגאסען געווארען אין ראשון לציון, און ווער ווייס, וואס פאר א קאטאסטראפע וואלט זיך דאן געטראפען אין דער קאלאניע און אין דער גאנצער קאלאניזאציאן. דאס איז דאך ניט קיין קלייניגקייט: שטעלען זיך געגען רעגיערונגס-סאלדאטען. ווען די זאך האט געהאלטען גאנץ ערנסט, האט לוליך ביי א *פריינדליכען געשפרעך* אראבגעריסען די שווערד פון אפיציער.

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

שוין האָבען די סאָלדאַטען בעקומען א בעפעל אנצולאַדען זייערע ביקסען, און זיי האָבען דאס געטהאָן אין די אויגען פון אלע קאָלאָניסטען.

נאר אין לעצטען מאָמענט האָט זיך געטראָפען איינפאַך א נס. אונערוואַרטעט איז אנגעפאָהרען דער דירעקטאָר פון מקוה ישראל, הירש, ווי איך האָב שוין געהאט די געלעגענהייט צו דערצעהלען, אז הירש איז שוין דאן געווען ניט דערזעלביגער, ווי ביי דער ערשטער רעוואָלוציע. אויף דער ביטע פון דירעקטאָר האָט ער געלאָזט שיקען חיל'ען, אבער זיין הארץ איז געווען אונרוהיג. ער האָט געהייסען איינשפּאַנען זיין וואגען און איז געקומען אין ראשון לציון.

איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איהם בעגעגענט. איך האָב איהם אנגעוויזען אויף דעם צוהיצטען עולם און האָב א געשריי געטהאָן:

„אום גאָטעס ווילען, שיקט אוועק די סאָלדאַטען! ..."

ער האָט א קוק געטהאָן אויף'ן עולם און האָט פערשטאַנען, אז דאָ איז ניט קיין שפּאס ער איז באלד ארויף אויבען אין שטוב אריין, וואו עס זיינען געזעסען די רעגיערונגס-בעאַמטע מיט'ן אָפיציער, און האָט זיי געהייסען באלד אומקעהרען זיך אין יפו.

מען מוז געדענקען, אז ראשון לציון איז פערשריבען ביי דער רעגיערונג אויף דעם נאמען פון מיכאל ערלאַנגער, וועלכער איז געווען א פראנצויזישער אונטערטהאן, און הירש האָט זיך גערעכענט אלס זיין בעפאָלמעכטיגער. דעריבער, אז מען האָט געדארפט רופען די סאָלדאַטען, האָט מען געמוזט אנקומען צו הירש'ן, און אז הירש האָט ערקלערט, אז מען דארף זיי שוין מעהר ניט האָבען, האָט מען איהם געמוזט פאָלגען.

די סאָלדאַטען זיינען אוועק און האָבען צוריקגעפיהרט די שטריק, מיט וועלכע זיי האָבען גערעכענט צו בינדען די אידישע ארבייטער און צובינדען זיי צו זייערע פערד.

עס איז שוין געווען באלד נאַכט. הירש האָט זיך געאיילט אוועקצופאהרען (עס איז דאך געווען ערב שבת), ער האָט צוגעזאגט צו קומען נאך שבת אויסצוהערען די טענות פון די קאָלאָניסטען. מיט איהם צוזאמען איז אוועקגעפאהרען אין מקוה ישראל דער דירעקטאָר. איהם איז, זעלבסט-

פערשטענדליך, געוועזן ניט אנגענעהם צו בלייבען נאך אזא טאָג אין דער קאָלאָניע. ער האָט אויך מורא געהאַט צו בלייבען. אגב האָט מען פון דעם עולם אויך גענומען הערען קולות, ער זאָל אוועקפאהרען. די פאמיליע זיינע איז סאי ווי סאי דאן געוועזן אין עקרון.

אז זיי האָבען געהאלטען ביים אוועקפאהרען, האָט דער עולם אנ־געהויבען שרייען, הערצענשטיין זאָל אויך אוועקפאהרען. ווי איך האָב געזאָגט, איז ער געוועזן בעפריינדעט מיט אלע קאָלאָניסטען. ער האָט גע־רעכענט בלייבען אין קאָלאָניע, רעדען מיט די איינוואוינער און אפשר ווירקען אויף אַ שלום. נאר די קאָלאָניסטען האָבען איהם ניט געקענט מוחל זיין, וואס ער האָט געבראַכט די סאָלדאַטען און איז זאגאר געקומען אין איין וואגען מיט דעם אפיציער און מיט די שטריק — און האָבען פערלאַנגט ער זאָל אוועקפאהרען.

ער האָט געפּרובט אַ קעהר טהאָן זיך צו אלעמען און פרעגען: „ווילט איהר דען ווירקליך איך זאָל אוועקפאָהרען?”

„יא, יא!” האָבען אלע אויסגעשריען און ער איז טאַקי אוועקגע־פאהרען.

5.

אין ראשון לציון איז דער שבת שבת דוקא פערלאפען רוהיג. נאר שבת־צו־נאַכט אויף אן אלגעמיינער אסיפה האָבען די קאָלאָניסטען בעשלאָסען אויף קיין אופן ניט אריינצולאזען דעם דירעקטאָר צוריק אין קאָלאָניע.

דערפאר אבער האָט די שטאָדט יפו געקאָכט אַ ביסעל. עס איז אנגעקומען א ידיעה, אז זונטאָג דארף אנקומען אין ארץ ישראל א גרויסער גאַסט. דאס איז געוועזן א געוויסער הערר זימעל, א בערלינער איד און כלל־טהוער. ער איז ווירקליך געוועזן א גאַנץ פּראָמינענטע פערזענליכקייט און איז געוועזן בעוואוסט ניט נאָר אין דער שטאָדט בערלין. ער האָט דאן געמאַכט א רייזע אין אָריענט און האָט אויפ׳ן וועג בעוויזען צו גרינדען אין קאַירא, אין מצרים, אַ לאָדזש פון „בני ברית”. אזא לאָדזש האָט ער אויך געגרינדעט אין ירושלים.

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

איידער ער האט אונטערגענומען די רייזע, איז ער געווען אין פּאריז ביי דעם באַראָן ראָטשילד און דיזער האָט איהם געגעבען בריעף צו זיינע אַדמיניסטראַטאָרען אין די קאָלאָניעס פון ארץ־ישראל, זיי זאָלען איהם פריינדליך אויפנעהמען און בעקאַנט מאַכען מיט דער לאגע פון דער קאָלאָניזאַציע און פון די קאָלאָניעס. זעלבסטפערשטענדליך, האָט אויך דער ראשון'ער דירעקטאָר בעקומען א ידיעה, ער זאָל גוט עמפּפאַנגען דעם גאַסט.

זיינע פריינד און גלאָט די מעסיגע מענשען, האָבען גענומען טראַכטען, ווי זאָל מען אויסמיידען דעם סקאַנדאַל, ווען די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון וועלען בעשטעהן אויף אויסהאַלטען זייער בעשלוס און וועלען ניט אריינלאָזען דעם דירעקטאָר אינאיינעם מיט'ן גאַסט אין קאָלאָניע.

זיי האָבען ניט געפונען קיין אנדער מיטעל, ווי אויסאיבען אויף די ראשונ'ער דעם דרוק פון דעת הקהל. זיי האָבען געשיקט אָנזאָגען אין אַלע קאָלאָניעס פון יהודה, אז זייערע איינוואוינער זאָלען זיך זונטאָג פריה צוזאַמענקומען אַלע אין ראשון לציון. פון איין זייט האָט דאָס געהייסען, אז אַלע קאָלאָניסטען אין איינעם וועלען מקבל פּנים זיין דעם גאַסט, און פון דער אנדערער זייט, וועלען זיי ווירקען אויף די ראשון־לציונ'ער זיי זאָלען קיין סקאַנדאַל ניט מאַכען.

קאָלאָניעס אין יהודה חוץ ראשון לציון, זיינען דאַן געווען פיער: פּתח־תקוה, עקרון, גדרה און ודי־חנין. פון די פיער קאָלאָניעס איז עקרון געגרינדעט געוואָרען דירעקט פון באַראָן ראָטשילד און האָט אין יענער צייט נאָך געלעבט אויף זיין חשבון. דער דירעקטאָר פון ראשון לציון האָט ביי זיי אויך געקיניגט. און כאָטש זיי האָבען אין דער רעוואָלוציע קיין אנטייל ניט גענומען, אבער זיי האָבען גאַנץ גוט טועם טעם געווען די פיהרונג פון דער אַדמיניסטראַציע און זיי האָט גאָר ניט געאַרט וואס עס טהוט זיך אין ראשון לציון, און האָבען קיין חשק ניט געהאַט צו קריעגען זיך מיט איהרע איינוואוינער צוליעב דעם דירעקטאָר. די קאָלאָניסטען פון גדרה, וועלכע האָבען אַלע מאָל זיך אויסגעצייכענט דורך זייער ליעבע צו פרייהייט און אונאבהענגיגקייט, האָבען אַלע (חוץ

פוקס׳ן), געהאַלטען מיט די ראשון־לציונ׳ער. די צאהל פון די קאָלאָניסטען פון ודי־חנין איז געווען נאָך דאן זעהר קליין און אונבעדייטענד.

גאַנץ אַנדערש איז אבער געווען די לאַגע פון פתח תקוה. די קאָ־לאָניע האָט זיך געהאַלטען אין איין ענטוויקלען, אין איין וואַקסען, און די הילף, וועלכע איהרע קאָלאָניסטען פלעגען בעקומען פון די חובבי־ציון, איז געווען צו קליין און ניט־גענינענד.

אין דער קאָלאָניע זיינען געווען א סך אזעלכע, וואס האָבען אפילו קיין אייגענע ערד ניט געהאַט. מען פלעגט דערצעהלען, אז א איד פלעגט קומען קיין יפו, פלעגט ער באַלד קויפען א פערד מיט א פלוג, פלעגט מיט דעם אריינפאָהרען אין פתח תקוה, פלעגט דינגען א דירה און באַלד אַנגעבען אַ ביטע צום קאָמיטעט פון חובבי ציון און פערלאַנגען שטיצע.

עס קען זיין, אז די מעשה האָט מען אויסגעטראכט. אין דער ווירק־ליכקייט איז זי טאַקע געווען דאן די איינציגע קאָלאָניע, איז וועלכער א נייַ־אַנגעקומענער איד האָט זיך געקענט בעזעצען. די קאָלאָניע האָט ניט געהאַט קיין אַדמיניסטראַציע וועלכע זאָל שטערען. די ערשטע קאָלאָ־ניסטען האָבען געהאַט זעהר פיעל לאַנד וועלכעס זיי האָבען געזוכט צו פערקויפען און דאָס האָט ווירקליך געפיהרט דערצו, אז די קאָלאָניע איז געוואָרען די גרעסטע און די רייכסטע אין גאַנץ ארץ־ישראל. אבער אין יענער צייט איז זי נאָך געווען אָרעם און איהרע קאָלאָניסטען האָבען געהאַלטען אין איין האָפען, אז דער באַראָן וועט זיי אויך ענדליך נעהמען „אונטער זיינע פליגעל׳׳ און וועט זיי אויך געבען שטיצע אזוי ווי אין ראשון לציון. דעריבער איז פאַר זיי די ראשון־לציונ׳ער מעשה ניט גע־ווען צום האַרצען. זיי האָבען מורא געהאַט און מען האָט אזוי געגעבען צו וויסען, אז דורך דעם קען זייער האָפנונג אויפ׳ן באַראָן ווערען צור־נישט....

זונטאָג אין דער פריה איז אָנגעקומען אין ראשון לציון די ידיעה, אז די שיף פון אלכסנדריה איז אַנגעקומען און מיט איהר אויך דער גאַסט ה׳ זימעל, וועלכער געפינט זיך שוין אין מקוה ישראל און קלייבט זיך צו קומען אין ראשון לציון צוזאַמען מיט׳ן דירעקטאָר.

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

די קאָלאָניע האָט אָנגעהויבען צו רודערען. קיינער איז אין פעלד יענעם טאָג ניט געגאַנגען, אין דער היים איז מען אָבער אויך ניט געזעסען. מען האָט זיך ארומגעדרעהט אין גאס פון דער קאָלאָניע און מען האָט גע־קוקט אין צפון־זייט אויף דעם יפו'ער וועג.

ארום 10 א זייגער האָט מען בעמערקט פון ווייטען א גרויסע מחנה מענשען, וועלכע געהען אויפ'ן וועג צו ראשון לציון. נאָך די קליידער נאָך, האָט מען דערקענט, אז דאס זיינען ניט קיין אראבער, נאר אידען. איי־ניגע רייטער זיינען באלד ארויסגעפאָהרען זעהן, וואָס דאָס איז.

זיי האָבען זיך באלד אומגעקעהרט און אנגעזאָגט, אז דאס געהען אלע פתח־תקוה'ער קאָלאָניסטען, ווער רייטענדיג אויף פערד אָדער עזלען, ווער אין וועגעז און ווער פשוט צו־פוס. דאן האָבען די קאָלאָניסטען בע־מערקט, אז אין קאָלאָניע געפינען זיך שוין עקרונ'ער און גדרה'ר קאָלאָניס־טען. עס איז געווען אן אלגעמיינע מאָביליזאציע פון אלע קאָלאָניסטען פון יהודה געגען ראשון־לציון. נאר די קאָלאָניסטען פון עקרון און פון גדרה זיינען אנגעקומען פון דרום זייט. זיי זיינען ניט אָנגעקומען אין איין מאָסע, דעריבער האָט זיי קיינער ניט בעמערקט.

אין קאָלאָניע גופא האָבען זיי זיך ניט געהאלטען צוזאמען. א טהייל זיינען אריינגעגאנגען צו זייערע בעקאַנטע אין די הייזער. די איבעריגע האָבען זיך צומישט צווישען די ראשון־לציונ'ער קאָלאָניסטען און זיינען געווען איינפאַכע צושויער ביי דער פארגעקומענער סצענע.

די הויפט־ראָלען האָבען אויף אזא אופן געשפּיעלט נאָר די קאָלאָ־ניסטען פון פתח תקוה. הינטער זיי איז געפאָהרען דער וואָגען, אין וועל־כען עס זיינען געזעסען דער גאַסט זימעל, דער דירעקטאָר פון ראשון לציון און הירש, דער דירעקטאָר פון מקוה ישראל.

ביז די גאַנצע מחנה איז צוגעגאנגען צו ראשון לציון, האָט זיי דער וואגען אריבערגעיאָגט און איז געפאָהרען פאראויס, אָדער אין די ערשטע רייהען פון די פתח־תקוה'ער.

ווי די קאָלאָניסטען האָבען בעמערקט דעם וואגען מיט דעם דירעקט־טאָר, זיינען זיי אויך אין אַ געפּאַקטער מאסע ארוים אויפ'ן וועג. דער וועג אין יענעם אָרט איז אַ שמאָלער, פוןביידע זייטען געהען גערטענער,

וועלכע זיינען פערצאַמט מיט מימאָזען, אַ מין שטעכענדיגען בוים אָדער קוסט. אויף אַזאַ אופן האָבען די קאָלאָניסטען פערשטעלט דעם וועג און דער וואָגען האָט געמוזט בלייבען שטעהן.

זיי האָבען ערקלעהרט זימלען און הירש'ן, אַז זיי זיינען גערן צו עמפפאַנגען זיי אין קאָלאָניע אלס גוטע געסט, נאָר דעם דירעקטאָר קענען זיי בשום אופן ניט ערלויבען אריינצוגעהן אין קאָלאָניע, ווייל אַזוי האָבען זיי פייערליך בעשלאָסען.

דריי שעה איז געשטאַנען דער וואָגען אונטער'ן בארג און איז ניט אריינגעפאָהרען. דריי שעה זינען געשטאַנען די צוויי מחנות קאָלאָניסטען ראשון־לציונ'ער פון איין זייט, פתח־תקוה'ער פון דער אנדערער זייט אַזוי ווי צוויי פיינדליכע ארמעען פארטיג אנצופאַלען איינע אויף די אנדערע. נאָר מען איז דאָך אידען — צו קיין אַנפאַל, צו קיין געשלעג איז ניט געקומען. דער גאַנצער מאַטעריעלער חזק איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס איינער פון די ראשון־לציונ'ער קאָלאָניסטען האָט פון גרוים אויפרע־גונג צוריסען ... זיין אייגענעם שטרויענעם הוט ... מען זאָגט, אַז איינער פון די פתח תקוה'ער קאָלאָניסט האָט אויך בעקומען אַ שפיי אין פנים פון דעמזעלבען צוהיצטען ראשון־לציונ'ער. אין אַלגעמיין איז די סצענע געוועזן זעהר אינטערעסאַנט און גאַנץ אייגענאַרטיג.

שליסליך האָט ה' זימעל געגעבען זיין וואָרט, אַז דער דירעקטאָר וועט אין ראשון לציון ניט פערבלייבען: ער וועט איהם מיטנעהמען ביי זיין אוועקפאָהרען און די קאָלאָניסטען האָבען געמוזט נאָכגעבען. דער וואָגען איז אריינגעפאָהרען אין קאָלאָניע, און די פתח־תקוה'ער אידען זיינען אוועק צוריק. איינעגע, זעלבסטפערשטענדליך זיינען אויך געבליבען אין ראשון־לציון ביז דעם אבענד.

בשעת דער דירעקטאָר האָט ביי זיך אין וואוינונג אין אָרדנונג גע־בראַכט זיינע פאַפּיערען, האָבען די קאָלאָניסטען צוזאַמען מיט זימלען אבגעהאַלטען אַן אסיפה, אין וועלכער זיי האָבען פאַר איהם אויסגעגאָסען זייער ביטער הארץ. פון דער אסיפה איז אין ראשון־לציון געבליבען איין אַנדענקונג: אַז איינעגע פרויען זיינען אויך געקומען אויף דער אסיפה און האָבען אויך אָנגעהויבען צו רעדען, האָט זימעל צו זיי אַ געשריי געטהאָן:

„פרויען אין די קיכע!”... און דאס איז געבליבען אלס א ווערטעל אין דער קאָלאָניע.

פארנאַכט זיינען די געסט אוועקגעפאָהרען און מיט זיי דער די־רעקטאָר, וועלכער איז ווירקליך מעהר ניט ערשינען אין ראשון לציון.

.6

ווידער האָבען זיך אָנגעהויבען פאר ראשון לציון שלעכטע צייטען. די מאָנאַטליכע שטיצע האָט אויפגעהערט און דאָ האָט מען נאָך געדארפט מאַכען פסח. ווען די קאָלאָניסטען זיינען פאָרט איבערגעקומען די שלעכטע צייט, האָבען זיי דערפאר צו דאַנקען דעם קרעדיט, וועלכען זיי האָבען שוין געהאַט אין לאַנד. זיי זיינען שוין מעהר ניט געווען די גרינע, ווי אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

גוטע פריינד אין זייער קאַמף האָבען זיי געהאַט וועניג. די געשוואָ־רענע כלל־טהוער זיינען געווען געגען זיי, איינער בעזונדערס, א ירושלים׳ער משכיל און כלל טהוער, מיכל פינס ע״ה, וועלכער האָט פריהער זיך פערהאַלטען פריינדליך צו די קאָלאָניסטען און צו זייער קאַמף מיט׳ן דירעקטאָר און וועלכער האָט פיעל מאָל געראַטען די קאָלאָניסטען, אז די בעסטע זאַך וואָלט געווען צו כאַפּען דעם דירעקטאָר בייְנאַכט, ווען ער וועט ארויסגעהן פון זיין הויז, אוועקפיהרען איהם אין א פערוואָרפענעם ווינקעל און דאָרטען מכבד זיין מיט מלקות אָדער פשוט גערעדט אָבשמיי־סען — דער זעלביגער איז איצט ארויסגעטראָטען געגען זיי, ווען די זאַך האָט אנגענומען אן ערנסטע פאָרמע...

אום צו האָבען א פאָרשטעלונג, מיט וועלכע מיטלען מען האָט גע־זוכט אויפצוהעצען אלעמען געגען ראשון לציון, קען איך ברענגען דעם פאַקט, אז נאָך זימעל׳ס אוועקפאָהרען פון ארץ ישראל, האָב איך פון איהם בעקומען די דעפעשע: „פריעדענס־שטיפטונג ראשון לציון — לע־בענס־פראַגע גדרה...” וואס פאר א שייכות האָט געהאַט ראשון לציון צו גדרה אין דער פראַגע, פערשטעה איך נאָך ביז איצט ניט.

היינטיגעס מאָל האָבען די קאָלאָניסטען קיין בריעף אין פאריז ניט געשריעבען. זיי האָבען נאָך געדענקט פון דער ערשטער רעוואָלוציע,

ווי וועניג זייערע בריעף קענען ווירקען. זיי האָבען דעריבער בעשלאָסען צו שיקען אין פאריז צוויי מענשען, וועלכע זאלען קענען דאָרט אויפקלערען די לאגע און געבען ענטפערס אויף אלע שאלות. מען האָט דערצו אויסגעקליבען ישראל ניעמצאָוויצ׳ען ז״ל און ברוך פאפיערמייסטער. דאס זיינען געווען צוויי קאָלאָניסטען פון עיון, דאס הייסט פון דעם צווייטען טהייל פון ראשון לציון׳ער לאַנד. זיי האָבען קיין מאָל קיין שטיצע פון באראָן ניט בעקומען און זיינען געוועזן פאָלשטענדיג אונאבהענגיג פון דער אַדמיניסטראציע. עס האָט געדויערט א ביסעל צייט, ביז די צוויי דעלעגאטען זיינען ארויסגעפאָהרען, ווייל מען האָט געדארפט קריעגען פאר זיי רייזע־קאָסטען. ענדליך זיינען זיי דאָך ארויסגעפאָהרען, נאָר אז זיי זיינען אנגעקומען אין פאריז האָבען זיי דעם באראָן שוין ניט געפונען: דער באראָן מיט דער באראָנעסע זיינען שוין געווען אויף דער רייזע נאך ארץ ישראל!

די קאָלאָניסטען האָבען מיט פאריז קיין דירעקטע פערבינדונג ניט געהאַט און נאר פון זייערע דעלעגירטע האָבען זיי זיך דערוואוסט פון די געסט, וועלכע האָבען געדארפט קומען, און זיי האָבען אונגעדולדיג גענומען ווארטען אויף זיי.

און ניט לאנג האָבען זיי געדארפט ווארטען: א וואָכען דריי נאך פסח איז דער באראן מיט זיין פרוי אָנגעקומען אין ארץ ישראל. ער איז געוועזן ביז אויף ראשון לציון און האָט אָנגעזאָגט די קאָלאָניסטען, אז ער וויל ניט, מען זאל איהם צונעהמען מיט פאראד. אין א שעהנעם פריה־מאָרגען האָבען זיך די קאָלאָניסטען געכאַפּט, אז אויף א לעדיגען פלאַץ אין קאָלאָניע שטעהען געצעלטען און אין די געצעלטען זיינען שוין געוועזן די געסט. נאך פארמיטאַג איז שוין אבגעהאַלטען געווארען א פערזאַמלונג, אויף וועלכער דער באראן האָט געמאַכט פאָרווירפע די קאָלאָניסטען פאר זייער אויפפיהרונג געגען דעם דירעקטאָר. ער האָט גערעדט פונקט ווי עס דארף רעדען א מענש, וועלכער שעפט די ידיעות איבער די קאָלאָניעס און זייער לאגע פון די רעפּאָרטען, וועלכע עס שיקען איהם די דירעקטאָרען. פאר די גוטע לאגע פון דער קאָלאָניע דארף מען, נאך זיין מיינונג, דאנקען דעם דירעקטאָר, פאר די שעהנע וויינגערטענער דעם

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

פראנצויזישען גערטנער קאָוועלאָן, אָט דעם זעלבען, וועלכער האָט אַמאָל געפלאנצט די וויינשטאָקען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ... מעהר ווי אלעמען האָט ער בעשולדיגט פיינבערג'ען וואס האָט איהם אריינגעפיהרט אין ראשון לציון און איז געווען איינער פון די הויפּטפיהרער פון דער רעוואָ־לוציע. (נאָך די רייד פון באראָן האָט פיינבערג געפונען פאר נויטיג צו פערקויפען זיין גוט אין ראשון לציון און בעזעצען זיך אין דער שטאָדט לוד, וואו ער האָט איבערגענומען די ערשטע אידישע אויל־פאַבריק, וועלכע עס האָט געגרינדעט ישראל ניעמצאָוויטש ע"ה). איך האָב אויך געהאַט די עהרע צו זיין דערמאָהנט אין דעם באראָנ'ס רעדע. ער האָט געזאגט, אז דערפאר וויל ער ניט פאָהרען קיין גדרה, ווייל דאָרט געפינט זיך דער ערשטער רעוואָלוציאָנער בעקינד.

אויף די קאָלאָניסטען האָט די רעדע פון באראָן געמאַכט זעהר א שווערען איינדרוק. זיי האָבען געזעהן, אז זייער רעוואָלוציע איז פער־שפּיעלט, אז דער דירעקטאָר, וועלכען זיי האָבען ניט אריינגעלאזען אין קאָלאָניע, וועט זיך נוקם זיין וויפיעל ער וועט נאָר קענען. דער גאַנצער קאַמפּף איז אלזאָ געווען אומזיסט. אייגענטליך איז די גאנצע רעוואָלוציע געווען געריכטעט געגען די פּערזאָן פון דירעקטאָר. ווען ער זאל אוועק, הייסט דאס, אז די קאָלאָניסטען האָבען געוואונען, ווען ער זאל בלייבען, הייסט דאס, אז זיי האָבען פערשפּיעלט.

דאן זיינען צו די קאָלאָניסטען געקומען צו הילף דריי פרויען און זיי האָבען פעררירכט די גאנצע לאַגע.

צום ערשטען מאָל איז דער באראָן געפאָהרען אין עקרון אליין און די באראָנעסע איז געבליבען אין ראשון לציון. מיט דעם מאָמענט האָבען זיך בענוצט די דריי פרויען און זיי זיינען אוועק אלס דעפּוטאציע צו דער באראָנעסע. דאָ אין אן איינפאַכען ווייבערשען געשפּרעך האָבען זיי גע־פועל'ט וואס זיי האָבען געוואָלט, די באראָנעסע האָט זיי צוגעזאָגט צו ווירקען אויפ'ן באראָן, ער זאל צונעהמען דעם דירעקטאָר פון ראשון לציון. און זי האָט אויסגעפיהרט. אויף מאָרגען איידער דער באראָן מיט זיין פרוי זיינען געפאהרען נאָך עקרון, האָט ער ערקלערט, אז ער נעהמט צו דעם דירעקטאָר פון ראשון לציון און גיט איהם דעם זעלבען פּאָסטען

אין ראש פּנה. מען זאָגט, אַז די באַראָנעסע האָט בשום אופן ניט געוואָלט מיט איהם מיטפאָהרען, ביז ער האָט ניט ערקלערט דעם בעשלום. מאַטע־ריעל האָט דער דירעקטאָר וועניג פערלאָרען, אין ראש פּנה האָט ער גע־שפּיעלט נאָך אַ גרעסערע ראָלע, נאָר די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון האָט דאס ניט געאַרט. זיי זיינען געווען צופריעדען מיט דעם וואס זיי האָבען אויסגעפיהרט. דערפאַר ווען דער באַראָן האָט זיך אומגעקעהרט פון עקרון, האָבען זיי איהם דאס מאהל עמפּפאַנגען מיט גרויס פּאַראַד. די גאַנצע קאָלאָניע איז געווען אילומינירט. די עלטערע קאָלאָניסטען האָבען איהם בעגעגענט מיט די ספרי־תורה׳ס, די שוהל־קינדער — מיט געזאַנג און אַלע קאָלאָניסטען מיט די געשרייען: „יחי הנדיב! יחי הבאַראָן!״ זאָל דער באַראָן, לעבען זאָל די באַראָנעסע!

זיי ביידע זיינען געווען העכסט געריהרט פון דעם עמפּפאַנג, וועל־כער האָט געדויערט ביז שפּעט אין אָבענד. מען איז זיך צוגאַנגען, ווייל דער באַראָן האָט ערקלערט, אַז ער איז מיעד און דאס ער רעכענט אויף מאָרגען אוועקצופאָהרען. צוגעהענדיג זיך, האָבען די קאָלאָניסטען געהאַט אין זינען אויף מאָרגען צו בעגלייטען דעם באַראָן ווי עס דאַרף צו זיין, ווייבאַלד זיי האָבען איהם ניט געקענט עמפּפאַנגען ווען ער איז געקומען. נאָר ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, איז שוין פון די גע־צעלטען קיין שפּור ניט געבליבען, גאַנץ פריה, נאָך פאַרטאָג זיינען די געסט אוועקגעפאָהרען אין זכרון יעקב.

אין זיין ערשטער רעדע האָט דער באַראָן ערקלערט, אַז ער האָט געבראַכט פאַר ראשון לציון אַ שעהנע מתנה, נאָר ער וועט זי איהר ניט געבען, ווייל די קאָלאָניסטען האָבען זיך שטאַרק פערזינדיגט. די קאָלאָניסטען האָבען אַלץ ניט געקענט טרעפען, וואס איז דאס געווען פאַר אַ מתנה, וועלכע זיי האָבען פערשפּיעלט. אויף מאָרגען האָבען זיי זיך דאס דערוואוסט, ווען זיי האָבען דערהערט, אַז דער באַראָן האָט עקרון אַ נאָמען געגעבען מ ז כ ר ת ב ת י ה. דער נאָמען איז גע־ווען בעשטימט פאַר ראשון לציון. און מען מוז זאָגען דעם אמת: די קאָ־לאָניסטען זיינען געווען זעהר צופריעדען, וואס זיי האָבען פערשפּיעלט דעם נאָמען. זיי זיינען זעהר שטאָלץ מיט דעם נאָמען פון זייער קאָלאָניע

ראשון לציון און וואָלטען געווען זעהר אונצופריעדען, ווען מען וואָלט איהם פערביטען אויף אזא ווענינ קלינגענדען נאָמען ווי „מזכרת בתיה". די עקרון'ער האָבען אויך ניט מיט חשק אנגענומען זייער נייעם נאָמען און רופען נאָך ביז איצט זייער קאָלאָניע מיט איהר אלטען נאָמען עקרון. דער נאָמען „מזכרת בתיה" איז געבליבען נאָר פאר די אפיציעלע פאפיערען פון דער אדמיניסטראַציע. אין לאַנד ווערט ער ווענינ אָדער גאָר ניט בענוצט.

7.

די קאָלאָניסטען האָבען געזיעגט, אבער זיי האָבען טייער בעצאָהלט פאר זייער זיעג. די עפענטליכע מיינונג איז געווען געגען זיי. די דאַמאָלס־דיגע צייטונגען זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען און מען האָט זיי גערופען אונדאַנקבאַרע מענשען, וועלכע ווייסען ניט צו שעצען דאס ברויט וואס מען גיט זיי. מען האָט זיי געזאָגט מוסר און מען האָט זיי ערקלערט: אז דער באַראָן שטעלט אוועק א שטעקען, דאַרף מען איהם אויך פאָלגען און אָבגעבען כבוד.

איינער פון די שרייבער האָט ענטדעקט א נייע אמעריקא. דער שרייבער איז געווען מיין פערזענליכער פריינד, דער גרינדער פון ראשון לציון און דער איצטיגער דירעקטאָר פון אידישען באנק אין ארץ ישראל ז. ד. ליבונתין. אין א בריעף צום רעדאַקטער פון „המליץ" האָט ער גע־שריבען: „בסוד וועל איך דיר זאָגען, אז די גאַנצע רעוואָלוציע אין ראשון לציון האָט געמאַכט אָלגא בעלקינד, וועלכע האָט געוואָלט מאַכען פאר א דירעקטאָר אין דער קאָלאָניע איהר ברודער ישראל בעלקינד"... איך וויל ניט זאָגען, וואס מען האָט גערדאַרפט זיין, כדי צו זאָגען אזא אבסורד. איך וואָלט זיך גאָר ניט גערדאַרפט פערענטפערען, ווען איך וואָלט גענומען אן ערנסטען אָנטייל אין דער צווייטער רעוואָלוציאָן, ווי איך האָב גענומען אין דער ערשטער, נאָר דער אמת איז, אז איך האָב אין דער צווייטער ניט געקענט נעהמען קיין אָנטייל, ווייל איך בין דאַן געווען א קאָלאָניסט אין גדרה. איך האָב געקענט סימפאַטיזירען, אבער ניט מעהר. און אפילו מיינע סימפאַטיען האָב איך ניט געקענט ארויסווייזען, ווייל, ווי איך האָב

שוין דערצעהלט, בין איך דאן געוועזן א מיטגליעד אין קאָמיטעט פון די חובבי ציון און א פאָרשטעהער פון דער קאָלאָניע גדרה.

אין דער קאָמיטעט האָט דער דירעקטאָר פון ראשון לציון געשפיעלט א גרויסע ראָלע. ווען איכ'ם זומער פאר דער רעוואָלוציע איז הירש אבגעפאָהרען אין פאריז, איז ער געוועזן דער פאָרזיצענדער און אין די אינטערעסען פון דער קאָלאָניע גדרה, וועלכע איך האָב פערטראָטען האָב איך ניט געקענט קריעגען זיך מיט דעם דירעקטאָר פון ראשון לציון. ניט איין מאָל האָט מען מיך גע'משפט דערפאר וואס איך בין ניט פינקטליך געקומען צו די אסיפות פון די רודפי שלום. נאָר אין דעם טאָג פון די חיל'ען בין איך אָפען ארויסגעטראָטען געגען דעם דירעקטאָר פון ראשון לציון. פון דעם אלעם קען מען פערשטעהן, אז איך, א קאָלאָניסט פון גדרה, אן ארויסגעטריבענער פון ראשון לציון, האָב געקענט לייכטער ווערען א סולטאן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווי א דירעקטאָר אין ראשון לציון, און ווען איך וואלט געוועזן אזא נאר און געשטרעבט דערצו, וואלט איך דאס בשום אופן ניט געקענט מאכען דורך א רעוואָלוציע אין דער קאָלאָניע.

די קאָלאָניסטען קענען ניט בייטען די דירעקטאָרען ווי זיי ווילען. זיי קענען פּראָטעסטירען געגען איינעם און בעטען אן אנדערען. דעם דירעקטאָר בעשטימט פאריז! וואס איז שייך צו מיין שוועסטער, איז זי געקומען פון פעטערבורג צו גאסט צו אונז אין ארץ ישראל שוין דאן, ווען די רעוואָלוציע איז שוין געוועזן גאנץ רייף, נור אזוי ווי זי איז געוועזן זעהר א טהעטיגע און איז געוועזן גוט בעקאַנט אין די קרייזען פון די חובבי ציון אין פעטערבורג, האָט זיך ביי ליבונתינ'ען אין קאָפּ אויסגעוועבט א גאַנצער ראָמאַן און ער האָט געשריבען דאס וואס ער האָט געשריבען... און אזוי ווי ער איז מיט פינף יאהר פאר דער מעשה געוועזן אין ראשון לציון, איז ער געוועזן דער מומחה, דער בעל־סמכא אין אלע פראגען, וועלכע זיינען שייך צו ארץ ישראל.

גאנץ אָפט האָבען די אינטערעסען פון ארץ ישראל צו ליידען פון אזעלכע בעל בעל־סמכא'ס. איינער איז געוועזן א קורצע צייט אין ארץ ישראל, אָדער אפילו א לענגערע, נאר מיט פיעל יאהר צוריק, און ער מיינט,

אז ער קען שוין אַלעס, וואס עס איז פערבונדען מיט דעם לאַנד און איהר קאָלאָניזאַציע.

אין פאריז האָט מען זיך גוט צוגעהערט צום דעת הקהל. און אז מען האָט געזעהן, אז ווער עס קען, בעשמוצט די קאָלאָניסטען און ווארפט אויף זיי שטיינער, האָט מען דאָרט בעשלאָסען מיט זיי זיך ניט צו צערע־מאָניען. אנ׳ערך אין א חדש ארום נאך דעם וויזיט פון באַראָן איז אנגע־קומען פון פאריז, אז מען זאל געבען די קאָלאָניסטען זייערע פריהעריגע אונטערשטיצונג ערשט דעמאָלט ווען זיי וועלען זיך אונטערשרייבען:

1) אז זיי זיינען נאָר טאָג ־ ארבייטער אויף דעם גוט פון דער אַדמיניסטראציע און זי האָט דאָס רעכט יעדען טאָג זיי אָבצוזאָגען פון דער ארבייט און ארויסצושיקען פון קאָלאָניע און

2) אז זיי קענען ביי זיך ניט האַלטען אין זייערע הייזער פרעמדע מענשען מעהר ווי פיער און צוואנציג שעה אָהן א ספּעציעלע ערלויבניש פון דער אַדמיניסטראציע.

עס זיינען געווען נאָך פונקטען, נאר די צוויי זיינען די וויכטיגסטע.

דריי חדשים האָט שוין געדויערט דער אָפענער קאַמף. דריי חדשים האָט מען ניט בעקומען קיין מיטלען צום לעבען. מען האָט אָפט אונטערגעהונגערט. די וועלט איז געווען געגען זיי — וואס איז דער חדוש, אז זי האָבען מעהר שוין ניט געקענט קעמפפען און האָבען גע־מוזט אננעהמען די נייע גזרה? זיי האָבען זיך געשעהמט איינער פאר דעם אנדערען. בעהאלטענערהייט איז יעדער געגאַנגען צום נייעם דירעק־טאָר און האָט זיך אונטערגעשריבען. דאס איז געווען אין מאָנאַט מאי און די קאָלאָניסטען האָבען זיי גערופען די מאי תקנות, אזוי ווי די בע־ריהמטע מאי־תקנות פון איגנאַטיעוו׳ן געגען די אידען אין רוסלאנד.

נאר דריי קאָלאָניסטען האָבען ניט געוואָלט אונטערשרייבען. זיי האָבען געפרעגט הירש׳ען, וואס וועט זיין, אז זיי וועלען ניט אונטער־שרייבען? האָט ער זיי געענטפערט, אז ער וועט זיי גאר נישט טהאָן. זיי וועלען נאר קיין שטיצע, קיינע נייע זאכען פון דער אַדמיניסטראַציע ניט בעקומען. די דריי קאָלאָניסטען זיינען געווען: יהודה ליב חנקין ז״ל

(דער דיאַדקאַ), לוי יצחק אייזענבאַנד ז״ל און מיין ברודער שמשון בעלקינד.

אלס דירעקטאָר איז בעשטימט געווארען אין ראשון לציון א ספרדי־שער אָדער ריכטיגער, א מאראקאנער איד, ה׳ חיים, וועלכער איז ביז יענער צייט געוועזן א לעהרער אין מקוה ישראל. דער חיים איז שפּע־טער אביסעל געוועזן איינער פון די דירעקטאָרען אין די קאָלאָניען אין ארגענטינאַ און ווען די יק״א האָט איבערגענומען די פערוואלטונג פון די ארץ ישראל׳דיגע קאָלאָניען, איז ער געוועזן דער הויפּט־דירעקטאָר פון יק״א אין ארץ ישראל. איצט פערקויפט ער אקערבוי־מאַשינען און אינסטרומענטען אין יפו. ער איז געוועזן א גאנץ גוטער מענש, נאר מיט זעהר א שוואכען, אונזעלבסטשטענדיגען כאראקטער. מען דערצעהלט, אז איין מאָל זיינען צו איהם געקומען אלס געסט עטליכע אָנגעזעהענע אראַבער פון יפו. צווישען זיי אויך דער ראיס־בלדיה, דאס הייסט דער מעיאר פון שטאָדט. האָט ער געשיקט א רייטער צו הירש׳ן פרעגען, אויב ער קען זיי מכבד זיין מיט ביער (די אראַבער זיינען געוועזן קריסטען)... נאר ער איז געבליבען אין ראשון לציון ניט מעהר ווי עטליכע חדשים און אין די עטליכע חדשים האָט זיך אָבגעשפּיעלט דער לעצטער אקט פון דער דראמא, וועלכע רופט זיך די צווייטע רעוואָלוציאָן און ראשון לציון.

דריי חדשים זיינען אריבער זייט אלע קאָלאָניסטען האָבען זיך אונטערגעשריבען אויף די געוויסע פּונקטען. די דריי, וועלכע האָבען זיך ניט אונטערגעשריבען, זיינען געזעסען רוהיג אין דער קאָלאָניע און האָבען מיט דער אדמיניסטראציע ניט געהאַט צו טהאָן. די אדמיניסטראציע האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף פּרעמדע און האָט אכטונג געגעבען, אז זיי זאָלען פון איהר קיין שום הנאה ניט האָבען. עס האָט זיך זאָגאר אפילו א מאָל גע־טראָפען, אז מען האָט אייזענבאנד׳ען שבת ניט געוואָלט פערקויפען פאר א קינד ריצין־אויל אין אַפּטייק אפילו פאר געלד. ער האָט געמוזט אום שבת שיקען א רייטער אין יפו בריינגען אביסעל ריצין־אויל.

נאר די קאָלאָניסטען, דאס הייסט די דריי, זיינען געוועזן צופריעדען מיט זייער לאגע, מיט זייער פרייהייט און אונאבהענגיגקייט. דאס זיינען געוועזן די פרעהליכסטע הייזער אין ראשון לציון, ווייל זיי זיינען געוועזן

די איינציגע, וועלכע האָבען געקענט אויפנעהמען פרעמדע מענשען אלס געסט.

אין יענעם זומער איז געקומען אין ארץ ישראל דער געוויסער שרייבער און כלל־טהוער יהושע אייזענשטאַדט אדער ברזילי. ער האָט זיך בעזעצט אין ראשון לציון און האָט צוערשט גענומען א צימער ביי אונ־זער פריינד, וועלכען די לעזער קענען שוין, ראובן יודעלעוויטש. עס פער־שטעהט זיך, אז אזא מענש ווי אייזענשטאַדט האָט זיך ניט איין מאָל אויסגעדריקט מינדליך און אויך אין דער פרעסע וועגען דער לאַגע אין דער קאָלאָניע און וועגען דער אדמיניסטראציע. עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז ניט געווען געפעלען דער אדמיניסטראציע און אייזענשטאַדט האָט געמוזט פערלאָזען יודעלעוויטש'עס הויז און זיך בעזעצען ביי חנקינ'ען.

אין יענעם יאהר זיינען צייטיג געוואָרען די ערשטע וויינטרויבען אין ראשון לציון, דאס הייסט, זיי זיינען ארויס פון די דריי יאהר ערלה. פיעל האָבען נאָך די וויינשטאָקען ניט אריינגעטראגען און דעריבער האָט מען אין דער קאָלאָניע אויף דעם שטארק ניט געקוקט. אבער ביי חנקינ'ען, וועלכער איז געווען אנגעוויזען אויף זיינע אייגענע מיטלען, צוזאַמען מיט די איבריגע צוויי פאַמיליען, האָט דאס געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. דערצו נאָך איז ער געווען דער איינציגער אין דער קאָלאָניע, וואס האָט פערשטאַ־נען צו מאַכען וויין, ווייל ער האָט פריהער געוואוינט זעהר לאַנג אין זיד רוסלאַנד און האָט דאָרטען געהאַלטען פאַסעסיעס. דעריבער איז ער געווען דער ערשטער צו מאַכען וויין אין ראשון לציון.

ער און זיינע קינדער פלעגען ארויספאָהרען אויף די וויינ־גערטענער. מיט זיי פלעגען מיטפאָהרען אויך אַנדערע געסט. מען האָט געשניטען די טרויבען און מיט געזאַנג זיי אריינגעפיהרט אין פעסער אויף וועגען אין דער קאָלאָניע און עס איז געווען אַן אמת'ע שמחה, פונקט ווי עס ווערט בעשריבען אין תנ"ך. דאָס האָט אבער געשאַפען א דיסאָ־נאַנס אין דעם לעבען פון דער קאָלאָניע און די אדמיניסטראציע האָט דאָס ניט געקענט פארטראגען.

איבערהויפּט איז געווען דאָס לעבען פון די דריי פאַמיליען אין ראשון לציון אַ פּראָטעסט קעגען דער גאַנצער לאַגע און געגען דער אַדמי־ניסטראַציע. אין איהרע אויגען זיינען געווען די דריי הייזער אַ נעסט פון רעוואָלוציאָנערען און זי האָט געמוזט זיי בעקעמפען.

אונערוואַרטערהייט איז ראש חדש אלול אנגעקומען פון פּאַריז אַ דעפּעשע, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז ווען די דריי פאַ־מיליען וועלען אין פיער און צוואַנציג שעה ניט אונטערשרייבען די פּונק־טען, וועלכע אַלע איבעריגע קאָלאָניסטען האָבען אונטערגעשריבען, זאָל מען זיי מיט גוואַלד, דאָס הייסט, דורך דער רעגיערונג, ארויסשיקען פון ראשון לציון.

## 8.

ווען ביי דער ענדע פון דער ערשטער רעוואָלוציאָן האָט דער באַראָן פערלאַנגט, די קאָלאָניסטען זאָלען מיך אויסשליסען פון דער קאָלאָניע, האָב איך נאָך דאָרט קיין איינענטהום ניט געהאַט. דערצו בין איך געווען אָהן אַ פאַמיליע; דעריבער האָב איך געקענט לייכטער אוועקגעהן פון ראשון לציון, ווי שווער דאָס איז דאָן פאַר מיר ניט געווען. אַ חוץ דעם, האָט צוליעב מיר געדאַרפט ליידען די גאַנצע קאָלאָניע און איך האָב גע־מוזט זיך אָפּפערן. איצט איז געווען אַנדערש. די אַנדערע קאָלאָניסטען זיינען ניט געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר די דריי. זיי, די דריי, האָבען געהאַט זייער איינענטהום אין קאָלאָניע, וועלכעס זיי האָבען געשאַפען מיט זייער אַרבייט, מיט זייער מיה, מיט זייער אינטעליגענץ. חנקין און איזענבאַנד האָבענד געקויפט דעם באָדען און אויסגעבויט זייערע הייזער מיט זייער אייגענעם געלד, און זיי ארויסצושיקען פון קאָלאָניע וואָלט געווען אַן איינפאַכער רויב... אונטערשרייבען זיך, האָבען זיי בשום אופן ניט גע־וואָלט. זיי האָבען געזאָגט אַז אויב מ'קען וועלען ארויסשיקען זיי ווען זיי האָבען זיך ניט אונטערגעשריעבען, אַז זיי זיינען טאָג־לוינער און מען קען זיי יעדען טאָג ארויסוואַרפען פון דער קאָלאָניע, וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלען זיך אונטער דעם אונטערשרייבען? זיי האָבען דעריבער ערקלערט,

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

זיי ווילען זיך ניט אונטערשרייבען און ניט אוועקגעהן פון דער קאָלאָניע. אז הירש איז געגאַנגען אין נאָמען פון דער אַדמיניסטראַציאָן בעטען הילף ביי דעם פראַנצויזישען קאָנסיל ער זאָל אויסווירקען דאָס אַרויס־טרייבען פון די דריי פאַמיליען פון ראשון לציון, איז פאַר די דריי פאַמי־ליען קיין אַנדער וועג ניט געבליבען ווי זוכען שוץ ביי דעם רוסישען קאָנסול. דער יפו׳ער קאָנסול און דערנאָך אויך דער ירושלים׳ער האָבען זיך גאַנץ וואַרעם אנגענומען פאַר די קאָלאָניסטען און האָבען זיי פער־שפּראָכען, אז אָהן אַ משפּט ווילען זיי ניט דערלאָזען, מען זאָל זיי מיט גוואַלד אַרויסזעצען פון זייערע הייזער.

דורך דעם אַריינמישען זיך פון די קאָנסולען איז די לאַגע געוואָרען זעהר פערפּלאָנטערט. פון פּאַריז האָט מען אַלץ געפאָדערט צו געהן מיט גוואַלד, נאָר אויספיהרען האָט מען דאָס ניט געקענט. ענדליך האָט מען געפונען אַן אויסוועג. עס זיינען דאַן געקומען אין ארץ ישראל אידען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט בעזעצען אין ראשון לציון און הירש האָט געמוזט ערלויבען, אז די דריי פאַמיליען זאָלען פערקויפען דאָס וואָס זיי האָבען געהאַט אין ראשון לציון.

מיין ברודער האָט פערקויפט זיין אייגענטהום פאַר צוועלף טויזענד פראַנק, דערפון האָט ער זיבען טויזענד בעצאָהלט דער אַדמיניסטראַ־ציאָן, דאָס הייסט דעם חוב פון זיבען טויזענד פראַנק האָט איבערגע־נומען אויף זיך דער נייער קאָלאָניסט מיט דעם הסכם פון דער אַדמי־ניסטראַציאָן. ער האָט בעקומען אַ שטיק לאַנד פון ועד חובבי ציון אין גדרה און איז מיט זיינע פינף טויזענד פראַנק, וועלכע זיינען איהם גע־בליבען, געוואָרען דאָרט אַ קאָלאָניסט.

חנקין האָט זיך בעזעצט אין יפו, וואו ער האָט געמאַכט אַ געשעפט. דאָרט איז זיין זוהן, יהושע חנקין, באַלד בעקאַנט געוואָרען אַלס גרינדער פון רחובות, חדרה און אַנדערע קאָלאָניעס, וועלכע זיינען אין די לעצטע יאָהרען געבויט געוואָרען אין ארץ ישראל. אייזענבאַנד איז צוערשט אוועק־געפאָהרען אין רוסלאַנד, נאָר דאָרט האָט ער זיך פערקיהלט, געקראַ־נען שווינדזוכט און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין ארץ ישראל, ער איז געשטאָרבען אין חיפה און זיין פאַמיליע געפינט זיך אין פּאַריז.

# די צווייטע רעוואלוציע אין ראשון לציון.

די רעוואלוציע האט זיך דערמיט געענדיגט, נאר די נאכוועהען האבען די קאלאניסטען געהאט צו פיהלען נאך גאנץ לאנג.

עס איז בעקאנט, אז נאך דער פוילישער רעוואלוציע אין יאהר 1863 האט די רוסישע רעגיערונג געשיקט אין ווילנא פאר א גענעראל־גובערנאטאר מוראוויאווען, אויף וועמען מען האט ארויפגעלעגט די אויפגאבע אויסצורייסען די רעוואלוציע מיט'ן ווארצעל. און עס איז בעקאנט אז מוראוויאוו מיט זיינע תליות האט א סך מעהר פערדיענט דעם האס און דעם פלוך פון די פאליאקען, ווי די גענעראלען און סאלדאטען, וועלכע האבען אונטערדריקט די רעוואלוציע. אזא מוראוויאוו פאר ראשון לציון איז געווען בלאך, דער דירעקטאר, וועלכער איז געקומען פערנעהמען דעם פלאץ פון חיים'ן. פון וואנען ער איז געקומען און וואוהין ער איז דערנאך אוועק, ווייס קיינער ניט. עס שיינט, אז פון צענטראל אמעריקא. ווענינגסטענס מיט זיין אויסזעהן און זיין כאראקטער איז ער שטארק געווען עהנליך צו די פלאנטאטארען און שקלאפען־הענדלער פון אמעריקא אין אמאליגע יאהרען, אזוי וויא זיי ווערען בעשריבען פון מיין־ריד'ן אדער ביטשער סטאו. ער איז געווען א ניעדריגער, א דיקער, כמעט א קיילעכדיגער, מיט אויגען פון וועלכע עס איז געווען אונמעגליך איבערצוטראגען דעם קוק. ער האט ארויסגעווארפען פון צימער, וואוהין די קאלאניסטען האבען געדארפט אריינגעהן יעדע שפור פון שטולען און בענקלעך, כדי עס זאל קיינעם אין קאפ ניט אריינגעהען די אידעע פון זעצען זיך. ער האט צוגענומען ביי די קאלאניסטען דעם כבוד צו בעגריסען איהם. אין גאס האט מען ניט געטארט אבשטעלען זיך און אראבנעהמען פאר איהם דאס היטעל. איין מאל האט זיך געטראפען אן איבערפאל אויף דער קאלאניע גדרה, ה' מ. פינס, וועלכער איז געווען דער פארשטעהער פון די חובבי ציון, איז גראד דאן געווען אין גדרה. ער האט געשיקט א קאלאניסט צו בלאך'ן דערצעהלען איהם די מעשה און בעטען איהם ער זאל פון יפו ווירקען אויף דער רעגיערונג צו שיצען די קאלאניע. בלאך האט גארנישט געטהאן. מיט עטליכע טעג שפעטער איז פינס געווען אין ראשון לציון און האט איהם געפרעגט פאר וואס ער האט גארנישט געטהאן. **„איך האב פון קיין מעשה ניט געוואוסט“, — האט ער געענטפערט.**

„סטייטש", זאָגט פינס, „איך האָב דאָך צו אייך געשיקט אַ שליח אָנצו־זאָגן אייך". „יאָ", האָט געענטפערט בלאָך. „דער קאָלאָניסט איז ביי מיר געווען און האָט מיר דערצעהלט, אָבער קען מען דען אַ קאָלאָניסט גלויבן ? ..."

אין דער צייט פון בלאָך'ן האָט זיך אין ראשון לציון ענטוויקעלט דער סיסטעם פון דער אדמיניסטראַציע אין פולען גלאַנץ. און אין זיין צייט האָט צום ערשטען מאָל בעזוכט ארץ ישראל אחד העם. די קאָלאָניס־טען האָבען קיין כח ניט געהאַט צו קעמפּפען געגען דעם סיסטעם נאָך די שווערע ליידען פון די צוויי רעוואָלוציעס און דא קען מען זעהן אַ מערקווירדיגע ערשיינונג. אין תרמ"ז האָבען די רוסישע חובבי ציון גע־זידעלט די קאָלאָניסטען פאַר זייער אונדאַנקבאַרקייט צו דעם באַראָן און זיין אדמיניסטראַציע און מיט פיער־פינף יאָהר שפּעטער האָבען די־זעלבע חובבי ציון בעשולדיגט די קאָלאָניסטען אין דעם וואס זיי טראָגען לייכט איבער די פיהרונג פון דער אדמיניסטראַציע, אין דעם וואס זיי האָבען זיך איינגעלעבט מיט איהר סיסטעם און פיהלען ניט די שאַנד...

* * *

אזוי ווי פון דעם פריהערדיגען דירעקטאָר איז מען פּטור געוואָרען דורך דער הילף פון פיער פרויען: פון דער באַראָנעסע און פון דער דע־פּוטאַציע פון דריי דאַמען, אזוי איז מען פון בלאָך'ן פּטור געוואָרען דורך איין דאַמע.

דער פראַנצויז, דער גערטנער קאַוועלאָ, איז אַוועק איין מאָל אין פראַנקרייך און האָט פון דאָרט זיך געבראַכט אַ יונגע פרוי. די פרוי האָט אפילו ניט געהאַט דעם אידישען חן, נאָר זי איז געווען אַ גאַנץ שעהנע און לוסטיגע פּערזאָן. און בלאָך פלעגט גאַנץ אָפט פערברענגען מיט איהר, שפּיעלען אין קאַרטען, סאַי ווען דער מאַן איז דערביי געווען און סאַי ווען ער איז ניט געווען... קיין גרויסער צדיק איז בלאָך ניט געווען און איז געווען ווייט פון מקיים זיין אַלע תרי"ג מצות. אום דאָך עטוואס צו טהאָן, אום אָנצוגרייטען זיך אָן אָרט אין גן־עדן, האָט ער אויסגעקליבען איין מצוה, פאַר וועלכער ער האָט אפילו אויפגעאָפּפערט זיין קעניג־

## די צווייטע רעוואָלוציע אין ראשון לציון.

שטוהל אין ראשון לציון. די מצוה איז געווען: לעשות נקמה בגוים. און אין איין פריהמאָרגען איז ער אוועק פון ראשון לציון און פון ארץ ישראל טאַקע מיט מאַדאַם קאוועלאָן...

עס פערשטעהט זיך, אז אין א קורצער צייט ארום האָט די קאָלאָניע אויך פערלאָרען איהר „לעהרער'' אין פלאַנצען וויינגערטענער, מאַסיע קאָוועלאָן.

נאָך בלאָך'ן איז בעשטימט געוואָרען אלס דירעקטאָר אין ראשון לציון א ספרדישער איד חזן. נאָך בלאָך'ן וואלט יעדער דירעקטאָר געווען גוט, נאָר דער חזן איז ווירקליך געווען א ווייכער און א שטילער מענש און די קאָלאָניסטען האָבען געקענט לייכטער אויפאָטהעמען. ער איז אויך געווען דער לעצטער דירעקטאָר.

סוף כל סוף האָט דער באַראָן געזעהן, אז אלע זיינע אדמיניסטראַטאָרען און די דירעקטאָרען מאַכען נאָר קאַליע און ברענגען נאָר פיעל שאָדען. ער האָט דאַן איבערגעגעבען די פערוואלטונג פון אלע קאָלאָניען אין ארץ ישראל דער חברה יק"א, און די ערשטע ארבייט וואס די חברה האָט געטהאָן איז געווען משלח צו זיין אלע אַדמיניסטראַטאָרען פון די גרעסטע ביז די קלענסטע. אין היינטיגע צייט זיינען נאָר געבליבען דריי: איינער פאר אלע קאָלאָניען פון יהודה, איינער, פאר'ן גליל התחתון און איינער פאר'ן גליל העליון. נאָר זיי פיהרע די אלגעמיינע זאכען פון די קאָלאָניען און מישען זיך גאר ניט אין זייער אינוועניגסטען לעבען. די ערשטע צוויי וואוינען זאגאר ווייט פון די קאָלאָניען אין די שטעדט יפו און חיפה. ראשון לציון, אזוי ווי אלע אנדערע קאָלאָניען, איז איצט א קליינע רעפובליק, וועלכע פערוואלטעט זיך אליין דורך א קאָמיטעט, וועלכען די קאָלאָניסטען קלייבען אוים אליין אויף א יאהר צייט און וועלכע פיהרט די אנגעלעגענהייטען פון דער קאָלאָניע בעסער ווי די דירעקטאָרען. עס זיינען שוין אריבער כמעט אכצעהן יאהר ווי די אדמיניסטראציע איז פערשוואונדען געוואָרען פון ראשון לציון. פיעלע פון דעם נייעם דור געדענקען זי שוין ניט. נאָר ווען די עלטערע דערצעהלען פאר די אינגערע, דאס וואס זיי האָבען געהאַט אויסצוטראָגען אין די ערשטע יאָהרען, ווען זיי דערצעהלען פון הונגער און פון דורשט, פון

מאַנגעל אין ברויט און אין וואסער, דערצעהלען זיי אויך, וואס זיי האָבען געהאט אויסצוטרוגען פון דער אדמיניסטראציאָן און די פערשיעדענע דירעקטאָרען. דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז געוועזן גענוג שטאַרק אריבערצוטראגען די אלע צרות און האָפענטליך וועט ער זיין אויך גענוג שטאַרק איבערצוטראָגען אלעס וואס עס וועט נאָך פאָרקומען אין דער צוקונפט און בלייבען דער עמוד האש וואס וועט ווייזען דעם אידישען פאָלק זיין וועג צו זיין היים! ...

# בּ׳ י׳ ל׳ ו׳

## צום 35 יעהריגען יובילעאום

ווי פון א זיסען חלום האָבען זיך אויפגעכאַפּט די רוסישע אידען ביי די ערשטע קלעפּ פון יעליסאַוועטגראדער פּאָגראָם אום פּסח שנת תרמ״א.

צוזאמען מיט די פענסטער פון די יעליסאַוועטגראדער אידישע ארעמע לייט זיינען צובראָכען געווארען די האָפנונגען פון דעם רוסישען אידענטהום אויף א בעסערער צוקונפט אין רוסלאנד. צוזאַמען מיט די פעדערען פון צוריסענעם אידישען בעטגעוואנד. זיינען צופליגען געוואָרען די טרוימען וועגען גליק און רוהע אין די גלות לענדער. די סמנים פון רעאַקציע אין די רעגירונגס־ספערען זיינען שוין געווען קענטיג אין די לעצטע יאהרען פון אלכסנדר דעם צווייטען. נאָר א איד האָט זיך ליעב אבצונאַרען. ער האָט זיך געטרייסט אז די רעאַקציע איז נאר פארבייגע־הענד און האָט אין איהר בעשולדיגט נאר די רעגירונג. דאס רוסישע פאָלק איז אין זיינע אויגען געווען גאַנץ אונשולדיג. און דאָ איז געקומען דאס רוסישע פאָלק אויף א גאַנץ נייעם אופן אויסגעדריקט זיין פערהעלטניס צו זיינע אידישע שכנים. אמת, דעם וואונק האָט דאָס פאָלק בעקומען פון אויבען, פון די רעגיערונגס־ספערען. נאר עס איז שוין גאַנץ ביטער אז די רעגיערונג האָט אויסגעקליבען דוקא אידען פאר א שעיר לעזאזל, עס איז גאַנץ ביטער אַז דאָס פאָלק האָט זיך בעגנוגענט מיט דעם ערשטען וואונק און האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען וואס ער האָט צו טהאָן...

זאָגאר אייניגע פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען פון יענער צייט זיינען געווען צופריעדען מיט די פּאָגראָמען. אין זייערע אויגען זיינען די אידען געווען די קליינע מייזעלעך אדער פויגעלעך, וועלכע די קאַטץ ברענגט צו איהרע קינדער אום צו לערנען זיי די מלאכה. זיי, די רעוואָלוציאָנערען, האָבען געמיינט, אז דאס פאָלק וועט אויף די אידען אויס־לערנען זיך שלאָגען אויך די רעגיערונג, נאָר דאָס פאָלק איז געבליבען דערוויילט בלויז ביי שלאָגען אידען. די אידען האָבען געכאַפּט קלעפּ און

האָבען מיט דעם די וועלט, די גרויסע גוי׳שע וועלט ניט גערעכטפערטיגט. דער איד האָט געמוזט ווידער לויפען.

אין מיטעלאַלטער איז עס געלאָפען פון מערב אין מזרח און איצט האָט ער געמוזט לויפען פון מזרח אין מערב. דעם וועג האָט זיי אויך אנגעוויזען גאנץ דייטליך די רוססישע רעגיערונג. בעת א פּראָצעס איז קיעוו וואו מ׳האָט געדאַרפט משפט׳ן די פּאָגראָמשטשיקעס און מ׳האָט באמת גע׳משפט די צושלאָגענע אידען, האָט דער פּראָקוראָר סטרעלניקאָוו געזאָגט: „די אידען קלאָגען זיך אז דער מזרח־גרענעץ איז אין רוסלאַנד פאר זיי פערמאַכט, אבער דער מערב־גרענעץ. דאס הייסט אויסלאַנד איז דאך פאר זיי אלע מאָל אָפען. פאר וואָס בענוצען זיי זיך ניט דערמיט?....״

איך בין דאן געווען א סטודענט אין חאַרקאָוו און בין מיט נאך עטליכע חברים געווען אין שוהל צוזאַמען מיט כל ישראל צום תענית צבור וואס מען האָט בעשטימט. דארט זיינען געווען נאך אַנדערע חברים און מיר האָבען אבגערעדט מיר זאלען זיך אין אבענד צוזאמענקומען ביי מיר אין צימער און צוזאַמען איבעררעדען וועגען דער לאַגע פון אידען אין רוסלאַנד. יעדערער האָט איינגעלאדען די חברים, וועלכע ער האָט יענעם טאָג בעגעגענט און צוזאמען זיינען געקומען א דרייסיג סטודענטען. מיר האָבען זיך פערזאַמעלט עטליכע אָבענדען נאַכאַנאַנד, גוט בעטראַכט די אידישע לאַגע פון אלע זייטען און מיר זיינען געקומען צום בעשלוס, אז עס איז ערנידעדריגענד, א חרפּה פאר א פאָלק צו שפּילען אזא ראָלע, וועלכע אונזער פאָלק האָט געשפּיעלט אין רוסלאַנד, מיר זיינען געקומען צום בעשלוס אז עס פּאַסט ניט פאר מענשען וועלכע היטען זייער עהרע אנצובאָטען זייער דיענסט פאר אנדערע פעלקער, וועלכע האסען, פעראכטען אונז און פערלאָזען אונזער אייגענעם פאָלק, און מיר האָבען בעשלאָסען צו ארבייטען פאר דער עמיגראַציאָן פון אידען פון רוסלאַנד. און ווען יא עמיגראַציאָן זאל דאס זיין ניט קיין אמעריקא נאר אין אונזער היסטאָרישען לאַנד, אין ארץ ישראל, וואוהין עס וועט זיך ווידער צוזאַמענקלייבען דאס אידישע פאָלק און וועט ווידער אויפלעבען פיזיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל און פּאָליטיש. דאָס איז געווען אונזער פּראָגראַם. אונזער פעראיין

האבען מיר קיין נאמען ניט געגעבען, נאר אויף די בריעף פלעגען מיר אויפשרייבען דעם פסוק: „דברו אל בני ישראל ויסעו.״ אדער די ראשי תיבות: ד׳ א׳ ב׳ י׳ ו׳. באלד אבער האבען מיר געמוזט מאכען דעם צווייטען שריט. ארץ ישראל האבען מיר, ווי אלע אידען אין יענער צייט, געקענט גאנץ וועניג, אייניגע פון אונז טאקע די מעהרצאהל האט פון איהר אבסאלוט גאר ניט געוואוסט. דעריבער האבען מיר געפונען פאר ניט עהרליך צו שיקען אהין אנדערע צו פראפאגאנדירען די עמיגראציאן אהין און אליין בלייבען זיצען אין רוסלאנד, און מיר האבען בעשלאסען צו בילדען א גרופע פון יונגע לייט און אוועק פאהרען אהין אלס חלוצים. דאן האבען מיר אנגעהויבען בענוצען זיך מיט דעם פסוק: „בית יעקב לכו ונלכה״ פון וואנען עס איז ענטשטאנען דער נאמען ב׳י׳ל׳ו׳. נאך די הכנות פון א דריי חדשים האבען זיך שוין אין אנפאנג תמוז געפונען אין קאנסטאנטינאפאל א זעכצעהן חברים. די ערשטע צייט האבען מיר גע־האפט אז די רוסישע גבירים וועלען אונז שטיצען אין אונזער אונטער־נעהמונג. פון דער האפנונג איז אבער גאר נישט געווארען. א קורצע צייט האבען מיר געמיינט אז אונז קען העלפען לארד אליפאנט וועלכער איז דאן אויפגעטראטען אלס פריינד פון קאלאניזירען אידען אין ארץ ישראל. אין קאנסטאנטינאפאל האבען מיר געזעהן אז דאס איז געווען א פאלשער חלום. ביים אנהויב פון אונזער וועג זיינען מיר געבליבען שטעהן אהן מיטלען, אהן א מאטעריעלען באזיס פאר אונזער אונטערנעהמונג. נאר מיר האבען פעריאגט פון אונז די פערצווייפלונג. מיר האבען בעשלאסען פיהרען ווייטער צו אונזער ציעל אין ארץ ישראל! מיר האבען נאר צושיקט בריעף צו אונזערע חברים, וועלכע זיינען נאך פערבליבען אין רוסלאנד, מיר האבען זיי ערקלערט די לאגע, ווי זי איז געווען, און האבען זיי דער־מאנט די מצוה פון דער תורה: „הירא ורך הלב ילך וישוב לביתו...״ צוויי פון אונז זיינען געבליבען אין קאנסטאנטינאפאל ווארטען אויף די ענטפערס אויף די בריעף אדער אויף די חברים, וועלכע וועלען נאך קומען, און די איבעריגע זיינען אונטער מיין פיהרונג אוועקגעפאהרען י״ב תמוז מיט׳ן שיף נאך יפו. אונזער גאנצע קאסע איז בעשטאנען פון אכציג דאלאר בערך. אי דאס האט מען עס ארויסגע׳גנב׳עט ביי אונזער קאסיר.

חבר סאנדאטירסקי, נאך אין קאנסטאנטינאפּאל אויפ׳ן שיף. צום גליק האט אונז איינער געליהען הונדערט רוסישע רובעל און מיר האבען גע־קענט ווייטער פאהרען, און אזוי זיינען מיר געקומען אין ארץ ישראל מיט א פּארטינגען חוב.

צום לעבען האבען מיר ניט געהאט קיין אנדער מיטעל ווי נאר דורך ארבייט אין מקוה ישראל, און שווער איז געווען די ארבייט! זי די ארבייט איז געווען ניי, די ערד טרוקען און די אויפזעהער זעהר שטרענג. דער פּרייז איז געווען פופצעהן סענט א טאג, און שפּעטער ווען די צאהל ארבייטער איז גרעסער געווארען דורך די חברים, וועלכע זיינען אנגעקומען פון רוסלאנד, האט הירש, דער דירעקטאר פון מקוה ישראל, פאר זיין אוועקפאהרען אויף א קורצער צייט אין פּאריז אנגעזאגט אז מען זאל מעהר ווי צוועלף אויף דער ארבייט ניט נעהמען. מיר זיינען שוין דאן געווען אכצעהן ארבייטער א חוץ צוויי פריילינס. די ארבייטער האבען זיך געביטען: צוויי טעג געארבייט און איין טאג געזעסען אין דער היים. יא, מען האט געארבייט שווער, מען האט געמאכט אין יפו חובות אין די אראבישע קראמען און גאנץ אפט... צוגעהונגערט. א בעסערונג אין אונזער לאגע האט זיך אנגעפאנגען ווען אין מקוה ישראל איז ערב ראש השנה געקומען צופאהרען דער גרינדער פון דער שולע „קארל נעטטער.״ אויף איהם האט אונזער ארבייט, אונזער לעבען און אונזער אידעאל געמאכט א גוואלדיגען איינדרוק. ער האט באלד בעפוילען צו נעהמען אלעמען אויף ארבייט און געהעכערט אונז דעם לוין ביז צוואנציג סענט א טאג. ער האט געהאט ווענען אונז נאך אנדערע פּלענער, נאר צו אונזער אומגליק איז ער אום יום כפור קראנק געווארען און איז געשטארבען חול המועד סכות. די הנחות וועלכע ער האט אונז געמאכט אין מקוה ישראל זיינען געבליבען אבער ניט מעהר.

אונז איז ניט געווען בעשערט צו גרינדען די ערשטע מוסטער קא־לאניע אין ארץ ישראל, זי איז אונטער דעם נאמען: „ראשון לציון״ גע־גרינדעט געווארען דורך אנדערע חברים, וועלכע זיינען געקומען מיט איי־גענעם געלט, נאר אז דער באראן ראטשילד האט איבערגענומען צו שטי־צען „ראשון לציון״ האט ער פעראָרדענט אז אלע בילו׳צעס זאלען אויף

אַריבער אלס קאָלאָניסטען אין דער קאָלאָניע. אין דעם האָבען מיר צו פערדאנקען קאַרל נעטער, וועלכער האָט וועגען אונז געשיקט אין פּאריז זעהר א גינסטיגען ווארעמען רעפּאָרט. און דעם רעפּאָרט האָט מען צו דער רעכטער צייט פארגעלעגט דעם באַראָן.

עס האָבען זיך אבער אונטער אונז געפונען אזעלכע וועלכע האָבען געטרוימט נאר פון א ספּעציעלער מוסטער־קאָלאָניע פאר ב׳י׳ל׳ו׳ און זיינען בעסער פערבליבען ארבייטען אין מקוה ישראל נאך צווי יאהר. מיט זיי זיינען געווען אויך די חברים וועלכע זיינען שפּעטער צוגעקומען פון רוסלאנד אין גאנצע צוועלף יונגע לייט און זיי האָבען זיך דערוואַרט ביז עס איז געגרינדעט געווארען די קאָלאָניע „גדרה״ וואוהין זיי זיינען אריבער אלס קאָלאָניסטען אום חנוכה פון יאהר תרמ״ה. אין ראשון לציון און אין גדרה האָט זיך פאר זיי אנגעהויבען א נייע שורה פון צרות און פון ליידען, נאר זיי האָבען דאס אלץ אריבערגעטראגען מיט מוטה און האָפנונג אויף בעסערע צייטען און די בעסערע צייטען האָבען מיר צוזאמען מיט אלע קאָלאָניסטען אין ארץ ישראל דערלעבט!

ב׳י׳ל׳ו׳ אלס אגודה האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען ווייל מיר האָבען אלע מאָל געשטרעבט צו זיין איינפאכע סאָלדאטען אין דער אי־דישער ארמעע פון ארץ ישראל, מיר האָבען אונזער ציעל דערגרייכט.

# ב׳ י׳ ל׳ ו׳

.1

עס עקזיסטירט א מיינונג, אז דער רעיון פון ישוב ארץ ישראל האָט צו פערדאנקען זיין ערוועקונג די רוסישע פּאָגראָמען פון יאהר תרמ״א (1881). — די מיינונג איז אבער ניט ריכטיג. די פּאָגראָמען האָבען אמת גאַנץ פיעל בייגעטראָגען צו דעם ערוואַכען פון אידיש נאַציאָנאַלען בע־וואוסטזיין, אָבער זיי האָבען נאָר געגעבען דעם אויסערליכען שטויס דערצו, דער באָדען איז שוין געווען פּאָרבעריטעט. זאָגען אז די פּאָגראָ־מען האָבען געבוירען דעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל, איז אלץ איינס ווי צו זאָגען, אז א מענש פון א יאָהר אכציג איז געשטאָרבען נאָר א דאנק זיין פערקיהלונג, און ווען ער וואָלט זיך ניט פערקיהלט וואָלט ער געלעבט אייביג... ריכטיג איז אבער, אז א מענש, וועלכער איז שוין אלט אַכציג יאהר, איז שוין סיי ווי סיי נאָהענט צום טויט, און ווען ער וואלט ניט געשטאָרבען פון דער סבה, וואָלט ער געשטאָרבען פון אן אנדערער. דער מלאך המות, זאגט מען, געפינט אלע מאל א תירוץ.

דאָס אידישע פאָלק  זיין געשיכטע, זיין רעליגיאָן זיינען שטאַרק צוזאמענגעוואקסען מיט ארץ ישראל, אז עס איז פשוט אונמעגליך זיי אָבצוטיילען איינס פון דעם אנדערען. לעבען קען ער נאָר אין ארץ ישראל און דאָס לעבען אויסער דעם לאנד, הייסט ביי איהם א לעבען אין גלות, אין דער פרעמד.

די אידען האָבען זייער לאנד קיין מאָל ניט פערגעסען, כאָטש זיי זיינען פון איהר אבגעריסען שוין באלד צוויי טויזענד יאהר. דער אומקעהר אהין, אהיים, איז איינער פון די גרונד־פרינציפּען פון אונ־זער רעליגיאָן פון אונזער גאנצער וועלט־אנשויאונג. און ווען אין די לעצטע הונדערט יאָהר האָבען זיך געפונען אידען, וועלכע האָבען ארויס־געווארפען ציון פון זייער  סדור און דעם רעיון, פון אומקעהרען זיך

א היים פון זייער רעליגיאָן, זיינען זיי טאַקי געוואָרען אוים אידען... זיי האָבען זיך איינפאַך ערקלערט אלס דייטשען, פראנצויזען, פּאָליאקען אָדער אנדערע פון אידישען גלויבען... נאָר זייער גלויבען אָהן ציון האָט אויך קיין גרויסען ווערטה ניט און זיי שמר׳ען זיך אוים גאַנץ רעגעלמעסיג.

די צוגעבונדענקייט פון אידישען פאָלק צו זיין לאַנד, איז אלזאָ איין אייביגע. נאָר אין פערשיעדענע פעריאָדען פון זיין געשיכטע האָט זי געהאט פערשיעדענע פארמען, דאס אידישע פאָלק, איז אזוי צו זאגען, געבוירען געוואָרען צוזאמען מיט ארץ ישראל.

ווי נאָר אברהם אבינו האָט זיך אנערקענט אלס איד, איז ער באַלד אוועק אין לאַנד כנען, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען ארץ ישראל. אז דער הונגער האט געבראכט יעקב׳ן מיט זיינע קינדער אין מצרים, האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו דענקען וועגען זייער לאַנד. יעקב פערזאָגט, אז מען זאָל איהם נאָך זיין טויט אוועקטראָגען אהין; יוסף פערזאָגט, אז מען זאָל זיינע ביינער ניט פערגעסען אין מצרים, ווען אין דער צוקונפט וועט דאָס אידישע פאָלק, די בני ישראל, אומקעהרען זיך אהיים. נאָך פאר משה רבינו האָבען די בני אפרים געפּרובט געהן אין ארץ ישראל, דאָס איז זיי ניט געלונגען: די פּלשתים, די אנשי גת האָבען זיי פער־שטעלט דעם וועג.

ענדליך זיינען די אידען אונטער דער פיהרונג פון משה רבינו ארוים פון מצרים און אונטער דער פיהרונג פון יהושע בן נון אריין אין ארץ ישראל. און פון דאן אָן איז די אידישע געשיכטע פעסט צוזאַ־מענגעבונדען מיט דעם לאַנד. דאָרט האָבען די אידען אויסגעבילדעט זייער רעליגיאָן, זייער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, זייער שפּראַך, זייער קול־טור, זייער פּאָעזיע און ליטעראַטור. ווען די אונגליקליכע פּאָליטישע אומשטענדען האָבען פערשלעפּט פיעלע פון זיי אין פרעמדע לענדער, האָבען די פאָרשטעהער פון פאָלק, בפרט זיינע נביאים, און מיט זיי דאָס גאַנצע פאָלק ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען אומקעהרען זיך א היים אין זייער געליעבטעם לאַנד.

און ווי אומשטענדען האָבען דאָס ערלויבט, ווי נאָר בבל איז געפאַלען און די אידען האָבען לייכטער אויפגעאָטהעמט אונטער דער רעגירונג פון כרש מלך פרס, האָבען זיך די בעסטע פון אונזער פאָלק באַלד צוריקגעלאָזען א היים אין ארץ ישראל. און דאָס אידענטהום איז ווידער צוזאמענגעוואַקסען מיט דעם לאַנד, אין וועלכען ער האָט אָבגעלעבט אַ פּעריאָד פון כמעט פונפצעהן הונדערט יאָהר. דער פּעריאָד האָט אונז געגעבען די חשמונאים, די העלדען פון קריעג געגען די רוימער, ער האָט אונז אויך געגעבען הלל׳ן, ר׳ עקיבא׳ן, רבי יהודה הנשיא און די אַלע מענער, מיט וועלכע מיר זיינען שטאָלץ און מיט וועלכע מיר קענען זיך איבערנעהמען.

און העלדיש האָבען מיר געקעמפט פאר דעם לאַנד, טייכען בלוט האָבען מיר פאר דאָס לאַנד פערגאָסען! די געשיכטע פון די חשמונאים, פון די קנאים, פון בר־כוכבא׳ן איז אונז אַלעמען בעקאַנט. איך וויל נאָר דא אויפווייזען אויף איין פאַקט. די רוימער, ווי עס איז בעקאַנט, האָבען עראָבערט כמעט אַלע לענדער, וועלכע זיינען אין זייער צייט געווען בעקאַנט, און אונטעריאָכט אַלע פעלקער, וועלכע זיינען אין זיי געזעסען. אונטער די לענדער, איז אויך געווען ארץ ישראל, אונטער די פעלקער אויך דאָס אידישע. נאָר אין דער צייט וואָס אזא גרויס לאַנד ווי גאַלליען האָבען זיי עראָבערט אין אַכט יאָהר, שפּאַניען אין א יאָהר זיעבציג, גריכענלאַנד אין אַ יאָהר פופציג און קרתגו, די גרויסע מעכטיגע רעפּובליק, מיט וועלכער זיי האָבען געפיהרט דריי גרויסע בלוטיגע מלחמות, אין הונדערט־און־צוואַנציג יאָהר, האָט דער קאַמף צווישען די רוימער און די אידען געדויערט כמעט זיעבען הונדערט יאָהר.

דעם ערשטען מאָל האָבען די רוימער אונטער פּאָמפּיוס געשטורמט ירושלים 133 יאָהר פאַר׳ן חורבן און דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא איז געווען פון 63 ביז 66 יאָהר נאָך דעם חורבין, דאָס איז שוין פולע צוויי הונדערט יאָהר. דערנאָך הויבט זיך אָן א סעריע פון עטליכע אויפשטאַנדען, פון לוד אונטער פּרפוס און לוליאַנוס, פון צפרי אין דער צייט פון אורסיציניוס. און ענדליך די לעצטע, ווען דער פערסערקעניג כוזראָעס

האָט ערגבערט סיריען. צו איהם זיינען צוגעשטאַנען זעקס און צוואַנציג טויזענד אידען פון גליל אונטער דער פיהרונג פון א געוויסען בנימין פון טבריה און צוזאמען מיט די פערסער געשטורמט און ערגבערט ירושלים. דאס איז געווען אין די יאהרען 544 ביז 558 נאָך דעם חורבן, אלזאָ, 492 יאהר נאָך בר כוכבא.

פון די דריי עפיזאָדען דערצעהלט אונז די געשיכטע, און אָהן צווייפעל זיינען דאָ נאָך פיעלע פון וועלכע עס איז אונז ניט געבליבען קיין ערינערונג. לײדער זיינען אלע געבליבען אָהן ערפאָלג און דאָס בלוט וואָס עס איז פערגאָסען געוואָרען האָט קיין נוצען ניט געבראכט. די חכמים האָבען געפונען פאר נויטיג אום צו פערמיידען אומזיסטע קרבנות, אומזיסטע בלוט־פערגיסונג, צו לערנען דאָס פאָלק, ער זאָל ווארטען אויף זיין ערלעזונג אויף משיח׳ן פון הימעל מיט נסים ונפלאות. נאר דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט ווארטען און האָט געקעמפט געגען די רוימער, כל זמן עס זיינען געווען רוימער אין ארץ ישראל. מיט דער ערגבערונג פון דעם לאנד דורך די אראבער, פיער יאָהר נאָך דעם לעצטען אידישען אויפשטאַנד אונטער בנימין פון טבריה האָט זיך געענדיגט דער קאמף פון די אידען געגען די רוימער.

נאר אויך נאָכדעם האָט דאָס פאָלק זיין האָפנונג אויף ארץ ישראל ניט אויפגעגעבען. עס האָט זיך אָנגעהויבען א רייהע פון די „משיחי השקר״. א פאנטאסט אָדער אַ שווינדלער האָט נאר געדארפט דערמאָהנען דאָס צויבערוואָרט „ירושלים״ אום צו געפינען טויזענדער אַנהענגער וועל־כע זיינען געווען בערייט צו אָפּפערען זייער אייגענס און לעבען און נאָכ־געהן נאָך איהם.

נאר וואָס ווייטער און ווייטער איז דאָס אידישע פאָלק אלץ מעהר אָבגעריסען געוואָרען פון זיין לאנד. זיינע קינדער זיינען פערוואָגעלט געוואָרען אין די וויטסטע מערב לענדער. דאָס לאנד איז געוואָרען אויף צוויי הונדערט יאָהר א קאמפס־פלאַץ צווישען דעם מערב און דעם מזרח, צווישען דעם קריסטענטום און דעם איסלאם — איז דאן געווען אן אנדער

מיטעל פאר דעם אידישען פאָלק אומצוקעהרען זיך אין זיין לאנד א חוץ א בעזונדערען נס פון הימעל? און אויף דעם נס האָט מען געוואַרט יעדען טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט פון טאָג. פונדעסטוועגען ווי נאָר עס האָבען זיך געענדיגט די קרייצציגע, זעהען מיר ווידער אידען פאָהרענדיג אין ארץ ישראל זיי זיינען געווען וועניג, נאר זיי האָבען געטראגען אין זיך דעם גליה־ענדען זעהנ־זוכט פון אידישען פאָלק צו זיין לאַנד. אום צו בעווייזען, אז די מענשען זיינען געווען ווירקליך די פאָרשטעהער פון גאנצען אידישען פאָלק איז געגרינדעט געוואָרען די חלוקה. דאס גאנצע פאָלק איז געווען פעראינטערעסירט אין דעם לעבען פון זיינע וועניגע פאָרשטעהער אין זיין לאנד און האָט געזוכט צו געבען זיי די מעגליכקייט דאָרט צו לעבען און דורך דעם שאפען זיך די אילוזיאָן, אז ער אין גאנצען לעבט דאָרט. די צאָהל פון די ערשטע פיאָנירען פון אידישען פאָלק האָט ניט געקענט זיין גרויס אין יענער צייט. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָהנען ווי שווער עס איז געווען אהין צו פאָהרען אין אמאָליגע יאָהרען: צוערשט חדשים לאנג ביז צום ים, אָפט דורך לענדער וואו א איד האָט ניט געטאָרט בעווי־זען זיך, אָפט ד׳ורך אזעלכע לענדער, וואו ער איז געווען אין געפאהר בערויבט און גע׳הרג׳ט צו ווערען. און דערנאָך חדשים לאנג אין זעגעל שיפען איבער דעם שטורמישען ים בעי דער שטענדיגער געפאהר דערטרונקען צו ווערען אדער אריינצופאלען אין די הענד פון ים־רויבער און פערקויפט צו ווערען אלס שקלאף. ביי אזעלכע אומשטענדען איז קיין חדוש ניט וואָס וועניגע זיינען געפאהרען אין ארץ ישראל, נאָר וואָס די וועניגע זיינען געפאָהרען. דאָך איז זייער צאָהל שטענדיג געוואקסען, ניט קוקענדיג אויף די געפאהרען פון וועג, ניט קוקענדיג אויף דער אנארכיע און רעכטלאָזיג־קייט, וועלכע האָבען געהערשט אין לאנד.

* * *

אינטערעסאנט איז צו בעמערקען, אז ווען אין רוסלאנד האָט זיך אנגעהויבען א קאַמפף צווישען מתנגדים און חסידים, האָבען די אנהענגער פוןביידע ריכטונגען געפונען פאר נויטיג צו בעזעצען זיך אין ארץ ישראל: זיי האָבען געפיהלט, אז די פארטיי, וועלכע וועט זיך בעפעסטיגען אין דיעזען לאנד, וועט אויך געווינען אין אלע איבעריגע לענדער פון אידישען גלות...

און ווי נאָר די וועגען זיינען געוואָרען זיכערער, ווי נאָר עס זיינען אויסגעבויט געווארען אייזענבאהנען, ווי נאָר דאמפּפ־שיפען האָבען גע־שאפען א שנעלע און גוטע פערבינדונג מיט דעם אָריענט, ווי נאָר די טער־קישע רעגירונג האָט געשאפען מעהר אָרדנונג און זיכערהייט אין לאנד גופא, ווי נאָר דארט זיינען ערשיענען קאָנסולען פון אייראָפּעאישע רעגירונגען, — איז אימער גרעסער געוואָרען די צאָהל פון אידען אין ארץ ישראל, וועלכע האָבען געגרינדעט היבשע געמיינדעס אין די פיער שטעדט: ירושלים, חברון, צפת און טבריה. נאָר כאָטש די אידען האָבען זיך שוין געצעהלט אין טויזענדער, זיינען זיי נאָך אַלץ געווען יחידים. פאר דעם אלגעמיינעם אומקעהר פון אידישען פאָלק אין ארץ ישראל, האָט מען נאָך אַלץ געווארט אויף דער גאולה דורך וואונדערליכע וועגען.

נאָר עס איז געקומען דער נײַנצעהנטער יאָהרהונדערט. אין אייראָפּא האָבען די אידען בעקומען דעם צוטריט צו דער אלגעמיינער מענשליכער קולטור און די קולטור האָט געמוזט ווירקען אויף זייערע נאַציאָנאַלע האָפ־נונגען און שטרעבונגען און דאָ האָט זיך ווידערהאָלט די געשיכטע פון יענער פּעריאָדע ווען די אידען האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט מיט דער גריכישער קולטור.

אַ טייל פון דער נייער וועלטליכער אינטעליגענץ, פונקט ווי די אמאָ־ליגע מתיונים האבען זיך געגצליך אבגעריסען פון אלע אידישע נאַציאָנאַלע האָפנונגען און שטרעבונגען און דערמיט אויך פון דעם אידענטהום. דער אנדער טהייל, וועלכער איז געשטאַנען נעהנטער צום פאלק און צו זיינע אי־דעאַלען פונקט ווי די אמאָליגע מאַקאַבייער, האָבען אָנגעווענדעט מאָדערנע מיטלען צום פערווירקליכען די אידעאַלען. די ערשטע פאָרשטעהער פון דעם טייל פון דער אינטעליגענץ זיינען געווען יוסף סאַלוואדאָר, משה העס, דער רב קאַלישער, דוד גאָרדאָן, פּרץ סמאָלענסקי און זאַגאר די גרינדער פון דער חברה כל ישראל חברים. די חברה, וועלכע איז איצט זעהר פיינדליך צום ציוניזם, האָט באלד נאָך איהר גרינדונג געלעגט אַ שטיין צום ווידער־געבורט פון אידישען פאָלק אין ארץ ישראל דורך דער גרינדונג פון דער

אַקער־בּוי שולע מקוה ישראל. די רעדען, וועלכע זיינען דאן געדעדט געוואָ־רען אין קאָמיטע פון דער חברה בּיי דיזער געלעגענהייט, קענען דיענען אַלס פעסט־רעדען צו דער שעהנסטער ציוניסטישער אספה...

איצט האָבּען די פיהרער פון דער חברה געבּיטען זייער טאָן און זייערע מיינונגען און די אורזאך דערפון איז גאנץ איינפאך און קלאר. אין דער ערשטער צייט האָט זיך די חברה געשטעלט אַלס ציעל הורך דעם איינפלוס פון פראנקרייך און דעם דאן מעכטיגען קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען צו העלפען דער אידישער נאַציאָן און איצט זוכט די חברה דורך די אידען צו שטארקען דעם איינפלוס פון פראנקרייך. די ציעלען זיינען אנדערע, דערפאר זיינען די מיטלען אויך אנדערע.

ווי מען זעהט, איז דער ציוניזם בשום אופן ניט אַ נייע ערשיינונג אין דער אידישער געשיכטע. דאָס איז אַ נייע פאָרמע פון דער אייבּיגער שטרעבונג פון אידישען פאלק צום אידישען לאַנד. דאס איז די נאַטיר־ליכע עוואָלוציאָן אין דער אידישער געשיכטע, דאָס איז אַ רעזולטאַט פון פעראייניגונג פון אידישען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין מיט מאָדערנער קול־טור און מאָדערנע מעטאָדען. די פּאָגראָמען האָבּען דערבּיי געשפּיעלט אַ גאנץ קליינע ראָלע.

דער ריכטיגער צושטאַנד פון אַ געזונדען מענשליכען קערפּער איז אַרבּייט און טהעטיגקייט, און ווי די צייט פון רוהע, פון נאַכט געהט אריי־בּער, מוז דער מענש אויפשטעהן און געהן צו דער אַרבּייט. עס זיינען אָבּער דאָ פוילע מענשען, וועלכע דארפען צום אויפשטעהן אַ שטארקען רעש פון אַ וועקער; אנדערע בּעגנוגען זיך ניט מיט דעם און דארפען מען זאָל זיי דערבּיי גוט אַ טרייסעל טהאָן, מען זאָל זי מיט גוואַלד אַרויסוואַרפען פון בּעט; און אַלס אזא וועקער, אזאַ טרייסלער, אזאַ אַרויסוואַרפער פון בּעט זיינען געווען די פּאָגראָמען פאַר די וועלכע האָבּען ליעבּ צו שלאָפען און חלומ׳ען זיסע חלומות !...

2.

די ריכטיגקייט פון דער אויפפאסונג פון ציוניזמוס קען בעשטעטיגט ווערען דורך מיין פערזענליכע געשיכטע און איך האף, אז איך בין ניט דער איינציגער אין אונזער פאלק. די לעזער ווערען מיר ערטשולדיגען דערפאר, וואס איך וועל זיך אבשטעלען אויף מיין אייגענער לעבענס־געשיכטע. דאס דארף דאך אלעס דיענען אלס מאטעריאל פאר דעם קינפטיגען היס־טאריקער פון אידישען פאלק, פאר דעם היסטאריקער פון אונזער צוקונפט.

מיין מיינונג צו ארץ ישראל איז געבארען געווארען אבסאלוט אהן אירגענד וועלכער אויסערליכער אורזאכע. א שטארקען איינפלוס אויף מיר האט געהאט דער תנ״ך, וועלכען איך האב פיעל געלערענט און גוט גע־קענט אין מיין קינדהייט. מ׳קען נאך דערצו צולעגען דעם „אהבת ציון״ און דעם „אשמת שמרון״ פון אונזער ערשטען ציוניסטישען דיכטער מאפו. צום צוועלפטען יאהר בין איך אריין אין גימנאזיום און גענומען זיך פאר די וועלטליכע וויסענשאפטען און פאר וועלט־ליטערטור. פון אלע וויסענ־שאפטען האב איך מעהר ווי אלעם ליעב געקראגען די געשיכטע. איך האב זעהר ליעב געהאט צו לעזען די געשיכטע פון די גרויסע מענער, וועלכע האבען פיעל געטהאן יעדער פאר זיין פאלק, יעדער אין זיין צייט. און אונ־טער דעם איינפלוס פון די צוויי וויסענשאפטען, פון דעם תנ״ך און אידי־שער געשיכטע אין איין זייט און פון דער דער אלגעמיינער געשיכטע פון דער אנדער זייט, איז געבארען געווארען מיין בעשלוס צו ווידמען זיך פאר דער ארבייט פון אויפלעבונג פון אידישען פאלק און אידישען לאנד. דאס איז אבער געווען נאך אין אנפאנג פון די זיבעציגער יאהרען, ווען אלע געבילדעטע אידען אין רוסלאנד האבען נאר אויסגעקוקט, אז מען זאל זיי צולאזען צום אלגעמיינעם טיש אין רוסלאנד. אלע מיינע חברים, אידישע גימנאזיסטען האבען געהאלטען פאר זייער הייליגען חוב צו בעהאלטען זיך ערגעץ אין א פערוואָרפענעם ווינקעל און לייענען א פערבאטענעם ביכעל. מיט זיי צו רעדען מכח מיינע אידעען איבער דאס אידישע פאלק איז גע־ווען איינפאך געפעהרליך, מען האט גאנץ איינפאך געקאנט פעררעכענט ווערען פאר א משוגענעם אדער נאך ערגער... איך בין שוין אזוי אויך

געווען גאנץ חשוד אין זייערע אויגען דערפאר, וואָס איך פלעג קיין אנ־טייל ניט נעהמען אין זייערע בעהאַלטענע פערזאמלונגען... נאָר מיט איין חבר האָב איך געקענט ריידען וועגען מיינע פּלענער און פּראָיעקטען, נאָר איינער האָט מיך געקענט פערשטעהן, נאָר דער חבר אין געווען א פּ אָ־ל י א ק. ווען מיר פלעגען זיך בעגעגענען, סיי אין גימנאַזיום, סיי אויסער דער שולע, ווען מיר פלעגען צוזאמען לערנען אונזערע אויפגאַבען, פלעגען מיר שטענדיג ריידען פון אונזער צוקונפט און מיר האָבען בעשלאָסען, ווען מיר וועלען אויסוואַקסען וועל איך פאָהרען ארבייטען פאר דער וויעדער־הערשטעלונג פון ארץ ישראל און ער — פון פוילען.

אז מיר זיינען אריבערגעגאנגען אין פינפטען קלאַס, האָט מיין חבר פערלאָזען אונזער שטאָדט און איז אריבערגעפאהרען אין כארקאָוו און איך בין געבליבען אליין מיט מיינע געדאנקען, מיט מיינע פלענער, וועלכע האָבען זיך מיט די יאָהרען מעהר און מעהר געשטאַרקט, מעהר און מעהר געוואָרען ערנסטער. איך האָב געמוזט וואַרטען ביז איך וועל ווערען א מענש, דאָס הייסט, עלטער ווערען, ענדיגען דאָס גימנאַזיום און דעם אוּ־ניווערזיטעט. איך האָב אויסגעקליבען די אגריקולטור אקאַדעמיע נעבען מאָסקווא (פּעטראָווסקאַ־ראַזימאָווסקאַיאַ אקאַדעמי). ווייל איך האָב באַלד פערשטאַנען, אז די הויפּט־ארבייט אין ארץ ישראל וועט זיין דער אקערבוי. דורך פערשיעדענע אורזאכען איז דער טייל פון מיין פּלאַן ניט אויסגע־פיהרט געוואָרען.

איך האָב געוואָלט וואַרטען ביז איך וועל ווערען א מענש, ענדיגען מיין שטודיום, נאָר די געשיכטע האָט אויף מיר ניט געוואָלט וואַרטען און אונערוואַרטערהייט זיינען אויסגעבראָכען די פּאָגראָמען. די צושלאָגענע און צוראַבירטע אידען האָבען זיך געלאָזען לויפען וואוהין זייערע אויגען האָבען געטראָגען און די פראגע פון אידישער אימיגראַציאָן האָט זיך גע־שטעלט אויפ׳ן טאָגעס אָרדנונג. איך בין שוין דאַן געווען אַן ערב־סטודענט און האָב געוואָגט שוין בענוצען די געלעגענהייט און אויך צו זאָגען, אז ווען די אידען עמיגרירען פון רוסלאנד איז דער בעסטער פּלאַן צו עמיגרירען אהיים, אין אונזער לאַנד און צוריק אויפלעבען עקאָנאָמיש, מאָראַליש, קול־טורעל און פּאָליטיש.

## פּ׳ י׳ ל׳ ו׳

נאָר אין מיין שטאָדט מאָהילעוו איז ניט געווען דער פּלאַץ צו מאַכען א גרויסע פּראָפּאָגאַנדע, בעזאָנדערס פאר אזא, וועלכען אלע האָבען געקענט פון קינדהייט אָן כמעט און איך האָב נאָר דאַן געקאָנט עטוואָס מעהר ווירקען ווען איך בין געווען אַ סטודענט אין כאַרקאָוו.

די ערשטע דריי־פיער חדשים בין איך נאָך געווען א „גרינער" אי אין דער גרויסער שטאָדט כאַרקאָוו אי אין דעם נייעם פאר מיר קרייז פון סטודענטען. נאָר באַלד איז געקומען א צייט ווען איך האָב געמוזט אָנהויבען מיין טהעטיגקייט. דער אויסגאַנגס־פּונקט איז געווען יענער בעריהמטער תענית צבור פון צעהנטען שבט, וועלכער איז דאַן אויסגערופען געוואָרען אין גאַנץ רוסלאַנד. ווי איך שוין איינמאָל דערצעהלט, האָב איך אין יענעם טאָג איינגעלאַדען צו זיך אַ גרופּע חברים־סטודענטען אום צו בעראַטען זיך וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד. עס איז געווען ניט קיין לייכט שטיקעל ארבייט! כמעט אלע פון די צונויפגעקומענע חברים זיינען געווען ווייט פון אידען און אידישקייט. פיעל פון זיי האָבען אָוועקגעשטעלט די פראַגע: צו וואָס די גאַנצע ארבייט? ווארום אָבטיילען זיך פון דעם גאַנצען רוסישען פאָלק אין זיין קאַמפּף פאר בעפרייאונג? עס האָט מיר געקאָסט פיעל מיה צו בעווייזען אז די אידישע פראַגע פערנעהמט גאָר אַ גאַנץ בעזונדערען פּלאַץ צווישען אלע וועלט־פראַגען און די בעפרייאונג פון רוסישען פאָלק מיינט נאָך ניט די בעפרייאונג פון אידישען פאָלק, פּונקט אזוי ווי די בעפרייאונג פון אנדערע פעלקער ווי דייטשען און פראַנצויזען האָט נאָך ניט געלייזט די אידישע פראַגע.

און אז מען האָט שוין דערוויזען די נויטווענדיגקייט פון דער אידישער עמיגראַציאָן פון רוסלאַנד, האָבען דיזעלבע געפרעגט: פאַר וואָס עפּעס דוקא אין ארץ ישראל? פאר וואס ניט אין אַמעריקאַ, אויסטראַליע, און אַנדערע לענדער? מען האָט געדאַרפט דעבאַטירען עטליכע נעכט ביז ענדליך ארץ ישראל האָט געזיעגט און מיר האָבען געגרינדעט א פעראיין צו פּראָפּאָגאַנדירען די אידעע פון עמיגראַציאָן פון רוסלאַנד אין ארץ ישראל.

אונזער ערשטער אויפטריט אין דער עפענטליכקייט איז פאַרגעקו־מען אויף א סטודענטן באַל. דאָרט האָט איינע פון די זינגערינס, פריילין פריעד, צופעליג פאַרגעזונגען אין רוסיש א ליעד פון רוסישען פּאָעט און אַרטיסט גלינקאַ, וועלכע ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „און דאָס זיל־בער, און דאָס גוטס, און דאָס הייליגטום וועלען מיר אוועקטראָגען אין אלטען היים, אין פּאַלעסטינאַ!״ אונזער בעגייסטערונג ביי די ווערטער האָט ניט געהאַט קיין גרעניץ, און די בעגייסטערונג האָט זיך איבערגעגע־בען צו אַלע חברים וועלכע זיינען געווען אויפ׳ן באַל, און די ווענט פון האַל האָבען געציטערט פון אונזערע קולות, פון אונזער קלאַפּעריי!...

אין כאַרקאָוו האָט זיך דאן אויך געבילדעט א קאָמיטעט פון „גבירים״ צוליעב דער עמיגראַציאָן פון אידען אין ארץ־ישראל. אין דעם קאָמיטעט האָבען אנטייל גענומען די רייכסטע מענשען פון שטאָדט. דעם קאָמיטעט האָבען מיר פאָרגעשלאָגען אונזער הילף, אונזער ארבייט. אונ־זער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען און איך פלעג נעהמען אין נאָמען פון אונזער פעראיין אן אנטייל אין אַלע זיצונגען פון קאָמיטעט. באַלד אָבער האָבען מיר זיך איבערצייגט, אז די גבירים מיינען די זאַך ניט ערנסט און מיר האָבען בעשלאָסען צו ארבייטען זעלבסטשטענדיג. אין דער צייט וועז אין קיעוו האָט זיך געגרינדעט דער פעראיין „עם עולם״ אויף צו פאָה־רען אין אמעריקא, האָט זיך אָרגאַניזירט אונזער פעראיין „בּיל״ו״ אויף אנצונעהמען די פּיאָנער־ארבייט אין ארץ ישראל.

אַ נאַציאָנאַלע שטימונג האָט זיך אויך געלאָזט הערען צווישען די סטודענטען פון טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט אין פּעטערבורג. פון דער גרופּע איז ארוים דער סטודענט יוסף יאַנושפּאָלסקי, וועלכער האָט גע־ענטפערט גאַמזעפאָנען אויף זיין ארטיקעל אין „ראַזסוויעט״. פון דער גרופּע איז אויך ארויס וו. טעמקין, וועלכער האָט שפּעטער געשפּיעלט אַזא גרויסע ראָלע אין חבת ציון און אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. די גרופּע איז צו דער אידעע פון געהן ארבייטען אין ארץ ישראל, ניט גע־קומען. נאָר זי איז געווען זעהר נאַציאָנאַליסטיש. מיין ברודער און איינע

פון מיינע שוועסטער, וועלכע האָבען דאָן געלעבט אין פעטערבורג, האָבען געהערט צו דער גרופּע און דורך זיי בין איך מיט איהר געשטאַנען אין ענגער פערבינדונג.

די מאָסקווער סטודענטען, וועלכע האָבען שפּעטער ארויסגעגעבען צוויי טיכטיגע ארבייטער פאַר ארץ ישראל און ציוניזם, דר. טשעלנאָוו און אינזשעניער אוסישקין, האָבען זיך נאָך דאָן ניט געלאָזען הערען. נאָר די אָרגאַניזאַציאָן האָט שוין דאָן זיכער עקזיסטירט, ווייל אין עטליכע חדשים ארום איז א גרופּע מאָסקווער אריין אין ב׳י׳ל׳ו׳.

ווען מיר האָבען בעשלאָסען צו נעהמען אויף זיך די פּיאָניער־ארבייט אין ארץ־ישראל, האָבען מיר געמוזט צונעהמען צו זיך נאָך אַנדערע חברים אום אונזער גרופּע זאָל צעהלען ווענינסטענס פינף הונדערט מענשען. מ׳האָט זיך דאָן פאַרגעשטעלט, אז מיט א קלענערער צאָהל קען מען גאָר נישט מאַכען, ווייל מען וועט דאַרפען „קעמפען מיט די בעדואינער.״

אום צו געפינען די מענשען און אויך דאָס נויטיגע געלד פאַר אונזער אונטערנעהמונג, האָבען מיר בעשלאָסען, אז יעדער פון אונז זאָל אויף פּסח פאָהרען אהיים אין זיין שטאָדט ארבייטען פאַר די צוויי זאַכען. נאָר די, וועלכע האָבען געהאַט פאַמיליע אין כארקאָוו, זיינען דאָרט געבליבען און זיי האָבען געבילדעט דאָס צענטראַל ביוראָ. זיי האָבען בעדאַרפט שטעהן אין פערבינדונג מיט אַלע חברים, בעקומען פון זיי נאַכריכטען און איבערגעבען זיי די נאַכריכטען, וועלכע זיי וועלען בעקומען פון די אַנדערע. מען מוז אָבער שוין זאָגען, אז דאָס ביוראָ האָט פונקציאָנירט זעהר שלעכט.

איינ׳גע חברים זיינען געווען זעהר טהעטיג. זיי זיינען ארומגעפאָהרען אין פערשיעדענע שטעדט און אומעטום געמאַכט פּראָפּאַגאַנדא פאַר אונזער אידעע. בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט חבר משה מינץ, (איצט דר. מאָזעס מינץ אין ניו יאָרק). חברים צו אונזער גרופּע האָבען זיך איבעראַל געפונען, אָבער ניט קיין געלט!

דיזעלבע זאַך האָט זיך געטראָפען מיט מיר, איך בין ניט ארומגעפאָהרען, נאָר געפיהרט א גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט די שטעדט ארום מאָהילעוו. איך האָב געפונען א גאַנץ היבשען מענשען־מאַטעריאַל אָבער

ניט קיין געלט. איך האָב בעזוכט אין מאָהילעוו עטליכע גבירים און פאַרגעלעגט זיי צו געבען געלד אויף פאָהרען אין ארץ ישראל. זיי האָבען מיר גע׳ענטפערט, אז זיי גלויבען ניט, אז דער עולם וויל פאהרען אהין. איך האָב זיי געזאָגט, אז ווען זיי ווילען וועל איך זיי ברענגען א ליסטע פון מענשען וועלכע זיינען פערטיג צו פאָהרען. זיי האָבען מסכים געווען. איך האָב נאָר גערדארפט זאָגען א וואָרט, און דער עולם האָט באלד גענו־מען געהן צו מיר „פערשרייבען זיך אין ארץ־ישראל״. אין דריי טעג האָבען זיך ביי מיר פערשריבען איבער טויזענד פאמיליען און א דריי הונדערט יונגע לייט, פון וועלכע מען האָט געקענט מאכען א שעהנע גרופע פאר „ב׳י׳ל׳ו׳״. עס פערשטעהט זיך, אז אויף די גבירים האָט די ליסטע קיין ווירקונג ניט געהאט.

ענדליך האָב איך דעם 18טען סיון בעקומען א בריעף פון צענטראל ביורא, אז איך זאָל קומען אין כארקאָוו, און דינסטאג נאָך האלבע נאכט, דאָס הייסט כ׳ סיון, בין איך ארויסגעפאָהרען פון מאָהילעוו אום צו פאָהרען צום ציעל פון מיין לעבען. איך האָב זיך געפרעהט וואס איך פאָהר שוין און איך האָב זיך געפרעהט וואָס אין כארקאָוו ענדליך וועל איך וויסען וואו מיר האלטען אין דער וועלט. אין דער לעצטער האָפנונג בין איך אבער ענטטוישט געוואָרען. דאָס צענטראל ביורא איז שוין געווען אין אדעס און איצט האָבען די כארקאָווער גאָר ניט געוואוסט און זיי זיינען געווען ברגז אויף די אדעסער.

איך האָב פערבראכט אין כארקאָוו א וואָך ביז איך האָב בעקומען אן אויסלענדישען פאס, און ראש חדש תמוז בין איך אוועק אין אָדעס.

פאר מיין אוועקפאָהר, האָב איך זיך נאָך געזעהן מיט מיין אלטען חבר דעם פ אָ ל י א ק, מיט וועלכען איך האָב אין די קינדערשע יאהרען געטרוימט וועגען ארץ ישראל. איך וויים ניט צוליעב וואס פאר אן אורזאַך, נאָר ווען ער איז אוועק פון מאָהילעוו אין כארקאָוו איז ער דאָרט ניט אריין אין פינפטען קלאַס נאָר אין פערטען, כאָטש ער איז אלע מאָל געווען א גוטער שילער. אויף אזא אופן ווען איך בין שוין געווען א סטודענט, איז ער נאָך געווען אין אכטען קלאס גימנאזיום. איך האָב

איהם נאך ווינטער געפונען און האב זיך מיט איהם עטליכע מאל גע־זעהן, נאר מכח מיינע ארץ ישראל פלענער האב איך מיט איהם ניט גערעדט. איצט פאר׳ן אוועקפאהר האב איך בעשלאסען איהם צו זאגען. איך בין געקומען צו איהם און האב איהם אוועקגענומען שפאצירען אין גארטען.

— געדענקסט, קאראלקא (זיין נאמען), אונזערע אמאליגע חלומות? —האב איך איהם געפרעגט.

— וועלכע חלומות?

— אט, מכח אויפבויען אין איין צייט פוילען און ארץ ישראל!

— אה, — האט ער געענטפערט מיט א קרעכץ — אונזער זאך איז דורכגעפאלען (נאשע דיעלא פראגאריעלא).

— און איך פאהר אין ארץ ישראל — האב איך געזאגט.

ער איז געבליבען שטעהן ווי א צומישטער, ער איז שוין מעהר ניט געווען דאס נאאיווע קינד ווי איך האב איהם געקענט אמאל.

איך האב איהם דערצעהלט פון דער לאגע פון דעם אידישען פאלק, פון אונזער פעראיין, פון אונזערע אידעאלען און האפנונגען, און ער האט מיך שטארק געבעטען איך זאל איהם שרייבען ווי עס וועט אונז געהן דארט, אין פאלעסטינא. איך האב איהם דאס צוגעזאגט, נאר מייןווארט ניט געהאלטען אוים גוט פערשטענדליכע אורזאכען.

אין אדעס האב איך שוין דערזעהן, אז אונזער לאגע איז געווען אין גרונד גאנץ טרויעריג. קיין געלט אויף אויספיהרען אונזער זאך האבען מיר ניט געהאט, די איינציגע האפנונג איז געווען אויף לארד אליפאנט, פון וועלכען מען האט דאן דערצעהלט וואונדערבארע לעגענדעס. אין א בריעף, וועלכען איך האב געזעהן שפעטער ביי איינעם פון אונזערע חברים פון אן אנדער חבר, איז געווען געשריבען, אז אליפאנט פאהרט קיין קאנסטאנטינאפאל צוליעב ישוב ארץ ישראל און ער האט דערצו א סומע פון פינף הונדערט מיליאנען פונט שטערלינג. אט אויף צו זעהן זיך מיט דעם אליפאנט זיינען צוויי פון אונזערע חברים געפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל.

גראדע יענעם טאָג איז אָנגעקומען א בריעף פון די צוויי חברים, אז צו זיי זאָל קומען איינער, וועלכער רעדט פראנצויזיש, ווייל אָהן דער שפּראך קען מען אין דער טערקישער הויפּט־שטאָדט ניט אויסקומען, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז איך זאָל טאַקע באלד ארויספאָהרען. און אזוי האָב איך ה׳ תמוז פערלאָזען רוסלאנד און ארויסגעפאָהרען אין קאָנסטאָנטינאָפּאָל.

אין קאָנסטאָנטינאָפּאָל איז מיר ענדליך אונזער לאגע קלאָהר גע־וואָרען. זי איז געווען זעהר ניט גלענצענד. אָליפאנט האָט פאר דעם ישוב קיין געלד ניט געהאט. ער וואָלט אפשר געווען געקענט געבען מאָ־ראלישע אונטערשטיצונג דורך זיינע בעציהונגען, ווי מען האָט געזאָגט, צו די הויכע רעגירונגס־ספערען. נאָר גראדע דאן האָט זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציאָן אין מצרים געגען אלע אייראָפּעער, די רעוואָלוציאָן, וועל־כע האָט אריינגעבראכט דאָס לאנד אונטער דער ענגלישער הערשאפט. די דיפּלאָמאָטישע בעציהונגען צווישען ענגלאנד און טערקיי זיינען געוואָ־רען זעהר אָנגעצויגען, און אויב אָליפאנט האָט ווען עס איז ווירקליך געהאט אירגענד וועלכען איינפלוס אין דער הויפּט־שטאָדט פון טערקיי, האָט ער גראדע דאן, אלס ענגלענדער, ניט געקענט איהם אויסנוצען. ער האט אונז געראטען צו ווענדען זיך צום פּאשא פון אדאנא. אין יענער געגענד איז געווען פיעל פּרייעס לאנד. און עס עקזיסטירט א געזעץ אז אלע פליכט־לינגע, וועלכע ווילען אריינפאָהרען אין טערקיי, קענען בעקומען לאנד אומזיסט פון דער רעגירונג. נאָר אדאנא ליגט אין קליין־אזיען, ווייט פון ארץ ישראל און האָט פאר אונז בשום אופן ניט געפּאַסט.

דערווייל האָבען אָנגעהויבען צו קומען חברים פון פערשיעדענע שטעדט פון רוסלאנד. די חברים האָבען בעשלאָסען צו פאָהרען אין ארץ ישראל און יעדער פון זיי האָט אויפגעגעבען זיין לערנען אָדער זיין אנדער ארבייט. זיי זיינען געווען אונגעדולדיג און האָבען זיך געלאָזען אין וועג אריין. און אויף אזא אופן האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אין קאָנסטאָנ־טינאָפּאָל זעכצעהן חברים. מיר זיינען אלע געבליבען אין א פרעמדער שטאדט כמעט אָהן מיטלען.

יעדער פון אונז איז געווען פּערפּליכטעט אריינצוטראָגען אין קאַסע הונדערט רובעל אלס רייזע־שפּייזען. עס זיינען געווען אַזעלכע, ניט פיעל, אמת, וועלכע האָבען אריינגעטראָגען צוויי הונדערט און זאָגאר דריי הונ־דערט רובעל. מיר האָבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געלעבט, פערשטעהט זיך, אַלע צוזאַמען און אונזער געלד האָט אויף לאַנג ניט געקענט קלעקען.

מיר האָבען גענומען גאַנץ ערנסט בעטראַכטען אונזער לאַגע. אדעס איז געווען נאָהענט. פאר פיער רובעל האָט יעדערער געקאָנט אין זעקס און דרייסיג שעה אריבערכאַפּען זיך אַהין, אומקעהרען זיך צו זיין ארבייט און וואַרטען אויף אַ גינסטיגערע צייט. נאָר קיינעם פון אונז איז דער פּלאַן ניט איינגעפאַלען.

מיר האָבען איינשטימיג בעשלאָסען צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. אונז איז ניט געווען קלאָהר, וואָס מיר וועלען דאָרט טהאָן. מען האָט גע־רעדט פון ארבייטען אלס לאַסט־טרעגער אין יפו׳ער האַפען און עהנליכע בעשעפטיגונגען... דער עיקר איז געווען, מיר זאָלען זיין אין ארץ ישראל, דאָרט לעבען, ארבייטען און ווירקען.

מיר האָבען צושיקט בריעף צו אַלע חברים אין רוסלאַנד. מיר האָבען זיי ערקלעהרט די ריכטיגע לאַגע און מיר האָבען זיי פאָרגעלייגט זיי זאָלען טהאָן נאָך זייער געוויסען. ווער עס וועט קומען, וועט אָנגע־נומען ווערען אלס חבר, ווער עס האָט מורא קען, אָדער זאָגאר מוז, בלייבען אין דער היים, נאָך דעם דין פון דער תורה: הירא ורך הלבב...

צוויי פון אונז זיינען געבליבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָבצוּוואַר־טען די ענטפערס אויף די בריעף, אָדער די חברים, וועלכע וועלען צו־קומען, און די איבעריגע פיערצעהן, צווישען וועלכע עס איז געווען אויך איין פריילין, דבורה סיראָט, פון ניקאָלאַיעוו, האָבען גע־דאַרפט לאָזען זיך אין וועג. פון אונזער קאַסע האָבען מיר געלאָזען אַביסעל געלד פאר די צוריקגעבליבענע צוויי חברים, מיר האָבען געקויפט בילעטען אויף דעם עסטרייכישען שיף „צערעס״ און אָנגעגרייט אויף עטליכע טעג פּראָוויזיע. אונז איז נאָך געבליבען אַ סומע פון נייצעהן טערקישע לירעס (אַכציג דאָלאַר), מיט וועלכער מיר זיינען געפאָהרען צו אראַנזשירען זיך אין ארץ

## בּ׳ ר׳ ל׳ ן׳

ישראל. אונזערע בילעטען זיינען געווען פון דריטער קלאס אויס דעם איינפאכען גרונד, וואָס קיין פיערטער איז ניט געווען. דאָס זיינען געווען פלעצער אויף דער פאלובע, ד. ה. אויף דעם פאָרדעק פון שיף. אלס פיהרער פון דער גרופע בין איך אויסגעקליבען געוואָרען, אלס קאַסירער חבר סאנדאמירסקי.

י״ב תמוז, צעהן א זייגער אין דער פריה, זיינען מיר שוין געווען מיט אונזערע פעקלאך אויף׳ן שיף. די נאַכט פריהער האָבען מיר ניט גע־שלאָפען. מיר האָבען זיך געזעגענט מיט די צווי איבערגעבליבענע חברים, מיר האָבען זיך געזעגענט מיט אייראָפּא, מיר האָבען זיך געזעגענט מיט אונזער פריהערדיגען לעבען, אויף אָנצונעהמען א גאנץ נייעם לעבען אין אונזער לאנד, אין אונזער ליעבען אזיען אין דעם אזיען, וואו עס איז געבאָרען געוואָרען די מענשליכע קולטור.

און אז איך בין ארויף אויף דעם שיף, האָב איך מיר, ווי דער אַמאָ־ליגער יונה, וועלכער איז גראדע געלאָפען פ ו ן י פ ו, געפונען א ווינ־קעלע, אַ בינטעל שטריק און בין אנשלאָפען געוואָרען, אָבער ניט לאנג האָב איך געשלאָפען. אין א ווילע ארום האָט מען מיך אויפגעוועקט מיט דער בשורה,אז ביי אונזער קאַסיער האָט מען ארויסגע׳גנב׳ט פון קעשע־נע די גאנצע קאסע. די חברים האָבען געמיינט, אז דער קאפּיטאַן פון שיף וועט אונז קענען העלפען מיר זאָלען צוריק בעקומען אונזער געלד. איך האָב פערשטאַנען, אז דאָס איז שוין פערפאלען. נאָר צוליעב די חברים, צוליעב יוצא וועגען, בין איך צו איהם געגאנגען און דערצעהלט איהם דעם פאַל. ער האָט ווירקליך ערקלעהרט, אַז ער קען גאָרנישט מאַכען. ער־שטענס איז אויף געלד קיין סימן ניטאָ, צווייטענס, האָט זיך די מעשה געטראָפען, ווען די שיף איז נאָך געשטאַנען אין האפען, און דער גנב, איז שוין העכסט וואהרשיינליך ניט אויף׳ן שיף. ביים לאָדען פון שיף האָבען געארבייט פיעל צעהנדליגע לאסט-טרעגער און שיפלייטע, וועלכע זיינען געגאנגען היין און צוריק.

מיר זיינען געווען אין א גרויסער פערלעגענהייט. צוריק אראָב־פאָהרען אין שטאָדט איז פאר אונז געווען אונמעגליך. ערשטענס, וואָלטען

פארלארען געגאנגען אונזערע בילעטען פון שיף; צווייטענס, האבען מיר דאך גאנץ גוט געוואוסט, אז אין שטאדט ווארטען אויף אונז אויך ניט קיין קאפיטאלען.

צום גליק איז מיט אונז געווען אויפ'ן שיף א יונגער מענש, וועלכער איז שפעטער געווען איינער פון די גרינדער פון ראשון לציון, ה' ראובן יודעלעוויטש, וועלכער איז שוין די לעזער בעקאנט פון מיינע פריהערדיגע ערצעהלונגען. ער האט אונז געליהען הונדערט רובעל און מיר האבען גע־קענט פאהרען.

דער וועג איז געווען זעהר א שעהנער. דאס וועטער איז געווען גוט און קיינער פון אונז האט ניט געליטען פון זעע־קראנקהייט. דעם גאנ־צען טאג האבען מיר געהאלטען אין איין זינגען און אלע איבעריגע פא־סאזשירען, סיי גרעקען, טערקען און אנדערע, האבען שוין געקאנט זינגען די שירי ציון פון יענער צייט. זיי פלעגען צוגעהן צו אונז און בעטען מיר זאלען זינגען: ציון, ציון.

אויפ'ן זעקסטען טאג, שבעה עשר בתמוז זיינען מיר אנגעקומען צו דעם אינזעל צ י פ ע ר ן אדער ק פ ר ו ס, דער אמאליגער כ פ ת ו ר אדער ק פ ר י ס י ן. דארט האבען מיר בעגעגענט א שיף, אויף וועלכען עס זיינען געווען אידען, וועלכע מען האט ניט אריינגעלאזען אין יפו. זיי האבען אונז דאס מודיע געווען און געווארענט מיר זאלען אהין ניט פאה־רען. נאר מיר האבען זיך ניט איבערגעשראקען און געפאהרען ווייטער. אויף מארגען זיינען מיר געשטאנען אין בירות ביים טויער פון ארץ ישראל. איך בין אראבגעפאהרען אין שטאדט און טעלעגראפירט צו ז. ד. ליבונ־טינען, אז מיר פאהרען אין יפו. איך האב בעקומען פון איהם א טע־לעגראפישען ענטפער: „מעהר דרייסיג שטייגט בירות", ד. ה. ווען מיר זיינען מעהר ווי דרייסיג זאלען מיר בלייבען אין בירת, און אזוי ווי מיר זיינען געווען נאר פופצעהן (מיר האבען אריינגערעכענט אין אונזער קאמ־פאניע אויך יודעלעוויטש'ען, וועלכער האט אונז געליהען געלד אויף צו פאהרען), זיינען מיר געווען גאנץ פרעהליך, מיט א האלבע שעה איידער די שיף איז אוועק פון בירות, האב איך אבער בעקומען פון ליבונטינען א

# בּ׳ י׳ ל׳ ו׳

נייע דעפּעשע: „איינטריט יפו ווידער פערבאָטען, נאָר בעלקינד קאָמע״. דער פּרוש פון דער דעפּעשע איז געווען פאָלגענדער: אונזער ארייגפאָהרען אין יפו האָט געדאַרפט קאָסטען געלד, וועלכעס ליבונטינען האָט מורא געהאַט אויסצולעגען. דעריבער האָט ער בעשלאָסען, אז איך זאָל אליין קומען. איך וועל מסתמא ברייגגען מיט זיך די קאַסע און וועל קענען אלעס אראנזשירען. מיר האָבען אָבער גאנץ גוט פערשטאַנען, אז בלייבען אין בירות איז פאַר אונז אונמעגליך. דאס האט געשמעקט מיט גרויסע הוצאות. און וואָס פאַר א קאסע איך האָב געקענט מיטבריינגען אין יפו פערשטעהט זיך שוין אליין... האָבען מיר ליבונטינען ניט געפאָלגט און געפאָהרען ווייטער. ער פון זיין זייט האָט זיך אויסגערעכענט, אז זיין צווייטע דעפּעשע קען אנקומען צו שפּעט, און האָט אליין אראנזשירט די זאך, אז מיר זאָלען קענען אריינפאָהרען אין יפו אָהן שוועריגקייטען און איהם איז דאָס אויך געלונגען.

נאָר די, וועלכע האָבען דאס אליין איבערגעלעבט, וועלען פארשטעהן מיט וואָס פאַר א געפיהל מיר האָבען פערבראַכט די לעצטע נאַכט אויפ׳ן שיף. קיינער האָט ניט געשלאָפען. מיר האָבען אויפגעגעסען אונזער לעצטע פּראָוויזיע, מיר האָבען זיך אָנגעטהאָן אין אונזערע יום־טוב׳דיגע קליידער און אוועקגעזעצט זיך אויף דעם פאָדערשטען טייל פון שיף צו וואַרטען מיר זאָלען דערזעהן דעם ברעג פון ארץ ישראל, די שטאָדט יפו.

ענדליך, מיט דעם זון־אויפגאַנג, האָבען זיי זיך ביידע בעוויזען אין זייער גאנצען פּראַכט. דאס שיף האָט זיך אָבגעשטעלט און אויפ׳ן שיף איז ארויף בעגעגענען אונז דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער ירושלים־ער צייטונג הַחֲבַצֶלֶת, הר׳ ישראל דוב פרומקין ז״ל. אויפ׳ן ברעג האָט געוואַרט ליבונטינען און נאך פיעלע רוסישע און רומעניש אידען, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין יפו פריהער אַביסעל פאַר אונז. אלע האָבען אונז בעגריסט ברידערליך, צווישען אלעמען האָט זיך געהערט דער רוף: די סטודענטען, די סטודענטען!

ליבונטין, האָט אונז מקבל געווען אין דעם „ועד חלוצי יסד המעלה״, וועלכען ער האָט געגרינדעט און האָט אונז מכבד געווען מיט א מיטאָג.

ער האָט דאָן בענוצט די געלעגענהייט צו פרעגען וויפיעל געלד איך האָב געבראכט...

— געלד! — האָב איך אויסגערופען — דארפען מיר מיט זיך ניט פיהרען. אונזער קאסע געפינט זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין אונזער צענטראַל ביוראָ און מיר קענען זי בעקומען, ווען מיר וועלען זי דארפען, דורך א דעפּעשע.

און מיט דער געלעגענהייט האָב איך זיך בענוצט און געליהען ביי איהם הונדערט פראנק, וועלכע מיר האָבען גאנץ נויטיג געדארפט האָבען...

אויף מאָרגען נאך אונזער אנקומען אין יפו האבען מיר פאר זיך געדונגען א וואוינונג אין א גאָרטען, א צוואנציג מינוט גאנג פון שטאדט. די וואונונג איז בעשטאַנען פון צוויי צימערען, איין צימער פאר אונזער פריילין און דער אנדערער פאר די דרייצעהן יונגע לייט. עס איז אונז, די יונגע לייט, געווען ענג אין אונזער איינציגען צימער. מען פלעגט זיך אָפט קריגען פאר א פּלאַץ צו שלאָפען. צום גליק האָבען מיר אויך געהאַט א לאַנגען שמאָלען באַלקאָן. און אזוי ווי עס איז געווען זומער, פלעגען די, וועלכע האָבען ניט געקאָנט זיך ארייַנקוועטשען צווישען די חברים, וועלכע האָבען שוין געלייגט זיך שלאָפען און פערכאַפּט אלע פלעצער, שלאָפען אויפ׳ן באַלקאָן. געשלאָפען, פערשטעהט זיך, איז מען אויף דער ערד, אויף א ראָגאָזשע. ווענגען בעטען האָט מען גאר ניט געקלעהרט. עס וואָלט בשום אופן ניט געווען מעגליך אין אונער צימער ארייַנצושטעלען דרייצעהן בעטען.

מיר האָבען אויך געקויפט די נויטיגע געפעס צום קאָכען און צום עסען. און מיר האָבען אנגעהויבען צו פיהרען אונזער בעל׳הביתישקייט. דאָס האָט אויף זיך גענומען אונזער פריילין, וועלכע איז געווען פאר אונז אַן אמת׳ער „עזר כנגדו״, אַן אמת׳ער מלאך, וואָס האָט זעהר פיעל בייגעטראָגען, וואָס מיר זיינען געווען געזונד און געפיהרט א מענשליכען לעבען. זי האָט פאר אונז געקאָכט, געהאַלטען ריין די צימערען. זי פלעגט העלפען די אראַבעריַן, וועלכע פלעגט קומען איין מאָל אין וואָך וואשען וועש, זי פלעגט פעררירכטען און דערהאַלטען די צוריסענע וועש.

איהר צו הילף איז געשטאַנען א ד ע ז ש ו ר נ ע ר, איינער פון די יונגע לייט, וועלכער פלעגט דארפען געהן אין שטאָדט ברענגען די נויטיגע פּראָוויזיאָן. אלע טאָג פלעגט זיין אַן אנדערער.

אונזער געפעס איז געווען ניט מילכיג און ניט פליישיג, ווייל מיר האָבען חדשים לאנג ניט געזעהן אין די אויגען ניט קיין פלייש און ניט קיין מילך. מיר אַליין און אונזער עסען זיינען געווען דורכאויס פּארעווע. אונזער עסען איז בעשטאַנען פון טעה מיט ברויט, א זופּ פון בעבלעך געקאָכט אויף בוימעל, ווייטער טעה מיט ברויט און ווייטער א זופּ פון בעבלעך און אזוי וואָכען לאַנג, חדשים לאנג...

שבת פריה זיינען מיר אַלע געגאַנגען אין שטאָדט אין שוהל אריין. מיר האָבען קיין בעשלום ניט געמאַכט, אָבער יעדער פון אונז האָט געפיהלט, אז מיר דארפען צוציהען צו אונז די ארץ ישראל|דיגע אידען און ניט איירוגז׳ן זיי. מען האָט אונז דערצעהלט, אַז די ירושלים׳־ער אידען האָבען געקוקט מיט פערדאַכט אויף סטודענטען, וועלכע קומען בויען ארץ ישראל. מען האָט אפילו געזאָגט, אז איינער פון זיי האָט זיך זאָגאר געוואָלט לאָזען קאָסטען הונדערט פראנק, מען זאָל אונז ניט ארייגלאָזען אין יפו... ווי ווייט דאָס איז אמת, ווייס איך ניט, איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט צו אונטערזוכען די געשיכטע.

מיר זיינען געקומען אין שוהל ווען דער עולם האָט שוין אָבגע־דאווענט. נאָר איניגע זיינען פערבליבען און האָבען צוליעב אונז גע־מאַכט נאָך א מנין. אז איך האָב געלייענט מפטיר, האָבען זיי געזאָגט צווישען זיך: „זעהט, זעהט, אַ סטודענט און קען...״

דאָס איז געווען דער ערשטער שבת אין די דריי וואָכען און איך האָב געלייענט: זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה...

* * *

נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך עטוואָס איינגעאָרדענט, האָט זיך פאר אונז געשטעלט די פראגע, פון וואָס וועלען מיר לעבען. און מיר האָבען קיין אַנדער עצה ניט געפונען ווי געהן בעטען ארבייט אין מקוה

ישראל. איך האב שוין פריהער דערצעהלט, אז מיר האבען געקראגען די ארבייט און וואס דאס איז געווען פאר אן ארבייט. בעקומען האט יעדער ארבייטער פינף פיאסטער א טאג, דאס הייסט, צווישען 75 און 80 סענט. מיט דעם האבען געדארפט לעבען אויך די, וועלכע האבען ניט געארבייט אין מקוה ישראל. דאס הייסט, אויך אונזער פריילין, איהר העלפער, איך אליין, ווייל איך בין געווען בעשעפטיגט מיט אלע אינטערעסען פון דער גרופע. א חוץ דעם האט זיך יעדען טאג געפונען א קראנקער, וועלכער פלעגט ניט קענען ארבייטען. די ארבייט איז געווען ניי. זי איז בעשטאנען אין דעם, וואס מען האט געדארפט מיט א מין גראב־אייזען, וואס רופט זיך אין ארץ ישראל מיט דעם פראנצויזי־שען נאמען פ י א ש, האקען די ערד. דערפון פלעגען די הענד אנרייסען און פלעגען מאכען זעהר פיעל שמערצען. ווען איינער פלעגט ווערען פון דער ארבייט באמת קראנק, בעקומען פיבער, פלעגט ער אוועק אין יפו צום באראן אין שפיטאל. אבער מיט אן אנגעריסענער האנד פלעגט ניט פאסען צו געהן אין שפיטאל און מען פלעגט בלייבען אין דער היים.

דערפון קען מען פערשטעהן, אז דאס געלד, וואס איך פלעג אלע פרייטאג בעקומען פאר דער ארבייט פון אלע חברים, איז געווען גאנץ ווייניג צום לעבען. צום גליק אבער, האבען מיר געהאט קרעדיט אין יפו. קיין אידישע געשעפטען זיינען נאך דאן אין יפו כמעט ניט געווען. און איך האב געהאנדעלט מיט אראבער. און יעדער אראבער מיינט, אז יעדער אייראפעער איז א גרויסער גביר און מען מעג איהם פיעל טרויען. אין גביר׳ערשאפט האט מען אויך מיך חושד געווען, און דאס האט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו מאכען אין דעם ערשטען חדש חובות אויף אכט הונדערט פראנק, ד. ה. מעהר ווי הונדערט און פופציג דאלער.

דאס איז געווען א גוואלדיגע סומע אין יענע צייטען. אז דער אראבער פלעגט ביי מיר בעטען געלד, פלעג איך איהם זאגען, אז די שיף וועלכע דארף אונז ברענגעז געלד איז נאך ניט אנגעקומען... אום ניט צו זאגען צו אפט דעם זעלבען תירוץ, פלעג איך זעהן אויסמיידען דעם אראבער און אריינגעהן אין שטאדט און דורכגעהן זי אזוי ביז צום

ים, ער זאָל מיך ניט זעהן. מען האַלט מיך איצט פאַר א שטיקעל מומחה אין ארץ־ישראל׳ער געאָגראַפיע. און די קענטשאַפט האָב איך בעוויזען שוין דאָ. איך האָב אזוי אויסגעשטודירט די אלע יפו|ער געסלאַך, אז איך האָב געקענט זיין אין שטאָדט און מיין אראַבער זאָל דערפון ניט וויסען...

* * *

מיר האָבען נאָך געהאַט אין רוסלאַנד חברים און פריינד, וועלכע וואָלטען אונז געקענט אמאָל העלפען, נאָר צו זיי איז דער וועג פאַר אונז געווען פערשטעלט. אונזערע חברים, וועלכע זיינען אלס צענטראַל־ביוראָ געבליבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זיינען געפאַלען אויף א פּלאַן. עס עקזיס־טירט אין טערקיי א געזעץ, אז יעדער וואָס פאָהרט אריין אין מדינה און בעט ביי דער רעגירונג לאַנד, גיט מען איהם. דער געזעץ איז געמאַכט געוואָרען פאַר די מאַהמעדאַנער, וועלכע פאָהרען ארוים פון קריסטליכע לענדער, פון רוסלאַנד, פון בולגאַריען, פון עסטרייך (באָסניען) און זוכען שוץ ביי די מאַהמעדאַנישע טערקען. אזוי ווי מ׳האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אז אַנדערע זאָלען אריינפאָהרען אונטער אזעלכע אומשטענ־דען אין טערקיי, האָט מען ניט אויסגערעדט, אז נאָר מאַהמעדאַנער קענען פערלאַנגען לאַנד און נאָך דעם בוכשטאָב פון געזעץ קענען אידען אויך דאָס פערלאַנגען. אויף דעם געזעץ האָבען זיך געשטיצט אונזערע חברים און האָבען זיך געווענדעט צו דער טערקישער רעגיערונג מיט א ביטע מען זאָל געבען זיי און זייערע חברים לאַנד אין טערקיי. זיי האָבען נאָך בעקומען א רעקאָמענדאציאָן פון דעם דאַמאָלסטדיגען קריעגס־מיניס־טער אַסמאַן־פאַשא, דער העלד פון פלעוונא. ווען ער, אַסמאַן־פאַשא, איז געווען געפאַנגען אין רוסלאַנד, האָט מען איהם אינטערנירט אין כאַרקאָוו און דערפאַר איז ער געווען איינ־גערמאַסען אונזער א לאַנדס־מאַן.

דער שריט פון אונזערע חברים האָט קיין פּראַקטישען ווערט ניט געקענט האָבען. ערשטענס, האָט מען אונז געקענט געבען לאַנד אין קליין אזיען, ווייט פון ארץ ישראל און מיר וואָלטען דאָס ניט געקענט אָננעהמען.

צווייטענס, גיט די רעגיערונג זעהר קליינע שטיקלאך לאנד אין אזעלכע פעלע. א גרופע מאחמעדאנער פון באסניען זיינען געקומען אין טערקיי און די רעגיערונג האט זיי געגעבען נור צו איין דונאם לאנד אלס בוי־פלעצער אויף די חורבות פון דער אמאליגער שטאדט קסריה (ניט ווייט פון חדרה). דריטענס, איז דאך דאס געזעץ ווירקליך געמאכט געווארען נאר פאר מאחמעדאנער. און ווען די רעגיערונג האט גלייך ניט געקענט אבזאגען, האט זי דאס געצויגען אזוי, אז דערפון איז ממילא גארנישט געווארען. נאך א גאנצען יאהר האבען אונזערע חברים, פונקט אזוי ווי שפעטער די ציוניסטען אויפ׳ן ט ש א ר ט ע ר, געווארט יעדען טאג אויף א פ י ר מ א ן פון סולטאן, וואס זאל זיי געבען לאנד.

און אז דריי מענשען זיצען אין קאנסטאנטינאפאל (און אמאל פלעגען זיי זיין פיער אדער פינף) קאסט דאס געלד, בעזונדערס, ווען מען דארף האבען צו טהאן מיט מיניסטארען, מען דארף האלטען א בעזונדערען דראגאמאן (אינטערפרעטער), און א פאסענדע וואהנונג. דע־ריבער האבען זיי געשריבען אין רוסלאנד צו די חברים און וואו זיי האבען געקענט קריגען געלד, האבען זיי דאס געקראגען פאר זיך...

די פראגע פון פירמאן האט געמאכט א שפאלטונג אין אונזער גרופע. אייניגע האבען פון איהם געהאלטען און האבען אויף איהם געווארט און אייניגע ניט. ואת חטאי אני מזכיר, איך האב אין איהם ניט געגלויבט....

אין יענער צייט, ד. ה. ארום ענדע זומער האט בעזוכט קאנסטאנ־טינאפאל יעקב ראזענפעלד ז״ל, דער רעדאקטאר פון „ראזסוויעט״. וואס ס׳איז פארגעקומען צווישען איהם און אונזערע דארטיגע חברים, ווייס איך ניט. איך ווייס נאר, אז ער האט זיך אומגעקעהרט קיין פעטערבורג שטארק אונצופריעדען מיט זיי, און דאס האט אויך שלעכט געווירקט אויף אונזער אלגעמיינער לאגע און אפילו געהאט א גרויסען איינפלוס אויף אונז אין ארץ ישראל און אויף אונזער שטימונג. בעזאנדערס איז אונזער שטימונג געווארען שלעכט און אייניגע פון אונז געבראכט צו פערצווייפ־לונג, ווען נעטער איז געשטארבען, און דערמיט זיינען פערשוואונדען גע־ווארען די האפנונגען, וועלכע ער האט אונז געגעבען. אייניגע פון אונז

זיינען דאן זאגאר אוועקגעפאהרען. א טייל פון די אוועקגעפאהרענע האבען זיך אין א פאר חדשים ארום אומגעקעהרט צוריק און א טייל — טאקע ניט.

איך האב זיך דאן געזעהן געגוויטיגט צו קומען אין ענגערע בעציהונגען מיט אונזערע פריינד און חברים אין רוסלאנד. דורך מיינע פריינד אין פעטערבורג האב איך געוואונען ראזענפעלד׳ן מיט זיין „ראזסוויעט", און א דאנק זיין שטיצע האט אנגעהויבען קומען מאטעריעלע אונטערשטיצונג פון רוסלאנד. פון פערשיעדענע קוועלען האב איך אין יענעם יאהר מייס־טענס דורך דעם „ראזסוויעט" בעקומען כמעט זעקס טויזענד פראנק. רייך זיינען מיר דערפון ניט געווארען. נור די חובות האבען מיר געקאנט בעצאהלען און מיר זיינען מעהר ניט געווען אנגעוויזען אויף די ארבייט אין מקוה ישראל. ווי איך האב שוין דערצעהלט פריהער, זיינען מיר אין חדש שבט פון יענעם ווינטער אריבער אין ראשון לציון.

אין ראשון לציון זיינען מיר די ערשטע צייט געווען ניט קאלא־ניסטען, וועלכע האבען לאנד, נאר ארבייטער אונטער דער אויפזיכט פונ׳ם פראנצויזישען אגראנאם דיגור. מיר האבען אויסגעפיהרט אלע קהל׳שע ארבייטען; מיר האבען צום ביישפיעל פערפלאנצט די בוימער אין די גאסען פון דער קאלאניע און געמאכט נאך עטליכע אלגעמיינע ארבייטען. דערפאר פלעגען מיר בעקומען דרייסיג פראנק א מאנאט, און דאס געלד האבען שוין בעקומען אלע, אפילו אונזערע פריילינס, וועלכע זיינען שוין דאן געווען דריי. צו דער ערשטער, דבורה סיראט, איז צוגעקומען פאני פריזער, וועלכע איז געקומען צוזאמען מיט איהר חתן ח י ס י ן, — איצט איז ער דר. חיסין און פארשטעהער פון אדעסער חובבי ציון קאמיטעט אין יפו. און ערב ראש־השנה איז געקומען מיין שוועסטער פאני, וועלכע האט מיט דריי יאהר שפעטער חתונה געהאט מיט ישראל פיינבערג ז״ל, דעם בעריהמטען לוליק׳ן. נאר די צאהל פון די חברים איז אויך גרעסער געווארען, און אלע דריי פריילינס האבען געהאט גענוג ארבייט.

אויסער די קהל׳שע ארבייטען האבען מיר אויך געהאט א גארטען, אין וועלכען מיר האבען געזעעט גרינס.

# בּ׳ י׳ ל׳ ו׳

די יונגע לייט האָבען געוואוינט אלע צוזאַמען. אויף דעם פּלאַץ, וואו עס שטעהט איצט די שוהל, איז געשטאַנען א לאַנגער הילצערנער באַראַק, וועלכער איז געווען געטיילט אין צוויי אָבטיילונגען. אין אייגנער זיינען געשטאַנען דריי פּאָר פערד, און אין דער אנדערער האָבען מיר געוואוינט. צוויי פּאָר פערד האָבען געהערט צו די זעקס אָרימערע פאמיליען, און איין פּאָר האָט זיך גערעכענט אונזערס.

דער באַראַק איז געווען געבויט ווי אַלע באַראַקעס אין יענער צייט, מיט שפּאַלטען צווישען די ברעטער, און מיט לעכער דאָרט וואו עס איז ארויסגעפאַלען א סוק.

דעריבער האָט דער ווינט, און מיט איהם אויך דער רעגען, געהאַט א פרייען אריינגאנג און א פרייען ארויסגאנג... דעריבער האָט מען ווינטער גאַנץ אָפט ניט געקאָנט שלאָפען פון קעלט. נאָר אַחוץ דעם פלעגט שטערען אונזער שלאָף נאָך אַן אנדער זאַך; און די אנדער זאַך איז געווען שטאַרק, אַ ווינטער, אַ זומער. איך מיין פּשוט — פ ל י י !...

דאָס איז אַ מכה, פון וועלכער עס האָבען געליטען אלע קאָלאָניען אין דער ערשטער צייט פון זייער עקזיסטענץ. נאָר מעהר פון אלע, שיינט מיר, האָט געליטען ראשון לציון, צוליעב איהר זאמדיגען באָדען. איך האָב צוגעלעגט דעם וואָרט שיינט מיר, ווייל איך האָב זיך דערמאָנט׳ אז עס קאָנען קומען קאָלאָניסטען פון אנדערע קאָלאָניען און פּראָטעסטירען געגען דעם מאָנאָפּאָל, וואָס איך גיב אָב ראשון לציון, צום ביישפּיעל חדרה און אַנדערע. עס קאָן אויך פּראָטעסטירען די שטאָדט טבריה, אין וועלכער עס בעהויפּטעט בעדעקער — דער האַנדבוך איבער ארץ ישראל און אנדער לענדער — אז דאָרט האָט זיין רעזידענץ דער קעניג פון די דאָזיגע בעשעפּענישען. אין ראשון לציון איז דאַן דאָס לעבען געווען כמעט אונערטרעגליך און דאָס שלאָפען אונמעגליך. איך בין איינמאָל אריינגעגאַנגען מיט דיגור׳ן אין אַ ביידעל עפּעס בעטראַכטען. אז מיר זיינען ארויסגעגאַנגען האָב איך דערזעהן, אז דיגור, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ ווייסען קאָסטיום, איז פּלוצלונג געוואָרען אָנגעטהאָן אין אַ שוואַרצען... איין מאָל האָט מען געפונען א קאָלדרע ווייט פון דער קאָלאָניע,

און פיעלע קאָלאָניסטען האָבען געגלויבט, אז די פליי האָבען זי אהין פערשלעפּט...

נאָר פון אלע ראשונ׳ער האָבען מעהר געליטען מיר פון דער מכה, א דאנק אונזער שכנות מיט דעם שטאָל און מיט די דריי פּאָר פערד אין איהם. זעלטען ווען איינער פון אונז האָט זיך געפיהלט אמאָל אויס־געשלאָפען. נאָר קיין מרה שחורה האָט דאָס אויף אונז ניט געוואָרפען, פערקעהרט, דאָס האָט געבראכט א בעזונדערע פרעהליכקייט אין לעבען, ביי טאָג איז דאָך יעדער געווען בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט. ביינאכט אבער, ווייל שלאָפען איז געווען אונמעגליך, פלעגט מען האַלטען אין איין טרינקען טהעע (קאַלטע וואסער איז געווען אונמעגליך צו טרינקען, ווייל מיר פלעגען דאָס ברענגען פון די זאמד־קוואלען) און דערביי זינגען און טאַנצען א גאַנצע נאכט. ארום אונז האָט זיך גרופּירט די גאַנצע יוגענד פון דער קאָלאָניע, און צוזאמען האָט מען געפיהרט א לעבען פון פרייד און בעגייסטערונג, פון וועלכען מען קאָן אין די גלות־לענדער קיין פאָר־שטעלונג ניט האָבען.

ענג פערבונדען מיט דעם סאָרט לעבען זיינען געווען אונזערע מלחמות מיט די אראבער, אם מייסטען בעדואינער, וועלכע זיינען דאָן געזעסען אין אונזער שכנות. די אראבער לאָזען געוועהנליך ניט קיין בעזונדערע פלעצער אויף פיטערען זייערע בהמות. זיי פיטערען אומעטום, וואו זיי געפינען א פרייען פלאַץ, און דערביי רעכענען זיי זיך ניט מיט די גרעניצען פון זייערע דערפער. איין דאָרף פיטערט ביי דעם אנדערען אויף די פעלדער.

איצט, ווען ראשון לציון איז איינגאנצען פערפלאַנצט מיט פער־שיעדענע פלאַנטאַציעס, שיקען די קאָלאָניסטען פיטערען זייערע בהמות נאָר אויף די פעלדער פון די אראבישע שכנים, און די שכנים פאַלט קיינמאָל ניט איין צו פּראָטעסטירען, אבי די בהמות געהען ניט אויף די פעלדער, וועלכע זיינען פערזעעט מיט תבואה. די ערשטע צייט אבער,

# פּ' ר' ל' ך'

אז מיר זיינען געווען אונוויסענד אין די מנהגים פון לאנד, אונוויסענד אין די זאכען פון ערד־ארבייט, האָבען מיר בשום אופן ניט געוואָלט צו־לאָזען, אז אראַבער זאָלען קומען פיטערען אויף אונזערע פעלדער. דעריבער, ווען דער שומר פון דער קאָלאָניע, אויך איינער פון אונז, אַ קאָלאָניסט אדער אַ ב'י'ל'ו'יעץ, ניט קיין גערונגענער, וועלכער פלעגט נאָך דער רייהע נאָך היטען אָדער אַ גאַנצע נאַכט אָדער אַ האַלבע נאַכט, פלעגט אריינקומען און זאָגען, אז ער האָט געהערט טריט פון בהמות אין דער אָדער יענער זייט פון דער קאָלאָניע, פלעגען מיר באַלד שוין זיין אויף די פערד און לויפען אַהין וואו עס געפינט זיך דער „פיינד". נאָך די רייטער פלעגען נאָכלויפען, אלס רעזערוו, אויך פוסגעהער. דער פאַסטוך אָדער די פּאַס־טוכער פלעגען געוועהנליך ענטלויפען, נאָר די סטאַדע פלעגט מען נעהמען אין פלען, אריינפיהרען אין קאָלאָניע, און אז אויף מאָרגען פלעגען קומען די בעלי־בתים בעטען, מען זאָל זיי אָבגעבען צוריק די בהמות, פלעגט מען פערלאַנגען פון זיי אַ סומע געלד אלס שטראָף, און דאָס געלד איז געגאַנגען אויף קויפען געוועהר.

געוועהר פלעגט מען אין דער אמת'ן ווייניג געברויכען. אלס בעס־טער געוועהר האָבען זיך ארויסגעוויזען די בייטשען, מיט וועלכע מען טרייבט אָן פערד. די אראַבער געהן געוועהנליך באָרוועס און האַלב־נאַקעט, דעריבער זיינען זיי עמפּינדליך צו שמיץ. עס פלעגט זיך מאַכען אַמאָל, אז די פּאַסטוכער פלעגען זיך שטעלען און פעכטען זאַגאר מיט די שווערדען; נאָר געגען די בייטשען פלעגען זיי לאַנג ניט קאָנען שטעהן און פלעגען זיך לאָזען לויפען. דאן האָט מען זיי געיאָגט, אָפט ביז זייערעביידלאך.

די מלחמות פלעגען פיהרען נאָר די רייטער, ווייל ביז די פוס־געהער פלעגען צוקומען צום פּלאַץ פלעגט שוין אלץ זיין געענדיגט. נאָר אומקעהרען זיך אין קאָלאָניע פלעגט מען אלע צוזאמען, און דער גאַנצער עמק השרון פלעגט קלינגען פון דעם געזאַנג:

## ב׳ י׳ ל׳ ו׳

אדיר הוא ולא ינום,
בחור הוא ולא יישן.
הן בבית, הן בעיר,
הן בשדה, הן בכפר,
הן בבקעה, הן בהר —
תצילנו מכל צער!

ווי איך האָב שוין געזאָגט זיינען די מלחמות געווען א רעזולטאט פון אונזער אונווייסענהייט און פיעלע פון זיי האָט מען געקענט אויסמיידען, ווען מיר וואָלטען געקענט די שפראך פון לאנד, די מנהגים פון לאנד און אלע אנדערע זאכען, וועלכע מיר קענען איצט. נאָר א גרויסען נוצען האָבען זיי דאָך געבראכט. דער אראבער איז נאָך האַלב א ווילדער מענש. בעזונדערס איז ער געווען ווילד דאן און האָט פאר קיין זאך קיין דרך ארץ ניט, אויסער פאר פיזישער קראפט. און א קליינע גרופע אידען צווישען א גרויסער אַראַבישער בעפעלקערונג וואָלטען שווער געקענט אויסהאַלטען, ווען זיי וואָלטען ניט בעוויזען זייערע שכנים, אז זיי האָבען פאר זיי ניט מורא. די מלחמות האָבען געשאפען די אידישע קאָלאָניסטען א נאָמען פון העלדען, גבורים, ש י ט א נ ע ס (שדים) און זיי האָבען פאר זיי געהאַט גרויס רעספעקט.

אויף די אידישע קאָלאָניסטען האָט דאָס אויך געהאַט א גרויסען מאָראלישען איינפלוס. דאָס האָט זיי געלערענט מוטה און העלדישקייט. דאָס האָט זיי געלערענט אז זיי זאָלען קענען אליין פערטיידיגען זייערע אינטערעסען און ניט לויפען ביי יעדער קלייניגקייט אין געריכט, ניט אַראָבפאלען ביי זיך און קוקען מוטהיג דער געפאהר גלייך אין די אויגען.

עס וועט זיין א גרויסע עולה, כמעט א פערברעכען, ווען איך וועל דיעזע אלע מלחמות, די העלדישקייטען צושרייבען נאָר אונזערע חברים פון ביל״ו. ניין, אין זיי האָבען גענומען אנטייל אלע ראשון-לציון׳ער יונגע לייט. צווישען זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט אונזער בעקאנטער ל ו ל י ק, יהושע חנקין, די ברידער טאפאראָווסקי בעזאָנדערס דער

אינגערער פון זיי, יעקב, יצחק פיזשעלזאָן און פיעלע אנדערע עלטערע און אינגערע פון זיי.

מען מוז דאָ אויך דערמאָנען די דריי פּתח־תקוה׳ער וועלכע האָבען געאַרבייט אין ראשון לציון: יהודה ראאב, וואָלף־ליב גרינשטיין און שואל עלזנער.

* * *

באלד נאָכדעם אָבער ווי דער געדטנער דיגור האָט אויסגעבויט פאר אונז פיער צוויי־שטאָקיגע הייזער און מיר האָבען זיך אין זיי בעזעצט, האָט אונזער צוזאַמענלעבען אויפגעהערט. און שפּעטער, ווען די אַדמיניס־טראַציע פון באראָן ראָטשילד האָט איבערגענומען די גאנצע קאָלאָניע און האָט אָבגעקויפט ביי דעם אלטען ליבונתין זיין לאַנד, האָט מען יעדען פון די בילו׳יצעס געגעבען לאַנד און יעדערער פון זיי איז געוואָרען א זעלבסשטענדיגער קאָלאָניסט. זיי האָבען גענומען א לעבהאפטען אנטייל אין דעם גאנצען לעבען פון דער קאָלאָניע, אין איהרע רעוואָלוציאָנען גע־גען דער אדמיניסטראַציאָן און אין אַלע אנדערע געשעהענישען. נאָר ניט אַלע זיינען פערבליבען אין ראשון לציון. פיעלע זיינען אוועק פון דער קאָלאָניע און אין איינעם מיט דעם פון ארץ ישראל. א גרויסער טייל האָט זיך אָבגעטיילט פון דער ראשון־לציונ׳ער און אוועק צוריק ארבייטען אין מקוה ישראל. שפּעטער האָבען זיי זיך בעזעצט אין דער קאָלאָניע גדרה.

* * *

איצט געפינען זיך די מיטגליעדער פון דער חברה מייסטענס אין ראשון לציון און אין גדרה. איינצעלנע געפינען זיך אויך אין יפו און אין חדרה. פון אונזערע יפו׳ער חברים איז ערשט אין דעם יאָהר געשטאָרבען דר. שטיין פון פלעק־טיפוס אויף זיין פאָסטען אלס ארצט אין דער טער־קישער ארמעע אין ירושלים.

# די קאָלאָניע גדרה

די ערשטע צייט האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין ארץ ישראל ה' יחיאל מיכל פּינעס ע"ה. ער איז געשיקט געוואָרען אין ירושלים פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט מזכרת משה, וועלכע האָט געוואָלט פעראייביגען דעם אָנדענקען פון משה מאָנטעפיאָרע דורך בויען הייזער אין דער הייליגער שטאָדט.

ער איז געווען א משכיל, א גרויסער למדן און אן אויסגעצייכענטער שרייבער. ער האָט בעזעסען אין זיך אויך אלע נעגאַטיווע סמנים פון א תלמיד חכם: אן עקשן, עומד על דעתו און א נוקם ונוטר כנחש...

ווען ליבונתין איז געקומען אין ארץ־ישראל און האָט געגרינדעט דעם „ועד חלוצי יסוד המעלה" אום צו בויען די ערשטע קאָלאָניע אין לאַנד, איז באַלד געוואָרען אַ מחלקת צווישען זיי איבער דער פראַגע, וואו זאָל דער ועד האָבען זיין זיץ. פּינעס האָט געוואָלט ער זאָל זיין אין ירושלים כדי ער זאָל קענען נעהמען אין איהם אן אנטייל. ליבונתין האָט אָבער געזעהן, אז אלע נייע אידען קומען אין יפו און בעזעצען זיך דאָרט ביז זיי וועלען קענען קויפען פאר זיך לאַנד. פון דער אנדערער זייט האָט די ערשטע קאָלאָניע געקענט געגרינדעט ווערען נאָר ארום יפו וואו דאָס לאַנד איז פלאַך און ניט ארום ירושלים וואו דאָס לאַנד איז בערגיג. דעריבער האָט ער דעם ועד געמאַכט אין יפו. פון דעמאָלט אָן האָט פּינעס איינגעאַרידט דעם ועד און איז געוואָרען א גרויסער געגנער, כמעט א שונא, ליבונתינ'ען.

אז מיר, די בילו'צעס זיינען געקומען אין יפו, האָבען מיר זיך פריהער פון אַלעמען בעגעגענט מיט ליבונתינ'ען. מיר זיינען באַלד בעפריינדעט געוואָרען און געהאַלטען זיך פאר חברים אין דער ארבייט. אין ירושלים פאַהרען האָבען מיר ניט געהאַט קיין געלד און אויף עולה רגל זיין האָבען מיר אויך ניט געהאַט קיין צייט. מיר האָבען געוואַרט אויף אַ פּאַסענדער געלעגענהייט, און דאָס האָט שוין געמאַכט אַז פּינעס האָט אויף אונז געקוקט קרום.

## גדרה

אָבער אונזער ראָלע אין ארץ ישראל איז דאָן געווען וויכטיג און ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט אונז מקרב צו זיין צו זיך. אונזער ערשטע בעגעגעניש איז דוקא געווען ניט קיין פריינדליכע. אַזוי ווי ער, פּינעס, איז געווען מיט מיר פון איין שטאָדט, פון מאָהילעוו. האָבען מיינע חברים פון דאָרט געשיקט פאַר אונז, ביל״ו, צוויי הונדערט רובעל אויף זיין נאָמען. אין דעם בריעף איז געשטאַנען בלשון מליצה, אַז אונזער קאָלאָניע דאַרף פערשפּרעכען צו בליהען.

מיט דעם אויסדרוק האָט ער זיך בענוצט און האָט דאָס געלד ניט ארויסגעגעבען, ווייל ראשון לציון געפעלט איהם ניט, זי זאָגט ניט צו צו בליהען. נאָך אַמאָל איז צו איהם אָנגעקומען געלד פאַר אונז פון ביאַליסטאָק און צו מיר אַ בריעף איך זאָל פאָהרען אין ירושלים אָבנעהמען דאָס געלד. איך בין געפאָהרען. נאָר פּינעס האָט דאָס געלד ניט ארויסגעגעבען, זאָגענדיג אַז דאָס געלד איז געשיקט געוואָרען עס זאָל זיין אַלס פאָנד. אַזוי ווי איך האָב דעם דר. כאַזאַנאָוויטש ניט געשיקט קיין קבלה אויפ׳ן געלד, האָב איך פון איהם בעקומען נאָך אַ בריעף אין וועלכען עס איז געווען בפירוש געשריבען, איך זאָל פאָהרען צונעהמען דאָס געלד ביי פּינעס׳ן, עס אריינלעגען אין אונזער קאַסע אָדער צו־טיילען זיך צווישען אונז, ווי מיר געפינען פאַר נויטיג. פון פאָנד קיין וואָרט.

נאָר די רייבונגען, וועלכע זיינען צווישען אונז פאָרגעקומען צוליעב פערשיעדענע זאַכען, האָבען געבראַכט דערצו, אַז חול־המועד פסח איז אַ טייל פון אונזערע חברים אוועק קיין ירושלים און דאָרט האָבען זיי פּראָקלאַמירט פּינעס׳ן אַלס זייער פיהרער.

אונטער דעם איינפלוס פון פּינעס׳ן האָבען די חברים געלאָזען ראשון לציון און צוריק אוועק אַרבייטען אין מקוה ישראל, ווייל ער, פּינעס, האָט זיי צוגעזאָגט אַ בעסערע צוקונפט אין אַן אנדער קאָלאָניע. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די, וועלכע זיינען שפּעטער געקומען צופאָהרען פון רוסלאַנד און אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט אַ היבשע גרופּע וועלכע האָט געאַרבייט אין מקוה ישראל און געוואַרט צו ווערען קאָלאָניסטען אין אַן אנדער קאָלאָניע.

עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אַן אַנדער אידעע, וועלכע פּינעס האָט געוואָלט אויספיהרען. אזוי ווי אין ירושלים איז דעמאָלט געווען זעהר וועניג אינטעליגענטע קרעפטען, האָט ער צוגענומען עטליכע פון די בילו׳יצעס און האָט פון זיי געוואָלט מאַכען אַ בעזונדער גרופּע שטאָדטישע בעלי־מלאכות אונטער דעם נאָמען: „שיבת החרש והמסגר״. די חברים זיינען אַבגעווען אין ירושלים בערך אַ יאָהר צייט. אייניגע האָבען זיך זייער פאַך אויסגעלערנט. אָבער דערנאָך איז פון דעם גאָר נישט געוואָרען. כמעט קיינער ניט פון זיי, פון די חברים, איז ניט געבליבען אין לאַנד. נאָר איינער פון זיי האָט זיך אומגעקעהרט צו לאַנד־ארבייט.

* * *

און פּינעס האָט זיך ענדליך גענומען צו גרינדען אַ קאָלאָניע. ער האָט געקויפט אין דעם אראַבישען דאָרף ק א ט ר א אָדער ג ט ר א אַ שטיק לאַנד פון איבער דריי טויזענד דונאַם. אין דעם נאָמען פון דעם דאָרף האָט מען געקענט דערקענען דעם אַלטען נאָמען ג ד ר ה (יהושע טו, לו). דער פּלאַץ איז זעהר־אַ שעהנער. פון שפּיץ פון בארג, אויף וועלכען עס איז געבויט די קאָלאָניע זעהט מען פון צפון זייט די ווייסע הייזער פון ראשון לציון. אין מזרחית־צפונית, אַן ערך אַ שעה פאָהרען, זעהט מען גאַנץ דייטליך די קאָלאָניע „עקרון״ אין איהר גרינעם מאַנטעל פון אבקליפּטוס־בוימער; אין מערב זייט שיינט אַ בלאָער פּאַס פון ים הגדול און אין מזרח זייט די הויכע וואַנט פון די הרי יהודה. די געגענד האָט בכלל אַ געזונטען, פרישען קלימאַט און זעהר אַ פּרוכטבארען באָדען. דערי־בער איז זי זעהר בעפעלקערט. פון די פיעל אראַבישע דערפער, וועלכע מען זעהט פון דער קאָלאָניע, מוז מען דערמאָהנען דעם דאָרף י ב נ ה, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען דער גייסטיגער צענטער פון לאַנד נאָך דעם חורבן פון ירושלים.

פון דעם אידישען לאַנד איז בערך אַ העלפט געווען גוטער ווייץ־באָדען. די אַנדערע העלפט איז בעשטאַנען פון קליינע בערגלעך, וועלכע זיינען גוט פאַר פערשיעדענע פּלאַנטאַציעס: וויינגערטענער, אַליוועז־בוימער, מאַנדעל־בוימער און אַנדערע.

דאָס לאַנד האָט פריהער געהערט צו זעכצעהן פאַמיליעס עגיפ־טישע אַראַבער, דאָס הייסט די אַראַבער וועלכע עס האָט געבראַכט צופיהרען אין ארץ ישראל און סיריען אַלס קאָלאָניסטען איבראַהים־פּאַשאַ, וועלכער האָט אין נאָמען פון זיין פאָטער מחמד־עלי, דער כעדיוו פון מצרים, עראָבערט דאָס לאַנד פון טערקיי מיט אַכציג יאָהר צוריק.

אָט די אַראַבער וואוינען אין די דערפער צוזאַמען מיט די פריהער־דיגע איינוואוינער, נאָר צומישען זיך ניט מיט זיי און ביי שלעכטע אומ־שטענדען פערלאָזען זיי דאָס לאַנד און קעהרען זיך אום אין מצרים.

פון די זעכצעהן פאַמיליען איז דאָס לאַנד אַריבער פאַר חובות אין די הענד פון אַ רייכען אַראַבער און פון איהם צו אַ פראַנצויז פיליבער, און פון דעם פראַנצויז האָט דאָס אָבגעקויפט פינעס.

קיין געלד, פערשטעהט זיך, האָט פינעס אויף דעם ניט געהאַט. ער האָט איינפאַך געליהען געלד אין ירושלים און האָט אָבגעענדיגט די קניה. אין די ביכער פון דער רעגירונג האָט ער פערשריבען דאָס לאַנד אויף דעם נאָמען פון דעם רב אין בערלין, עזריאל הילדעסהיימער ז״ל, און אין די אויגען פון דער רעגיערונג איז ער און נאָך איהם זיינע יורשים די געזעצליכע בעזיצער פון דער קאָלאָניע.

פינעס האָט צוטיילט דאָס לאַנד אין פינף־און־צוואַנציג גלייכע טיילען צו הונדערט פינף־און־צוואַנציג דונאַם אַ טייל און האָט אַוועקגע־שיקט אַ שליח, ר׳ אברהם קאַפּעלמאַן, אין רוסלאַנד אום זיי צו פערקויפען דאָרט.

עס איז איהם, קאַפּעלמאַנ׳ען, געלונגען צו פערקויפען כמעט אַלע חלקים, אייניגע פון זיי צו פּריוואַט מענשען, נאָר דעם גרעסטען טייל צו פערשיעדענע חברות חובבי ציון אין מאָסקווע, ביאַליסטאָק, פּאָלטאַווע, כאַרקאָוו און אַנדער שטעדט.

נאָך דעם פאָרשלאָג פון פינעס׳ן האָבען די חברות אָבגעגעבען די חלקים לאַנד, וועלכע זיי האָבען געקויפט צו די ביל׳ו׳צעס און אויף אַזאַ אופן האָבען די צוועלף חברים, וועלכע האָבען נאָך געאַרבייט אין מקוה ישראל, אויך געקאָנט ווערען קאָלאָניסטען.

און ווען איך האָב נאָך דער ערשטער ראשון־לציון׳ער רעוואָלוציאָן געמוזט אוועק פון ראשון לציון, האָב איך אויך געקויפט א חלק לאנד אין גדרה. שפּעטער, נאָך דער צווייטער רעוואָלוציאָן איז אהין אויך אריבער מיין ברודער. א חוץ דעם האָבען נאָך צוויי יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ארץ ישראל, אויך בעקומען חלקים לאנד און זיינען אויך פערערכענט געוואָרען אלס קאָלאָניסטען אין דער נייער קאָלאָניע.

אין ארץ ישראל איז נאָך דאן א חוץ איין דייטש נאָך ניט געווען קיין שטודירטער פעלד־מעסטער. דעריבער האָבען די כארקאָווער חובבי ציון געגעבען א חלק לאנד איינעם פון זייערע חברים, מרדכי לובמאַן, וועלכער איז געווען א גוטער פעלד־מעסטער, און זיי האָבען איהם גע־שיקט אלס קאָלאָניסט אין גדרה.

י״ט תמוז, תרמ״ד האָבען מיר פרעהליך אָבגעהוליעט א גאנצע נאכט אונזער ביל׳ו יום־טוב, דעם טאָג וואָס מיט אָוויי יאָהר צוריק זיינען די ערשטע פון אונז אָנגעקומען אין ארץ ישראל און אויף מאָרגען זיינען מיר אוועק אין גדרה מעסטען דאָס לאנד און צוטיילען זי אין גלייכע חלקים.

עס זיינען אריבער נאָך עטליכע חדשים און ענדליך דעם ערשטען טאָג חנכה תרמ״ה האָבען די לעצטע חברים פון ביל׳ו פערלאָזען מקוה ישראל און געקומען בעזעצען זיך אויף שטענדיג אין דער נייער קאָלאָניע ג ד ר ה.

* * *

נאָך פריהער האָט פינעס געהאט אויסגעבויט אין גדרה א קליין הילצערנע שטיבעל, אייגענטליך א באראק פון ברעטער פינף מעטער די לענג און פינף מעטער די ברייט. אָט אין דעם באראק האָבען זיך בעזעצט די צוועלף קאָלאָניסטען פון דער נייער קאָלאָניע. צום שלאָפען האָבען זיי ארום די ווענט געמאכט ברייטע בענק, נ א ר ע ס, וועלכע זיי האָבען אויסגעלעגט מיט ראָגאָזשעס. צו איין זייט פון שטיבעל האָבען זיי צוגעוואָרפען דריי ווענטלאָך מיט א דאָך. דאָס איז די ערשטע צייט געווען

א שטאַל פאַר דעם אייזעל און א שפּייכלער פאַר די כלים צו דער אַרבּייט. שפּעטער אַבּיסעל איז פון שטאַל געוואָרען אַ וואוינונג פאַר אַ פּאָר פּאַלק...

דער אייזעל איז געווען דער איינציגער מיטעל צו קאָמיוניקירען מיט דער איבעריגער וועלט. אויף איהם פלעגט מען ברייגגען אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט פון ראשון לציון. די ערשטע צייט פלעגט מען פון דאָרט ברייגגען אויך ברויט. נאָר באַלד האָט מען געזעהן אַז דאָס איז געווען אונמעגליך. אין די רעגען טעג, וועלכע האָבען זיך שוין דאַן אָנגעהויבען, האָט פון די בלאָטעס ניט נאָר אַן אייזעל, נאָר אפילו אַ פערד ניט געקענט ארויסשלעפּען די פיס.

דעריבער האָבען די קאָלאָניסטען אויסגעגראָבען א גרוב אין דער ערד און אין זייט פונ׳ם גרוב א לאָך, ווי אַן אויוועז, און אין דעם אויוועז האָט מען געבּאַקען ברויט. ביים הייצען דעם אויוועז מיט ק ו ר א י , אַ מין שטעכעדיגער קוסט, פלעגט זיין אזא-שרעקליכער רויך, אַז עס איז געווען שווער אריבערצוטראָגען. דאָס ברויט אַליין פלעגט אמאָל ארויס־געהן אין גאַנצען פערברענט און נאָך אָפּטער רוי ווי טייג, נאָר א ביל׳ו׳שער מאָגען האָט אַלץ געקענט אריבערטראָגען. געקאָכט און געבּאַקען האָבען, פערשטעהט זיך, די קאָלאָניסטען אַליין. פאַר פרויען איז נאָך דאַן אין גדרה קיין פּלאַץ ניט געווען.

נאָר ווען עס איז געוואָרען זומער האָבען די קאָלאָניסטען געלאָזען דעם אייזעל אויף לופטקור, דאָס הייסט, געלאָזען איהם שטעהן דרויסען און אין זיין שטאַל האָט זיך בּעזעצט איינער פון די קאָלאָניסטען מיט זיין פרוי. די איבריגע פרויען האָבען נאָך דאַן געוואוינט אין ראשון לציון און זייערע אָנגעהעריגע פלעגען געוועהנליך צו זיי פאָהרען אויף שבת. די קאָלאָניסטען זיינען געווען בעקאַנט מיט דעם נאָמען „ס ו ב אָ ט ־ נ י ק ע ס״.

נאָך אין דעם ערשטען ווינטער האָבען זיך די קאָלאָניסטען גענומען פלאַנצען אַ ווייגגאָרטען. אין דעם איז דערוויל בעשטאַנען די גאַנצע אַרבּייט. אַקערען און זייען האָבען זיי ניט געקענט, ווייל זיי האָבען נאָך ניט געהאַט קיין פערד און קיין אינסטרומענטען. אין דעם יאָהר האָבען נאָך

די אראבער געארבייט אויף זייערע פעלדער. אין געלד איז איבערהויפט געווען א אגרויסער דחק און מען האט קוים געקענט אויסקומען מיט דער הוצאה מיט דעם געלד, וואס פינעס פלעגט ארויסגעבען אין נאמען פון די רוסישע חובבי ציון.

נאך פסח איז געקומען צופאהרען אין ארץ ישראל אלס שליח פון אלע רוסישע חובבי ציון ק. ז. וויסאצקי ז״ל. ער האט געהאט א מיסיאן צו בעקענען זיך אויפ׳ן ארט מיט דער לאגע פון גדרה, פתח תקוה און יסוד המעלה, און זעהן העלפען זיי ווי נאר מעגליך. ספעציעל האט זיך וויסאצקי אינטערעסירט מיט גדרה און מיט די ביל״ו׳יצעס, איהרע קאלאניסטען.

און דאן איז פארגעקומען א זאך, וועלכע איז וועניג בעקאנט אפילו אין אינטימסטע קרייזען פון חובבי ציון און ציוניסטען און דארף מאכען עהרע די ביל״ו׳יצעס. עס איז דאן געווען די בליהונגס־צייט פון דער אדמיניסטראציע אין די קאלאניען פונ׳ם באראן, און וויסאצקי האט גע־וואלט איינפיהרען די זעלבע ארדנונג, אדער די זעלבע אונארדנונג, אין גדרה. ער האט שוין געהאט א קאנדידאט, וועלכען עס האט זיך שטארק געוואלט שפיעלען א ראלע פון א דירעקטאר און וועלכער האט זעהר גע־ווירקט אויף וויסאצקי׳ן. נאר די קאלאניסטען פון גדרה האבען קאטעגאריש ערקלערט, אז זיי וועלען קיין דירעקטאר אויף זיך ניט האבען; אויב ער, וויסאצקי, וויל זיי שטיצען, וועלען זיי די שטיצע אננעהמען און וועלען איהם זיין דאנקבאר; אבער אויב ער וויל נאר ארייננזעצען א דירעקטאר אין דער קאלאניע, ווילען זיי זיין שטיצע ניט. דער קאטעגארישער ענטפער און די פעסטקייט, מיט וועלכער זיי זיינען געשטאנען אין דעם ענין, האט געווירקט, און די קאלאניע גדרה האט אויסגעמידען די מכה פון אדמי־ניסטראציע.

אום שטארקער צו מאכען די קאלאניע האט וויסאצקי אהין צוגע־נומען אלס קאלאניסטען די בעסטע יונגע לייט פון ראשון לציון: אונזער אלטען בעקאנטען, דעם בעריהמטען „לוליק״, און די צוויי ברידער חנקין, די זיהן פון דעם „דיאדקא״.

# גדרה

ער האט אראנזשירט די רעגעלמעסיגע אונטערשטיצונג פון דער קאלאניע און אוועקפאהרענדיג האט ער איבערגעגעבען די זארג איבער איהר צוקונפט צו ה׳ אברהם מויאל ז״ל און זיין סעקרעטער אליעזר רוקח.

ווען מיר זאלען וועלען אויסדריקען גאנץ קורץ, וואס איז געווען די אורזאכע, פאר וואס די קאלאניסטען פון גדרה האבען געדארפט ליידען זעהר לאנג און אפטמאל פערצווייפעלט קעמפפען פאר זייער צוקונפט און פאר זייער קאלאניע, וואלטען מיר געקענט זאגען, אז די איינציגע אורזאכע איז געווען זייער ארימקייט, דער מאנגעל אין געלד ביי זיי און ביי זייערע בעשיצער, די חובבי ציון פון רוסלאנד.

נאר אויב מיר וועלען זיין גענויער, וועלען מיר מוזען אנגעבען דריי אורזאכען, צוליעב וועלכע די קאלאניסטען פון גדרה האבען געליטען מעהר און לענגער פון די קאלאניסטען פון אלע אנדערע קאלאניען, און דאס זיינען: מאנגעל אין הייזער, מאנגעל אין וואסער און די פיינדשאפט פון זייערע אראבישע שכנים.

ווען מען האט געדארפט בויען די ערשטע קאלאניען האט מען קיין בוי־ערלויבעניש ביי דער רעגירונג ניט גענומען. מען האט זיך פשוט געשטעלט בויען ניט פרעגענדיג קיין שאלות. די בעאמטע פון דער רעגירונג האבען אליין ניט געוואוסט, אז מען דארף נעהמען א רוכסיה, ד. ה. א בוי־ערלויבניש. שפעטער אבער האבען זיי זיך געכאפט און געווארען שטרענגער. דער ערשטער העכערער בעאמטער מיט וועלכען די קאלאניסטען פון גדרה האבען געדאפט האבען צו טהאן איז דער קיימאקאם פון עזה. און דאס איז פאר גדרה געווען א גרויסע צרה. אין יפו, אין חיפה, אין צפת און אין טבריה איז דא א אידישע בעפעלקערונג און אין דער בעפעלקערונג האט מען אלע מאל געקענט געפינען א מענשען, וועלכער איז געשטאנען נאהענט צום קיימאקאם, זאגען אמאל א גוט ווארט און זיין איבערהויפט א פערמיטלער צווישען די קאלאניסטען פון זיין ראיאן און זייערע בעאמטע. עזה איז אבער גאנץ ווייט, אידען זיינען אין איהר דא גאנץ וועניג און גדרה איז א לאנגע צייט געווען די

איינציגע קאָלאָניע, וועלכע האָט בעלאַנגט צו עזה. די בעאַמטע זיינען געווען פאַנאַטישע, איינפאַכע מענשען און דאָס האָט זעהר שלעכט גע־ווירקט אויף דעם פּאָליטישען לעבען פון גדרה.

אַ בוי־ערלויבעניש אויף צו בויען אַ נייע שטאָרט מוז מען נעהמען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָס דאַרף קאָסטען געלד. אַ חוץ דעם, ווען מען בענוצט ניט די ערלויבעניש אַ געוויסע צייט פערליערט זי איהר קראַפט און מען מוז נעהמען אַ נייע. דעריבער איידער מען נעהמט די נויטיגע רוכסיה מוז מען שוין אָנגרייטען דאָס געלד צו בויען און וועגען דעם האָבען די קאָלאָניסטען ניט געקענט אפילו חלומ׳ען. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי קיין ערלויבעניש צו בויען ניט געהאַט און די בעאַמטע פון עזה האָבען שטאַרק אכטונג געגעבען מען זאָל ניט בויען. זיי האָבען אָנגעזאָגט די אַראַבער פון שכנ׳ישען דאָרף, אַז זיי זאָלען באַלד קומען דערצעהלען, ווען די אידען וועלען עפּעס נעהמען טהאָן מכח בויען.

די קאָלאָניסטען האָבען געקענט נאָר טהאָן קליינינגקייטען און באַלד זיינען צוגעוואָרפען געוואָרען צו דריי ווענטלאַך צו די ווענט פון דער „גרויסער" הויז און דאָרט האָבען זיך בעזעצט פאַמיליען. פון דער גרויסער הויז האָט מען געקענט זעהן נאָר די איינציגע צפון וואַנט, ווייל מען האָט ניט געוואָלט פערשטעלען דאָס איינציגע פענסטער.

איין מאָל האָבען די קאָלאָניסטען אויסגעבויט ביי דעם אריינגאַנג פון זייער פּאַלאַץ אַ היהנערשטייג, אַ קוראַטניק, ווי מיר האָבען דאָס גערופען אין רוסיש. ווען דער קוראַטניק איז געווען פאַרטיג, האָבען מיר זיך אַרומגעזעהן, אַז אין איהם קען לעבען אַ פּאָר פאָלק, און איידער די היהנער האָבען זיך דאָרט בעזעצט, האָט דעם פּלאַץ פערנומען אַ יונגע פאַמיליע. מיר האָבען דעם היהנער־שטייג משנה השם געווען און אַ נאָמען געגעבען דער ד אָ ר ט . . .

און דער דאָרט האָט אונז געבראַכט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט אונ־זערע שכנים נאָך איידער ער איז געוואָרען אַ וואוינהויז. אין דעם טאָג ווען דער „גרויסער" בנין איז פאַרטיג געוואָרען האָט איינער פון אונז, יוסף ליב ליס, געכאַפּט אויפ׳ן שייער אַ גנב און האָט איהם גוט אויסגע־

פאטשט, טאקע מיט דער בייטש. דער אראבער איז אנטלאפן אין דארף מיט קולות: „קאטאלוני אל יהוד", ד. ה. אידען האבען מיך געהרג'עט, און באלד איז זיך צונויפגעלאפען דער גאנצער דארף, א מאן זיבעציג א חוץ פרויען, מעהר אדער ווייניגער ערוואקסענע קינדער מיט די שייכס אן דער שפיץ. מיר זיינען געווען אויפ'ן פלאץ צוועלף מענשען. מיר זיינען אלע ארויסגעגאנגען און צושטעלט זיך אין א שורה מיט אונזערע פיאשען אין די הענד אלס געוועהר. אין מיטען איז געשטאנען דער, וועלכער איז געווען אויך דער בעסטער רעדנער אויף אראביש, לוליק. א פריהער האַבען די שייכס גענומען שרייען פאר וואס האט מען געשלאגען א בירגער פון זייער דארף? „ווייל ער איז א גנב", האט מען זיי געענטפערט. פלוצלונג האבען זיי אנגעהויבען שרייען: „פאר וואס האט איהר איסגעבויט א נייע הויז: די רעגיערונג האט דאך אונז אנגעזאגט מיר זאלען אייך ניט לאזען בויען? „פאר וואס האט איהר געשלאפען און ניט געהיט?", האט מען אויף דערויף געענטפערט. דער שייך איז שטארק אין כעס געווארען, האט אראבגעווארפען פון זיך זיין מאנטעל און האט א געשריי געטהאן: „יאללא יא וולאד, איקסרו", ד. ה. ברעכט, חברה. נאר לוליק האט פערקאטשעט די ארבעל און האט א געשריי געטהאן: „ווער וויל צוגעהן דער ערשטער?". מיר האבען זיך אויך מיט אן ערנסטער מינע גענומען פאר די פיאשען און די אראבער האבען ניט געוואגט צוצוגעהן. דאן האט לוליק דעם שייך אבגעלייענט אזא צעטעל אויף אראביש, אז ער איז פאר שאנד אנטלאפען געווארען און מיט איהם דאס גאנצע דארף.

איינע פון די שווערסטע פראגען איז א לאנגע צייט געווען אין גדרה די פראגע פון וואסער. קיין קאלאניע האט אזוי לאנג ניט געליטען פון דעם מאנגעל אין וואסער ווי די קליינע קאלאניע.

אייגענטליך האבען די קאלאניסטען, וועלכע האבען בעזעסען א זעקסטעל טהייל לאנד פון דארף, געהאט א זעקסטעל טהייל אין ברונען, נאר זיי האבען זייער רעכט ניט געקענט אויסנוצען, ווייל דער ברונען איז געווען א שותפות'דיגער און די אראבער זיינען געווען די גרעסערע, די מעכטיגערע, די צאהל-רייכערע שותפים.

# גדרה

ערשטענס פלעגט דער דארף אום ווינטער גאר ניט בענוצען דעם ברונען, מען פלעגט פון איהם אראפנעהמען די גאנצע איינריכטונג צו שעפען וואסער. דאס גאנצע דארף פלעגט בענוצען נאר דאס רעגען־וואסער, וועלכע פלעגט זיך קלייבען אין דעם שכנות׳דיגען ו ו א ד י. (וואדי הייסט אין ארץ ישראל אזא מין גראבען אין וועלכען עס קלייבט זיך אן וואסער, ווינטער אין די רעגען־צייטען).

דער וואדי, וועלכער געפינט זיך ביי גדרה, הייסט וואדי־צראר. ער קומט פון די בערג און זאמעלט אין זיך איין דאס רעגען־וואסער פון א גרויסען געגענד. ניט ווייט פון זיין ארייןפאלען אין ים, הינטער דער קאלאניע ואדי־חנין, ווערט ער א שטענדיגער טייכעל, וועלכען די אראבער רופען: נביא רובין, ווייל אויף זיין ברעג געפינט זיך, ווי זיי גלויבען, דער קבר פון ראובן בן יעקב. אין העבּרעאיש הייסט דער וואדי נחל שורק. ווען עס געהט עטליכע טעג א רעגען ווערט דער וואדי פער־וואנדעלט אין אן אמת׳ען רוישענדען טייך, וועלכער צוגיסט זיך אמאל זעהר ברייט. נאר באלד ווי דער רעגען הערט אויף, לויפט דאס גאנצע וואסער אראב און דער וואדי ווערט אויסגעטריקענט. נאר אין די טיעפערע ערטער בלייבט שטעהן אביסעל וואסער, וועלכע קען זיך אמאל דערוואַרטען אויף א נייעם רעגען. דאס ביסעל וואסער לויפט ניט. עס איז שמוציג, בעקומט א שלעכטען, זומפיגען ריח און טויג אבסאלוט ניט צום טרינקען. און דאס וואסער טרינקען דאך די אראבער דעם גאנצען ווינטער. און טאמער איז נאך דאס וואסער ווענינ שלעכט, געהען נאך די אראבישע פרויען דארט וואשען זייערע וועש און דער פארבייגעהענדער אראבער וואשט דארט אב זיינע פיס.

אט אזא סארט וואסער זיינען די קאלאניסטען פון גדרה געוועזן געצוואונגען צו טרינקען מעהר ווי דריי ווינטערס! נאך איצט געהט אריבער א שוידער איבער די קאלאניסטען, ווען זיי דערמאהנען זיך אויף יענער צייט, אויף יענער וואסער וואס מען האט געמוזט טרינקען אינאיי־נעם מיט די ווערים און פיאווקעס, וועלכע פלעגען זיך דארט געפינען אין א גרויסער צאהל. די ליכטיגסטע מאמענטען זיינען געוועזן די רעגען־טעג.

מען פלעגט דאן אנפילען מיט רעגען־וואסער אלע כלים, וועלכע מען האט נאר געהאט, און א פאר טעג האט מען געקענט הנאה האבען פון א טרונק וואסער.

ערשט שפעט נאך פסח, ווען עס פלעגען זיך אויסטריקענען אלע בלאטעס, אלע זומפען אין וואדי, פלעגען די אראבער ענדליך אנהויבען צו בענוצען דעם ברונען. נאר קיין גרויס פערגעניגען פלעגען מיר פון דעם ברונען ניט האבען. ערשטענס, איז די איינריכטונג געווען זעהר א איינפאכע. א לאנגער שטריק פלעגט זיך ציהען ארויף און אראב און צו איהר זיינען געווען צוגעבונדען ליימענע קריגלאך. דער שטריק איז געווען געמאכט פון גראז — איינענע אראבישע פאבריקאציע — און פלעגט פוילען אין וואסער. דערפון בעקומט דאס וואסער זעהר א שלעכטען געשמאק און ריח, און עס פלעגט זיין זעהר אונאנגענעהם עס צו טרינקען. דערצו נאך איז די גאנצע איינריכטונג פון ברונען און פון שעפען דאס וואסער געווען זעהר א שלעכטע. דער דארף גיט אב דאס שעפען פון וואסער אן אונטערנעהמער, וועלכער שטעלט אוועק א גמל (א קאמעל) צו דרעהען די ראד. דערפאר בעקומט ער, דער אונטערנעהמער, פון יעדען בעל־הבית פון דארף אין שניט־צייט אביסעל ווייץ אדער גערשטען. ביי אונז פלעגט ער פערלאנגען געלד, און יעדען זומער פלעגט ער אלץ העכערען דעם פרייז. נאר גאנץ אפט פלעגט ער גאר ניט דרעהען דעם ברונען און די קאלאניסטען פלעגען עס דארפען אליין טהאן מיט זייערע אייגענע פערד, ווען זיי פלעגען קומען נעהמען וואסער.

ביי די אראבער איז דאס בעזארגען דאס הויז מיט וואסער איינע פון די וויכטיגסטע ארבייטען פון די פרויען. אין געוויסע שטונדען פון טאג, אזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה לעת צאת השואבות, דאס הייסט, ווען עס געהען ארויס די שעפערקעס, געהען אלע פרויען ארויס פון דארף, גרויסע און קליינע, אלטע און יונגע, מיט די קרוגען אויף די קעפ צו שעפען וואסער. ביים ברונעם איז זייער גאנצער קלוב. דארט שמועסט מען איבער אלע פאליטישע נייעסען פון דארף און פון דער גאנצער וועלט. מען קריעגט זיך, מען בייזערט זיך צווישען זיך און מען פער־

ברייננט אביסעל די צייט. און ווען מען דארף פערברייננגען ביים ברונען נאך א שעה צייט, מאכט אויך ניט אוים. ווען א העלפט קריגלעך זיינען צובראכען ארט דאס אויך קיינעם ניט. ווען דער גמל איז ניטא, שפּאנט מען זיך אליין איין און מען דרעהט דעם ראד עס זאל געהן וואסער.

דאס אלעס האט ניט געפּאסט פאר אונז, קאלאניסטען, וועלכע פלעגען וועלען שנעל אנגיסען די פעסער מיט וואסער און פאהרען אהיים צו דער ארבייט. און גאנץ אפט, ביי יעדען קריעג מיט'ן דארף, פלעגען די שייכעס גוזר זיין, אז מען זאל אונז גאר ניט געבען קיין וואסער. מיר פלעגען דאן מוזען ברייננען וואסער פון דעם דארף בעשיד וועלכער איז געווען גאנץ וויים, און דאס פאהרען הין־און־צוריק פלעגט צונעהמען א סך צייט.

דער סוף איז געווען, אז ווינטער פלעגען מיר ווארטען ווען וועט שוין ווערען זומער, און זומער פלעגען מיר ווארטען אויף ווינטער. דער בעסטער, דער נאטירליכסטער אויסוועג איז געווען מיר זאלען האבען אן אייגענעם ברונעם. וועגען דעם האבען מיר אלע מאל גע'חלום'ט. נאר דערצו האט מען געדארפט האבען צוויי זאכען: אן ערלויבעניש און געלד.

ענדליך זיינען דיביידע פראגען פערענטפערט געווארען.

די אדמיניסטראציאן פון באראן ראטשילד, האט אונז געהאלפען צו בעקומען די ערלויבעניש און דער באראן האט אונז בעווילינט דאס נויטיגע געלד, אום אויסצוגראבען דעם ברונען און מאכען די נויטיגע איינ־ריכטונגען.

שווער איז געווען די ארבייט.

ביז מיר האבען געפונען וואסער האט מען געדארפט גראבען אכט־און פערציג מעטער אין דער טיעף. גאנץ אפט דורך הארטען פעלזען, וועלכע מען האט געדארפט אויפרייסען מיט פולווער. נאר די מיה איז געווען ווערטה! דער ברונען איז איינער פון די בעסטע אין ארץ ישראל, מיט זיסע, קאלטע, געשמאקע וואסער. ער געפינט זיך אין א טיעפען טהאל, נאר א שטארקער מאטאר טרייבט ארויף דאס וואסער אויף'ן בארג אין אלע הייזער.

מיט דעם מאַטאַר איז אויך פּערבונדען אַ מיהל, וועלכער דעקט די הוצאות פון בעטריב. צוזאַמען מיט דעם איז אויך איינגעריכטעט אַ וואַנע־באַד מיט אַ דוש, און מען קען זאָגען, אַז די קאָלאָניע האָט פּשוט אָבגעלעבט.

די דאַנקבאַרקייט פון די קאָלאָניסטען צום באַראָן האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ און זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען זייער ברונען „באר בנימן״. אויף אַ מאַרמאָרענעם טאַפעל האָבען זיי אויפגעשריבען די ווערטער: „באר בנימן בן יעקב ידיד אל״. די גימטריה פון די אותיות איז „תרמ״ח״, וואָס איז דער יאָהר, אין וועלכען דער ברונען איז געבויט געוואָרען.

כמעט פיער יאָהר האָבען זיך די קאָלאָניסטען פון גדרה געפּלאָגט אָהן וואַסער.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז ווי דער ברונען איז פאַרטיג גע־וואָרען, האָבען אָנגעהויבען די אַראַבער, בעזונדערס פאַסטוכער, צו קומען נעהמען פון איהם וואַסער אָדער צו געבען טרינקען זייערע בהמות, אָבער מיר האָבען זיי ניט געצאָהלט מדה כנגד מדה און געלאָזען נעהמען וואַסער אָהן געלד.

די פראַגע פון געביידען האָט וואָס מעהר און מעהר געפּייניגט די יונגע קאָלאָניסטען פון דער יונגער קאָלאָניע. מען האָט זיך געדרענגט אין די שטיבלעך, וועלכע האָבען פריהער געהערט דעם אייזעל און די היהנער, אָדער איז ווינגסטענס געוועזן בעשטימט פאַר זיי. איין זומער האָט מיין שוועסטער, וועלכע האָט שוין צו יענער צייט חתונה געהאַט מיט דעם בעקאַנטען לוליק׳ען, אָבגעוואוינט אין א ב י ת ־ ש ע ר, דאָס הייסט אין אַביידעל פון טוך, וועלכעס איז געוועבט פון ציגען־האָר. פון דעם טוך ווערען געמאַכט די שוואַרצע אהלי־קדר, די בעדואינען־ביידלעך.

נאָר ווען פון מענשען האָט מען געקענט פערלאַנגען פּלאַגעניש, קרבנות, האָט מען דאָס ניט געקענט פערלאַנגען פון פערד. דעריבער, אַז עס איז געקומען דער צווייטער ווינטער און מען האָט געוואָלט שטעלען זיך אַרבייטען, און בעשלאָסען צו קויפען פערד צום אַקערען, האָט זיך גע־שטעלט די פראַגע: וואו וועט מען די פערד האַלטען? מען האָט ניט

געקענט האַלטען זיי אונטער'ן הימעל, ערשטענס דערפאר, ווייל זיי וואָלטען פון די רעגענס קראנק געוואָרען און געפאַלען; צווייטענס דערפאר, ווייל עס וואָלט געווען שווער זיי איינצוהיטען און מען וואָלט זיי געוויס צוגע'גנב'עט. מען האָט געמוזט אויסבויען פאר זיי א שטאַל און דוקא א גרויסען שטאַל.

נאָר אויף צו בויען אזא שטאַל האָבען געפעהלט צוויי זאכען: אַן ערלויבענים פון דער רעגיערונג און געלד. אום אויסצוקומען אָהן דער ערשטער זאך און אויסגעבען וואס ווייניגער פון דער צווייטער, זיינען מיר געפאַלען אויף אַ פּלאַן צו אויסבויען אַ שטאַל פון א גאַנץ נייעם טיפּ: מיר האָבען בעשלאָסען צו מאַכען דעם שטאַל אין דער ערד. מיר האָבען אויסגעגראָבען אַ גרוב פון צוואַנציג מעטער די לענג, פיער מעטער די ברייט און צוויי מעטער די טיעף. אויף דעם גרוב האָט מען נאָר געדארפט אוועקשטעלען א דאך און דער שטאַל איז פארטיג. ביים גראָבען דעם גרוב האָבען מיר זיך צום אָנהויב געוואָלט בענוצען מיט אַראַבישע ארבייטער־ספּעציאַליסטען. נאָר די אַראַבישע שכנים האָבען זיך עטוואָס דערוואוסט. זיי האָבען באַלד אַוועקגעשיקט אַ ידיעה אין עזה און סאָלדאַטען זיינען גע־קומען און האָבען צוטריבען די אַראַבישע ארבייטער, אייניגע פון זיי זאָגאר ארעסטירט. מיר האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַלעם אליין, מיט אונזערע איי־גענע הענד. דעם דאַך האָט מען אויסגעארבייט און פארטיג געמאַכט אין ראשון לציון, און מיר האָבען איהם טיילווייז אַריבערגעפיהרט אין גדרה, אויך האָבען מיר אריבערגעפיהרט די דאַך־ציגעל, מיט וועלכע מען דעקט ביי אונז די דעכער. און אז אַלץ איז געווען אויף'ן פּלאַץ, האָבען מיר אין א י י ן נאַ כ ט אַרויפגעשטעלט דעם דאַך און צוגעדעקט מיט די ציגעל, און ווען די אַראַבישע שכנים האָבען געקענט בעמערקען אונזער אַרבייט, איז שוין אַלעם געווען פיקס און פּערטיג! דאָס איז געווען ווירקליך אַ ריעזיגע ארבייט און איינע פון די שעהנסטע געשעהענישען פון דער געשיכטע פון ישוב!

און אין טערקיי, אז עטוואָס איז אויסגעבויט, בלייבט דאָס. אראַב־וואָרפען, רואינירען אַ געביידע, דאָס איז געגען דער מחמד־אנישער מאָראַל, געגען די טערקישע געזעצען.

דער בנין אַליין האָט געהאַט אַלע מעלות, וועלכע מ׳האָט געקענט פון איהם פערלאַנגען. ער איז געווען פאַלשטענדיג זיכער פון גנבות. ער האָט געהאַט נאָר איין איינציגע טהיר אויף אריינגעהן און ארויסגעהן. קיין ווענט האָט מען ניט געקענט אויסברעכען, ווייל ער האָט זיי ניט געהאַט. דער דאך איז געווען אַ הויכער און אונטער איהם אַ בוידעם, וואו עס איז געווען גענוג פּלאַץ פאַר שטרוי, וועלכע ווערט בענוצט ביי אונז אַלס פוטער פאַר פערד אַ חוץ דעם האָט מען נאָך אררדאַנזשירט אין שטאַל צווי חדרים: איינעם אויפ׳ן בוידעם, וואו עס האָט זיך בעזעצט אַ גאַנצע פאַמיליע און איינעם אונטען, וואו עס האָבען געקענט שלאָפען פיער יונגע לייט. אפשר ניט אַלע וואָלטען געקענט דאָרט שלאָפען, נאָר מיר זיינען שוין געווען נאָך פון ראשון לציון צוגעוועהנט צו דער שכנות פון פערד...

דער שטאַל האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט צו נעהמען זיך ערנסט פאַר דער ארבייט. מיר האָבען געקויפט פערד (איינעם פאַר יעדען קאָ־לאָניסט), פלוגען און מיר האָבען זיך געשטעלט אַקערן און זעען. די אראַבער פלעגען קומען אין גרויסע גרופּען צו זעהן ווי אידען אַקערען, צו זעהען אונזערע אייראָפּעאישע פלוגען און נאָך אנדערע זאכען, וועלכע זיינען זיי געווען פרעמד און נייע.

דער ערשטער יאָהר פון ארבייט האָט אונז בעוויזען, אַז אונזער לאַנד איז ניט קיין שלעכטע, נאָר זי איז אויסגעשעפּט פון די פריהערדיגע בעלי־בתים, וועלכע מיסטיגען דאָס לאַנד קיין מאָל ניט און לאָזען זי ניט אויסרוהען. אונז האָט זיך זעהר געוואָלט ארויפלייגען אויף איהר אַביסעל מיסט. און מיסט איז טאַקע געווען זעהר פיעל אין אראַבישען דאָרף. די אראַבער זאַמלען די מיסט פון זייערע שטאַלען אין הויפענס ביי זייערע דערפער. אין משך פון יאָהרען קלייבען זיך ביי יעדען דאָרף בערג מיט מיסט, וועלכע ווערט איבערגעבּרענט און האָט ניט קיין שלעכטען ריח. אויף די מיסט־בערג, מזבלעס (פון דעם העבּרעאישען וואָרט זבל — מיסט), פאַרברייינגען די אראַבער זייערע ליידיגע שטונדען. רעדען פון פּאָליטיק און דערצעהלען זיך מעשיות.

אזוי ווי פאר די אראבער האט דער מיסט קיין ווערטה ניט געהאט, פלעגען זיי די ערשטע צייט ערלויבען נעהמען איהם אומזיסט. שפעטער זיינען זיי קליגער געווארען און האבען אנגעהויבען צו פערלאנגען געלד. מיר האבען געקוקט אויף די בערג מיסט ארום דעם אראבישען דארף, פונקט אזוי ווי קעניגע קוקען אויף די רייכע פראווינצען פון זייערע שכנים. ס'האט זיך אונז זעהר געוואלט פערנעהמען זיי, נאר אונז האט געפעהלט איין קלייניגקייט — וועגען. א וואגען האט געדארפט קאסטען דריי הונדערט פראנק. פאר דער גאנצער קאלאניע האט דאס געשמעקט מיט אן אויסגאבע פון עטליכע טויזענד פראנק און דאס איז פאר אונז געווען אונמעגליך. אבער אויף אלץ קומט א צייט: אונזער קאלאניע האט בעזוכט אליהו שייד, דער געוועזענער אינספעקטאר פון באראן ראטשילד איבער אלע זיינע קאלאניען. ער איז געקומען צוזאמען מיט דעם דירעקטאר פון ראשון לציון און מיט דעם אגראנאם קאוועלאן. זיי האבען אלע בעוואונדערט די שעהנע וויינגערטענער, ווילכע מיר האבען שוין געפלאנצט, שייד האט אויסגעהערט אונזער געשיכטע און איז בעקאנט געווארען מעהר אדער ווייניגער מיט אונזער לאגע, און אין נאמען פון באראן ראטשילד האט ער אונז געשענקט זעקס וועגען. די וועגען זיינען געווען גרויסע, פאר א פאאר פערד יעדער, און ווייל יעדער קאלאניסט האט געהאט נאר איין פערד, האבען צוויי קאלאניסטען צוזאמען בעקומען איין וואגען.

מיר האבען לאנג ניט געווארט און גענומען שטורמען די בערג מיסט. דאס איז געווען א זומער פון דער שווערסטער קאטארזשנער ארבייט. יעדערען האט זיך געוואלט בעמיסטיגען וואס מעהר לאנד און מען פלעגט ארבייטען פון פארטאג ביז שפעט אין דער נאכט. ביי די מיסט פלעגט מען די ארבייטער ניט קענען זעהען. זיי זיינען געווען איינגעוויקעלט אין א געדיכטען וואלקען פון שטויב. די הענד, די פנים'ער זיינען געווען שווארץ. מען פלעגט שפייען מיט שווארצע בלאטע. און אפשר מיינט איהר, אז אין אבענד פלעגט מען קענען נעהמען א וואנע פון הייסע וואסער, א דוש — זאלט איהר קיין טעות ניט האבען. עס איז אפילו קיין איינפאכע קאלטע וואסער ניט געווען! נאר אונזער ציעל

האבען מיר דערגרייכט. נאך דעם ווי אונזער באדען איז געווען אנגעמיסטיגט האט שוין ווייץ געקענט אפטמאל געבען פופצעהן מאל און גערשטען זאגאר צוואנציג אדער אפילו פינף און צוואנציג מאל.

דער וויזיט פון שייד'ן האט אויך מיטגעבראכט אז די אדמיניסטראציאן פון באראן, וועלכע האט אויך געהאט פערבינדונגען אין קאנסטאנטינאפאל, האט אנגעהויבען ארבייטען צו בעקומען פאר אונז א בוי־ערלויבעניס. אין ארץ ישראל גופא האט פאר אונז געארבייט דער די־רעקטאר פון דער אליאנץ־שולע אין ירושלים, ה' נסים בכר, (איצט אין ניו יארק), וועלכער איז געווען אין זעהר פריינדליכע בעציהונגען מיט דעם דאמאלסדיגען גובערנאטאר פון ירושלים, רעאוף־פאשא. איך בין געפאהרען אין ירושלים און בין פון נסים־בכר פארגעשטעלט געווארען צום פאשא אלס פארשטעהער פון דער קאלאניע. איך האב איהם דערלאנגט א ביטע, אז אלע קאלאניסטען ווילען ווערען טערקישע אונטערטאנען (דאס איז געווען דער נויטיגער תנאי אויף צו בעקומען די ערלויבעניש) און גלייכצייטיג א ביטע, אז מען זאל אונז געבען די ערלויבעניש צו בויען הייזער. די ביטע איז אוועקגעגאנגען ווייטער אויף דעם ביוראקראטישען לייטער, און אין א יאהר צווי ארום האבען מיר בעקומען זעהר א שעהנע בוי־ערלויבניש. עס האט אונז נאר געפעהלט געלד זי אויסצונוצען.

די ערשטע צוויי הייזער זיינען געווען הילצערנע, אבער זיי האבען שוין געהאט א פנים פון הייזער מיט צימערען און אלעס וואס נוטיג איז. ערשט נאך דעם ווי די חובבי ציון אין רוסלאנד האבען זיך שטארקער ארגאניזירט און האבען אנגעהויבען זייער טהעטיגקייט אין ארץ ישראל אין תרמ"ט, איז די קאלאניע גדרה אויסגעבויט געווארען פון שעהנע שטיינערנע הייזער מיט אלע קאלאניען גלייך.

מיר האבען אויסגעקליבען א נייעם בוי־פלאץ אויף א הויכען שעהנעם בארג. די אלטע בנינים, דעם דאך פון בעריהמטען שטאל, האבען מיר פאנאנדערגענומען און די מאטריאלען בענוצט פאר די נייע געביידעס. אונזער ערשטען באראק האבען מיר אריבערגעטראגען אויפ'ן נייעם בוי־פלאץ און ער האט לאנג געדיענט אלס שוהל און שולע פאר

דער קאָלאָניע. ערשט אין די לעצטע יאָהרען האָט א מאָסקווער נדיב ה׳ חענקין, דורך די השתדלות פון דר. טשעלנאָוו פון איין זייט און ה׳ אליהו קאפלאן פון ארץ ישראל, פון דער אנדער זייט, אויסגעבויט א שעהנע שול אין גדרה.



גדרה.
(דאס הויז אונטער דעם בארג איז דער ברוננען, דאס באָד, די מיהל.)

אויך פעהלען איצט ניט אין דער קאָלאָניע עטליכע הייזער פאר תימנים, די קאָלאָניע האָט א ברייטע גאס פערפלאנצט מיט בוימער פון ביידע זייטען און די, וועלכע בעזוכען זי איצט, קענען זיך גאָרניט פאָר־שטעלען די צרות פון איהרע ערשטע יאָהרען!

פון מיינע ערצעהלונגען איבער דער ענטוויקלונג פון דער קאָלאָניע גדרה, האָט מען שוין געקענט זעהן, אז די קאָלאָניסטען האָבען געהאַט זעהר פיעל צו ליידען פון דער שנאה פון דער שכנות׳ער אראבישער בע־פעלקערונג און אין דעם זינען איז די קאָלאָניע געווען ווידער איין אויס־נאהמע פון אלע אידישע קאָלאָניען אין ארץ ישראל. אין פיעל פון זיי

זיינען פאַרגעקומען צוזאַמענשטויסען צווישען די אידען מיט די אַראַבער. נאָר די צוזאַמענשטויסען זיינען געווען אַם מייסטען צופעליגע מעהר אַ רעזולטאַט פון ניט קענען, ניט פערשטעהן איינע די אנדערע, אַ רעזולטאַט פון ניט קענען די שפּראַך און די זיטען פון לאַנד, נאָר אין גדרה האָט דאָס געטראָגען אַ פיעל ערנסטערן כאַראַקטער. די אורזאַכען דערפון זיינען געווען צוויי: די ערשטע איז געווען די, וועלכע איך האָב אָנגעגעבען אין אָנפאַנג פון דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע. דאָס לאַנד האָט געהערט פריהער צו זעכצעהן אראַבישע פאַמיליען. אמת, זיי האָבען דאָס לאַנד שוין לאַנג פערקויפט און די קאָלאָניסטען האָבען זי שוין געקויפט פון די דריטע הענד, נאָר כל־זמן דאָס לאַנד האָט געהערט איינצעלנע גוטבעזיצער, האָבען די פריהערדיגע בעלי־הבתים אויף איהר געאַרבייט; זיי האָבען געצאָהלט גרויסע פאַכט פּרייזען, אָבער דאָך האָבען זיי געהאַט די אילוזיאָן, אַז דאָס איז זייער לאַנד. די אידישע קאָלאָניסטען האָבען אָבער אליין בעאַרבייט דאָס לאַנד. ערשט דאַן, אפשר, האָבען זיך די פריהערדיגע בעזיצער פון לאַנד געכאַפּט, אַז זיי זיינען מעהר קיין בעל־הבתים ניט אויף זייער באָדען, און האָבען געוואָלט צו די אידישע קאָלאָניסטען אויסלאָזען דעם כעס. אין דעם זין איז די קאָלאָניע גדרה כמעט די איינציגע צווישען אַלע אידישע קאָלאָניען.

די צווייטע אורזאַכע איז דער קליינער צאָהל און די אָרימקייט פון די קאָלאָניסטען. די צאָהל האָט ניט געקענט אימפּאָנירען די אראַבישע שכנים, זיי האָבען געזעהען אַ קליינע גרופּע פון יונגע לייט אָהן מיטלען, אָהן ערלויבעניש צו בויען זיך און זיי האָבען געהאַפּט, דורך פערשיעדענע פיינדליכע טהאַטען ארויסצושטופּען די יונגע קאָלאָניסטען פון דעם פערנומענעם פּלאַץ און פון זיי גענצליך פּטור צו ווערען. דאָס איז די אורזאַכע פון זייער לויפען מסר׳ן, ווען זיי האָבען געזעהען נאָר אַ בעוועגונג צו בויען עטוואָס אָהן אַן ערלויבעניש, פון זייער דריקען די קאָלאָניסטען אין דער וואַסער פראַגע און פון אַלע קלענערע און גרעסערע צוזאַמענשטויסען.

מען דאַרף דערביי אויך ניט פערגעסען די אומשטענדען, אַז גדרה איז אַ לאַנגע צייט געווען די איינציגע קאָלאָניע וואָס האָט געהערט צו

עזה, און דאָס די קאָלאָניע, בעזונדערס די ערשטע הייזלעך, זיינען געווען געבויט צו נאָהענט צום דאָרף.

ענדליך האָבען די קאָלאָניסטען אלץ איבערגעטראָגען. זיי האָבען שוין געהאַט אן אייגענעם ברונען און האָבען אָנגעהויבען בויען הייזער מיט א געזעצליכער ערלויבניש. דאַן האָבען די אראַבער בעשלאָסען צו מאַכען א פערצווייפעלטען פערזוך פטור צו ווערען פון די אידישע שכנים.

איין מאָל ווען א אידישער אַרבייטער האָט געפיהרט שטיינער פון א פלאַץ ניט ווייט פון דער קאָלאָניע, אָבער פון וואַנען מען האָט איהם ניט געקענט זעהן, זיינען אין מיטען טאָג אויף איהם אָנגעפאַלען דריי אַראַבער און האָבען ביי איהם צוגענומען די פערד. אז מען האָט דאָס דערהערט אין קאָלאָניע, האָבען עטליכע רייטער נאָכגעיאָגט די גנבים, אָבגענומען צוריק די פערד און האָבען נאָך געכאַפּט איינעם פון די גנבים. מען האָט בעשלאָסען אוועקפיהרען איהם אין עזה און איבערגעבען אין די הענד פון דער רעגיע־רונג. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעט, האָט מען דאָס אָבגעלעגט אויף אין דער פריה און דערווייל האָט מען איהם, דעם גנב, א געבונדענעם פערשפּאַרט אין שוהל (קיין אנדער פלאַץ איז אין קאָלאָניע ניט געווען...)

די אַראַבער פון שכני'שען דאָרף האָבען בענוצט די געלעגענהייט. זיי האָבען בעשלאָסען אָנצופאַלען בייננאַכט אויף דער קאָלאָניע און צו פאָדערען, אז מען זאָל זיי ארויסגעבען זייער מענשען. דער מענש, ד. ה. דער גנב, איז ניט געווען פון זייער דאָרף, און זיי האָבען געמיינט ארייגברייננגען אין טעות אי די קאָלאָניסטען, אי די רעגיערונג, אז אלע זאָלען מיינען, אז דעם אָנפאַל האָבען געמאַכט ניט די שכנים, די אַראַבער פון קטרה, נאָר די איינוואוינער פון א ווייטען דאָרף, פון וואַנען עס האָט געשטאַמט דער גנב.

און דעם אָנפאַל האָבען זיי געמאַכט גאַנץ סטראַטעגיש, און וואָלט די קאָלאָניסטען ניט אָבגעשפּיעלט א בעזונדערער גליק, וואָלט עס געהאַט אפשר זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. דער גליק איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס פּונקט צו יענער צייט איז אנגעפאָהרען אין קאָלאָניע מיכל פּינעס ז"ל און די קאָלאָניסטען האָבען ניט געשלאָפען צוליעב דעם גאַסט. דער גליק איז געווען א דאָפּעלטער. די קאָלאָניסטען פון גדרה זיינען שוין געווען בעריהמט

אין ארץ ישראל דורך זייערע קעמפפען מיט די אראבער און מאנכע זיינען געווען געצוואונגען צו גלויבען, אז זיי זיינען אליין שולדיג אין אלע קעמפפען. פינעס האט אויף אזא אופן אליין געקענט זיין אן עדות, אז דאס מאל וועניגסטענס האבען די אראבער געמאכט דעם אנפאל.

ווי איך האב שוין איינמאל דערצעהלט, איז פינעס געווען דער פרע־זידענט פון ביל״ו און דער גרינדער פון גדרה. מיט וויסאצקי׳ן איז פינעס ניט דורכגעקומען און ער איז בעזייטיגט געווארען פון די אנגעלעגענהייטען פון די חובבי ציון אין די קאלאניען אין ארץ ישראל. וויסאצקי האט די לייטונג איבערגעגעבען מויאל׳ן און אז ער איז געשטארבען איז זי אריבער־געגאנגען צו הירש׳ען, דירעקטאר פון מקוה ישראל. אין דעם קאמיטעט וואס ער האט געגרינדעט האב איך צוויי יאהר לאנג אלס מיטגליעד פון קאמיטעט פערטראטען די אינטערעסען פון דער קאלאניע. אבער ווען נאך דער צוויי־טער ראשון לציון׳ער „רעוואלוציע״ איז דער קאמיטעט אויפגעלעזט געווא־רען, איז פינעס ווידער געווארען דער פערטרעטער פון די חובבי ציון און דער בעשיצער פון גדרה. און גראד יענעם אבענד איז ער אנגעפאהרען און די קאלאניסטען האבען מיט איהם פערבראכט.

פלוצלונג ארום האלבע נאכט האט זיך דערהערט א רעש, אונטען אין טהאל ביי דעם ברונען, וועלכער האט זיך ערשט געבויט. צוויי קאלאניסטען יעקב חנקין און בנימין פוקס, האבען זיך אהין געלאזט לויפען, זייער גע־וועהר איז בעשטאנען פון איין איינציגען רעוואלווער מיט אן איינציגער קויל אין איהם. לויפענדיג האבען זיי אויסגעשאסען און עטליכע אראבער (מען זאגט אז גאנצע אכט...) זיינען אנטלאפען. ווי עס האט זיך ארויסגע־וויזען, האבען די עטליכע אראבער געהאט דעם אויפטראג אבצוציהען צום ברונען, גאנץ ווייט פון דער קאלאניע און דערצו נאך אונטער׳ן בארג אלע קאלאניסטען, ווייל אין דער זעלבער צייט האט זיך פון דער אנדער זייט קאלאניע בעוויזען א גרויסע מחנה אראבער, וועלכע האבען מיט א געשריי: „גיט אונז אב אונזער מענשען״ גענומען ווארפען שטיינער אויף דער קא־לאניע. די קאלאניסטען האבען באלד פערשלאסען אלע פרויען צוזאמען מיט פינעס׳ען אין די הייזער און זיינען ארויס אנטקעגען די אנגרייפער. עס איז

צום גליק געווען א ליכטיגע נאכט (ט״ו חשון, תרמ״ח) און מען האָט געקענט זעהן. די קאָלאָניסטען האָבען מיט אלע מעגליכקייטען געזעהן אָבצוהאַלטען די אראבער זיי זאָלען ניט צוקומען צו די הייזער. זייער צאָהל איז בעשטאַנען פון פערצעהן מענשען, צווישען זיי צוויי אלטע לייט, מיין פאָטער, מאיר בעלקינד ע״ה און דער אלטער שוחט פון דער קאָלאָניע, אויך א פאָטער פון א קאָלאָניסט, יחזקאל לייבאָוויטש, ע״ה. די צאָהל פון די אראבער איז געווען זעהר גרויס. מאַנכע בעהויפּטען, אז זיי זיינען געווען ביז הונדערט. דער קאמפּף האָט געדויערט כמעט צוויי שעה. פון אָנהויב האָט מען נאָר געוואָרפען שטיינער איינע אויף די אנדערע. אז די אראבער האָבען אָנגעהויבען שיסען, האָט מען זיי געגומען ענטפערען מיט רעוואָלווערען. צום סוף איז איינער פון די קאָלאָניסטען צוגעקראָכען צו א געדיכטער גרופּע אראבער און האָט אין איהר אריינגעשאָסען. עס האָט זיך דערהערט א געשריי און אלע זיינען זיך צולאָפען.

פון די קאָלאָניסטען האָט קיינעם ניט געשאַדט. נאָר מיין פאָטער ע״ה האָט בעקומען א קלאַפּ מיט א שטיין אין האַנד.

אויף מאָרגען האָט מיט דער סכנה, וועלכע האָט געשוועבט איבער גדרה, געקאָכט גאַנץ יהודה. פינעם האָט געשיקט איין קאָלאָניסט קיין יפו, וועלכער האָט אויפ׳ן וועג אָנגעזאָגט די מעשה אין ראשון לציון. ער, דער קאָלאָניסט, האָט אָפיציעל מיטגעטהיילט די זאַך דעם דירעקטאָר פון דעם באַראָנ׳ס קאָלאָניען, בלאָך׳ן, און האָט איבערגעגעבען פינעס׳עס ביטע צו טהאָן עטוואָס דורך זיין איינפלוס צווישען די רעגיערונגס בעאַמטע. בלאָך האָט אָבער אין דער זאַך גאָר ניט געטהאָן. איך האָב שוין פריהער דערצעהלט ווי בלאָך האָט זיך צו דער זאַך מתיחס געווען.

נאָר דער קאָלאָניסט אליין האָט בעזאָרגט זיין זאַך. ער האָט פון יפו טעלעגראַפירט אין עזה, האָט איינגעקויפט אמוניציאָן: רעוואָלווערען און קוילען צו זיי און האָט זיך געאיילט אומצוקעהרען א היים, ווייל עס איז געווען ערב שבת. אין קאָלאָניע איז מען געווען זיכער, אז די אראבער וועלען די צווייטע נאכט מאַכען ווידער אן איבערפאַל, דערפאַר איז געווען נויטיג צו בעזאָרגען זיך מיט געוועהר.

ווען דער דירעקטאָר בלאַך האָט גאָר ניט געטהאָן, האָבען די קאָלאָניסטען געטהאָן. באַלד ווי די זאַך איז בעקאַנט געוואָרען אין ראשון־לציון, האָבען זיך א צוואַנציג יונגע לייט געזעצט אויף די פערד און אוועק אין גדרה. נאָך מעהר ריהרענד איז געווען דער פאַקט, אז פון עקרון זיינען אַנגעפאָהרען צעהן אידען, אידען מיט בערד, ניט דוקא יונגע לייט. בעוואָפענט מיט רעוואָלווערען זיינען זיי געקומען פערטהיידיגען א אידישע קאָלאָניע, א אידישע קהלה, און אויף שבת איז שוין די אידישע אַרמעע פון גדרה בעשטאַנען פון פיער־און־פערציג מאַן. אין פערגלייך מיט דער הייפעלע אידען, וועלכע האָבען געקעמפפט אין פאַריגער נאַכט, — איז דאָס געווען א מעכטיגע אַרמעע.

אין אבענד זיינען שוין אַלע געווען גרייט צום קאַמפף. די שכנ'ישע אַראַבער האָבען געלייקענט, אז דער אַנפאַל איז געווען זייער אַרבייט און האָבען אַלץ אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן דאָרף, פון וואַנען עס האָט געשטאַמט דער גנב. נאָר פיעל פון זיי זיינען געגאַנגען פערבונדען און האָבען געטראָגען אויף זיך צייכענס פון געשלעג: ווער א וואונד, ווער א בייל, א. ז. וו.

דעריבער האָבען אייניגע פון דער אידישער אַרמעע ניט געוואַרט אויף די אַראַבער אין קאָלאָניע גופא. זיי האָבען זיך בעהאַלטען אויפ'ן וועג צו דער קאָלאָניע כדי צו זיין אימשטאַנד צו כאַפּען עטליכע אַראַבער אין פּלען. מ'וואָלט דאַן זיכער געוואוסט, ווער עס זיינען די אַנפאַלער. די מענשען פערזיכערען, אז זיי האָבען שוין געהערט טריט פון א גאַנצער מחנה, וועלכע בעוועגט זיך צו דער קאָלאָניע. פלוצלונג זיינען אַנגעפאָהרען זעקס חיל'ען, און דערמיט איז געוואָרען אַן ענד צום גאַנצען קאַמפף. די חיל'ען זיינען געווען ניט די, אויף וועלכע מען האָט געוואַרט פון עזה. זיי זיינען פערבייגעפאָהרען צופעליג. נאָר די קאָלאָניסטען האָבען זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און זיי זיינען געבליעבען אין קאָלאָניע צו פערהיטען זיי.

זונטאָג איז אַנגעקומען א קאָמיסיע פון דער רעגיערונג פון עזה מיט חיל'ען און מען האָט גענומען די אַראַבער צום פערהער. די פערוואונדעטע און די צוקלאַפּטע האָבען זיך בעהאַלטען און זיינען ניט ערשיענען פאַר

דער רעגיערונג. זייערע וואונדערע וואָלטען עדות געזאָגט, אז זיי האָבען זיך בעטהייליגט אין געשלעג. פיעל פון די אנגעזעהענע דאָרף בעלי־בתים זיינען ארעסטירט געוואָרען און אוועקגעפיהרט געוואָרען אין עזה. דאָרט האָבען זיך די בעאַמטע מיט זיי גערעכענט אויף זייער שטייגער!

דער קאמפף מיט די אראבער איז געווען דער לעצטער! פון דאן אָן האָבען זיי זיך איבערצייגט, אז די אידישע שכנים בלייבען אויף אייביג זייערע שכנים און זיי האָבען פערשטאַנען, אז מען דאַרף לעבען בשלום און אין גוט שכנות׳שאַפט. מעהר קיין קריעג איז ניט פאָרגעקומען אין דער צייט פון כמעט דרייסיג יאָהר א חוץ קליינינקייטען.

* * *

דער קאמפף פון די אראבער געגען זייערע שכנים אין א משך פון דריי יאָהר איז זעהר סימפּטאָמאַטיש און קען כאראקטעריזירען די גאנצע אידישע לאַגע אין אונזער לאַנד. ווירקליך, כל זמן די אַראבער האָבען פאַר זייערע אויגען געהאַט א קליין הייפעלע מענשען אָהן הייזער, אָהן א ברונען — האָבען זיי געקענט האָפען זיי צו פערטרייבען און האָבען זאָגאר געוואגט אן אפּענעם אנגריף. ווי זיי האָבען זיך אָבער איבערצייגט, אז די אידען האָבען גענומען בויען הייזער, א ברונען און דורך דעם פעסט צוגעבונדען זיך צו זייער נעסט, האָבען זיי פערשטאַנען, אז דער קאמפף איז אומזיסט און האָבען געביטען זייער פּאָליטיק, אויפגעהערט צו קריגען זיך און גענומען לעבען אזוי ווי גוטע שכנים.

דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דעם כלל ישראל אין ארץ ישראל. אין ערשטען יאָהר, ווען די אידען אין יפו זיינען ארומגעגאַנגען ווי אין עולם התהו, אָהן וואָרצלען אין באָדען, האָט דער פּאַשאַ פון ירושלים געקענט ארויסגעבען א בעפעהל מ׳זאָל אַלע אידען מיט גוואַלד ארויפזעצען אויף א רוסישער שיף און אוועקשיקען זיי צוריק פון וואַנען זיי זיינען געקומען. אָבער ביסלעכווייז האָבען די אידען גענומען שלאָגען וואָרצלען אין לאַנד: עס זיינען געגרינדעט געוואָרען קאָלאָניען, געבויט געוואָרען הייזער, געפלאַנצט געוואָרען גערטענער — איז שוין פון אַזעלכע איינפאַכע גזרות געגען אידען געוואָרען אונמעגליך צו רעדען. און מיט יעדער אידישער קאָלאָניע אין

לאנד איז דאָרט זיכערער געוואָרען די אלגעמיינע אידישע לאגע. און איצט איז שוין די אידישע קאָלאָניזאציאָן א פאקט מיט וועלכען עס מוזען זיך רעכענען אפילו אונזערע שונאים און געגנער און דאס זעהען מיר אפילו איצט אין אזא קריטישען מאָמענט, אין וועלכען עס געפינט זיך דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל. עס זיינען דא מענשען וואס זאגען איצט, אז עס איז א גליק וואס דער אידישער ישוב איז דאָרט נאך קליין. ווען ער וואָלט געווען גרעסער, וואָלט דער אונגליק אויך געווען גרעסער. דאס איז אָבער א טעות. וואס גרעסער דער ישוב וואָלט געווען, וואָלט אלץ דער אונגליק געווען קלע־נער. וואס דער ישוב וואָלט געווען גרעסער, וואָלט זיין איינפלוס געווען גרעסער און מען וואָלט זיך מיט איהם אלץ מעהר גערעכענט.

* * *

ווען עס איז ריכטיג די מיינונג פון דעם חכם, וואס האט געזאָגט: „גליקליך איז דאס פאָלק וואס האט ניט קיין געשיכטע“, ווייל די געשיכטע פון א פאָלק בעשטעהט פון זיינע קעמפפען און ליידען, זיינען מיר צוגעקומען צום ענד פון דער געשיכטע פון גדרה. איהרע ליידען, ווענינגסטענס די גרויסע ליידען, האָבען ענדליך אויפגעהערט: די קאָלאָניע האט זיך אויסגעבויט, האט אייגענע וואסער און איהר לעבען איז אוועקגעגאנגען רעגעלמעסיג, ווי דאס לעבען פון אלע אידישע קאָלאָניען אין ארץ ישראל.

נאר איך מוז נאך דערצעהלען וועגען איין אונגליק וואס האט געטראָ־פען אין דער קאָלאָניע, אן אונגליק וועלכער האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער קאָלאָניע און אויף דער פיזיאָגנאָמיע פון איהר איינוואָהנערשאַפט.

אין אונזער קאָלאָניע האט געלעבט א יונגער מאן, ישראל ראָזמאן, וועלכער איז געקומען צופאָהרען צו אונז פון דער שטאָדט ק א ל ו ג א און דערפאר האָבען איהם אלע גערופען י ש ר א ל ק א ל ו ג א. דאס איז גע־ווען א בחור מיט גילדרענע הענד און מיט א גאָלדען הארץ און ער איז געווען בעליעבט פון אלעמען, ווער עס האט איהם נאר געקענט. ביי אונז אין הויז איז ער געווען אן אמת'ער בן־בית. איך, מיין ברודער שמשון און מיין שוואָ־גער לוליק, האָבען געפיהרט אונזער בעל־הבית'ישקייט אין איינעם. און אזוי ווי איך בין געווען בעשעפטיגט מיט כלל־ארבייט, האט ער מיך פערביטען

און איז געווען ביי אונז א שטענדיגער ארבייטער. און דער יונגערמאן איז אין א נאכט דערשאָסען געוואָרען ווען ער האָט געהיט די תבואה אויפ'ן שייער. ער איז פערוואונדעט געוואָרען אין בויך און אין א חדש ארום גע־שטאָרבען. דאָס האָט געמאַכט זעהר אַ פיינליכען איינדרוק אויף די קאָלאָ־ניסטען און בעזונדערס אויף אונזער פאמיליע.



גדרה

ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען איז דאָס נאָר געווען אַן אונ־גליקליכער צופאל. דער צווייטער שומר פון שייער, אויך אַ קאָלאָניסט, האָט איינגעדרעמעלט א ביסעל. אַז ער האָט דערהערט טריט פון זיין חבר, האָט ער פון שלאָף געמיינט, אַז עס געהט א גנב, ער האָט געכאַפּט די ביקס און האָט אויסגעשאָסען. נאָר גאָר פון אָנהויב האָבען מיר געהאַט אַ חשד אויף אַן אראַבער, וועלכער איז אפילו געווען אַן עהרענבירגער אין אלע ארץ־ישראל־דיגע פריזאָנס, נאָר דאָס מאָל איז ער געווען גאַנץ אונשולדיג. מיר האָבען איהם געכאַפּט און איבערגעגעבען אין די הענט פון דער רעגיערונג. קיין בע־וויז אויף איהם איז, פערשטעהט זיך, ניט געווען. ער איז אָבגעזעסען א חדשים זעקס און איז ארויס פריי. ער האָט דאַן גענומען סטראַשען, אַז ער

# גדרה

וועט זיך נוקם זיין אין אונזער פאמיליע. דאס איז געווען די ערשטע אורזאכע. די צווייטע אורזאכע איז געווען, וואס אין יענעם יאהר, תר"ן זיינען פיעל אידען געקומען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל און האבען געוואלט בעזעצען זיך דוקא אין די איינגעארדענטע קאלאניען. און ענדליך די דריטע אורזאכע איז געווען די פאלגענדע: איך האב צו יענער צייט געהאט געגרינדעט די ערשטע העברעאישע שולע אין יפו און האב שוין געהאט אויף זיך א חוב פון עטליכע טויזענד פראנק. אום צו בעצאהלען די חובות האב איך געמוזט זוכען א קוועלע פון געלט. מיין ברודער האט געצויגען צוריק אין ראשון לציון, וואו זיין פרוי האט פאמיליע, עלטערען, ברידער און שוועסטער... און מיין שוואגער לוליק? פאר איהם איז גדרה געווען צו רוהיג, איהם האט זיך געוואלט נייע פיאנער־ארבייט און ווען מיין צווייטער שוואגער יהושע חנקין האט געקויפט נייע לענדערייען אין גליל אום דארט צו גרינדען נייע קאלאניען, האט איהם געצויגען אהין.

און אלס רעזולטאט פון די אלע דריי אורזאכען האבען מיר דריי פערקויפט אונזערע חלקים לאנד אין גדרה און אויף אונזער פלאץ זיינען אהין געקומען נייע קאלאניסטען. די זעלבע זאך האבען געטהאן די צוויי ברידער חנקין.

* * *

מיט פיער יאהר צוריק נאך פסח האבען מיר געפייערט מיט גרויס שמחה אין גדרה דעם דרייסיג יעהריגען יובילעאום פון ביל"ו. מיר האבען לכתחילה גאר ניט גערעכענט פייערען, נאר עס איז דאן אריבער איבער אלע אונזערע כלל־טהוער א כוואליע פון יובילעאומס און מיר זיינען געווען אויפגעפאדערט מיר זאלען דאס אויך טהאן. מיר האבען קיין געסט ניט איינגעלאדען, ווייל מיר וואלטען געדארפט איינלאדען גאנץ ארץ ישראל. נאר פיעל זיינען אליין געקומען. און מיר האבען געהאט א יום טוב ווי מען קאן נאר האבען אין ארץ ישראל בכלל און אין גדרה בפרט. מען האט געהוליעט און געטאנצט פון זעקס אבענד ביז זעקס אין דער פריה און מען האט זיך ניט ארומגעזעהען, ווי די נאכט איז פאריבער.

איך בענויז זיך מיט דער געלעגענהייט איינצולאדען אלע פריינד פון ביל"ו, צום פופציגיעהריגען יובילעאום. עס איז נאך געבליבען צו ווארטען א פופצעהן יאהר. **נאר איך זאג אייך צו, אז עס וועט זיין פרעהליך.**

פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב,
יסוד המעלה און עקרון.

די ביל״ו׳יצעס און די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון זיינען ניט די איינציגע פּיאָנירען פון ישוב ארץ ישראל. נאָך עטליכע קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין די ערשטע פּאאר יאָהר פון ישוב; קאָלאָניעס, וועלכע זיינען געווען מאָראליש זעלבסטשטענדיג, דאָס הייסט, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען בלויז פון דעם געפיהל פון חבת ציון, און ניט דורך די פּאָרטשריטע פון די ערשטע קאָלאָניעס.

עס געהט אָבער ניט אריין אין מיינע פּלענער צו שרייבען די געשיכטעס פון אלע קאָלאָניעס. איך שרייב איצט ניט די געשיכטע פון ישוב, נאָר בלויז מיינע עראינערונגען, מיינע מעמוארען, מייסטענס די זאַכען, וועלכע איך האָב פּערזענליך איבערגעלעבט. אום צו שרייבען די העכסט בעלעהרענדע געשיכטע פון ישוב, מוז איך אויסנוצען מיין גאַנצען אַרכיוו פון בריעף און פערשיעדענע דאָקומענטען, וועלכע איך בעזיץ אין ארץ ישראל.

דאָך וואָלט געווען א גרויס אונרעכט, ווען שרייבענדיג פון די ערשטע טריט פון ישוב ארץ ישראל, זאָל איך ניט דערמאָנען נאָך עטליכע קאָלאָניעס וועלכע שפּיעלען א גאַנץ גרויסע ראָליע אין דעם נייעם לעבען, וואָס ענטוויקעלט זיך אין אונזער לאַנד — אַן אונרעכט געגען די קאָלאָניעס און אַן אונרעכט געגען די לעזער, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דעם אָנפאַנג פון ישוב.

איינע פון די גרעסטע און שעהנסטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל איז פּ ת ח ת ק ו ה. ווי איך האָב שוין דערצעהלט איז די קאָלאָניע געגרינדעט געוואָרען נאָך אין תרל״ח, דאָס הייסט פיער יאָהר פאַר ראשון לציון, דורך אַ גרופּע פון ירושלים׳ער אידען, וועלכע האָבען געקויפט אַ שטיק לאַנד ניט ווייט פון יפו אין דער זעלבער ענטפערנונג פון דער שטאָדט, ווי ראשון לציון,

# פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון

נאר אין דער ריכטונג פון צפונית־מזרחית. דער פערזוך פון אונזערע ברידער פון אלטען ישוב איז אבער ליידער ניט געלונגען. די קאלאניסטען זיינען געווען אהן מיטלען און אונפראקטיש. זיי האבען זיך בעזעצט ניט ווייט פון טייך מי־הירקין , וועלכער פליסט ביי זייער לאנד, און יעדער טייך אין ארץ ישראל, ביי דער אלגעמיינער וויסטקייט און פערלאזענקייט, איז א נעסט פון מאלאריע. פיעלע קאלאניסטען זיינען קראנק געווארען און זיינען אוועק צוריק אין ירושלים. די איבעריגע זיינען אוועק אויס מאנגעל אין מיטלען און די קאלאניע איז אזוי גוט ווי חרב געווארען.

דער ביישפיעל פון ראשון לציון האט אריינגעגעבען נייע האפנונגען און פרישען מוט די קאלאניסטען פון פתח תקוה. עס האבען זיך געפונען ענערגישע מענשען, וועלכע האבען צוגעקויפט ניי לאנד ביי דער קאלאניע און צוגעצויגען נייע מענשען פון רוסלאנד. בעזונדערס פון ביאלאסטאק, פאניוועזש, פינסק און אנדערע ליטווישע שטעדט.

כדי צו בעזייטיגען די געפאהר פון קלימאט, האבען זיי געקויפט א קליין שטיק לאנד ביים אראבישען דארף י ה ו ד י ה און האבען דארט אויסגעבויט א היבשע צאהל הייזער. דער פלאן פון בויען זיך אין יהודיה איז אבער געווען א גרויסער פעהלער. זי איז ווייט פון פתח תקוה א צוויי שעה און דער וועג איז א שווערער, א זאמדיגער. עס איז אלזא אונמעגליך צו זיצען אין יהודיה און ארבייטען אין פתח תקוה. דעריבער האבען זיך די קאלאניסטען גענומען בויען אין פתח תקוה גופא, נאר ניט אויפ'ן פריהעריגען פלאץ, נאר פיעל ווייטער פון טייך. סוף־כל־סוף איז יהודיה אין גאנצען פערלאזען געווארען. די הייזער שטעהען דארט ליידיג און פתח תקוה האט גענומען שנעל וואקסען. דורך גוטע הייזער, דורך פלאנצונגען פון אבקאליפטוס־בוימער איז די שארפע פארם פון מאלאריע אינגאנצען פערשוואונדען און די קאלאניסטען האבען שוין לאנג פערגעסען אויפ'ן שלעכטען קלימאט.



פתח תקוה.

## פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון

א דאנק דער ענערגיע און דעם אונטערנעהמונגס־גייסט פון איהרע קאלאניסטען איז פתח תקוה איצט די רייכסטע און די גרעסטע קאלאניע אין ארץ־ישראל. איהר לאנד איז אנדערטהאלבען מאל און די צאהל פון די איינוואוינער דריי מאל גרעסער ווי אין ראשון לציון. ווען ראשון לציון איז דורך איהרע פרעכטיגע וויינגערטענער און גרויסארטיגע וויין־קעלערען דער צענטער פון וויין־בוי און וויין־אינדוסטריע, איז פתח תקוה געווארען א גרויסער צענטער פון אראנזשען־פלאנצונגען, וועלכע פערנעהמען דארט א שטח פון איבער זעקס טויזענד דונאם. דאס איז א גרויסער און אונגעהייער רייכטהום!

עס פעהלען אבער אויך ניט אין דער קאלאניע שעהנע וויינגערטנער און אנדערע פלאנטאציעס. אויך האט די קאלאניע א שעהנעם שטח פון גוטען ווייץ־באדען. נאר דער רעכטער עיקר זיינען דארט די אראנזשען־פלאנצונגען. צוערשט האבען די פלאנצונגען געהאט צו פערדאנקען דעם פאקט, וואס אין יענער געגענד איז וואסער ניט טיעף — א 15 אדער 20 מעטער. נאר איצט, דורך די נייע מעטאדען, וועלכע אידען האבען איינגעפיהרט אין לאנד, איז שוין ניט נויטיג אז וואסער זאל זיין אזוי נאהענט צו מאכען זיך א פרדס. איצט גראבט מען שוין ניט קיין ברונענס ווי פריהער. מען שלאגט אין דער ערד שמאלע רעהרען און מיט א פאמפע, וועלכע ווערט געטריבען דורך א גאז־מאטאר, ווערט דאס וואסער געשעפט און ארויפגעצויגען ארויף און דערביי איז שוין קיין אונטערשיעד ניט, ווי טיעף עס געפינט זיך דאס וואסער. די מעטאדע האבען די אידישע קאלאניסטען איינגעפיהרט און נאך זיי געהן שוין נאך די אראבער.

אין די לעצטע עטליכע יאהר האט א אידישער אונטערנעהמער, דער געוויסער כלל־טהוער בצלאל יפה, געגרינדעט א געזעלשאפט, וועלכע בעוואסערט די פרדסים דורך א וואסער־לייטונג פון דעם טייך מי־הירקין און פערשפארט אויף אזא אופן צו גראבען ברונענס.

מיט איין ווארט די קאלאניסטען פון פתח תקוה קענען שטאלצירען דערמיט, אז זיי האבען דעם עמק עכור, דעם טהאל פון זומפען און מאלאריע פערוואנדעלט ל פ ת ח ת ק ו ה!

# פּתח תקוה, ראש פּנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון

אַ לאַנגע צייט איז פּתח תקוה געווען די איינציגע קאָלאָניע, וואו פּריוואַטע נייע קאָלאָניסטען האָבען זיך געקענט בעזעצען. די גרינדער האָבען געהאַט אַ סך לאַנד און זיי פּלעגען גערן פערקויפען חלקים צו נייע קאָלאָניסטען.

און די פרייהייט צו בעזעצען זיך, די פרייהייט פון פּריוואַט איניציאַטיווע האָט גרוים און רייך געמאַכט די קאָלאָניע. די צאָהל פון די קאָלאָניסטען איז שטענדיג געוואַקסען, און מיט זייער צאָהל — אויך זייער אונטערנעהמונגס גייסט. דעם באַראָנ'ס אַדמיניסטראַציע האָט אויך געשטיצט די קאָלאָניעס. נאָר אַזוי ווי מען איז קיינמאָל ניט געווען קלאָר וועגען דער צאָהל פון די קאָלאָניסטען, האָט די אַדמיניסטראַציע געשטיצט נאָר אַכט-און-צוואַנציג פאַמיליעס. די איבריגע פלעגען אַמאָל בעקומען הילף פון די חובבי ציון. נאָר מעהר ווי אַלעמען האָבען די קאָלאָניסטען צו פערדאַנקען זיך אַליין און זייער אַרבייט.

די געשיכטע פון פּתח תקוה איז אויך רייך אין עפּיזאָדען פון פערשיעדענע העלדענטהאַטען אין די קעמפּפען פון דער ערשטער צייט מיט די אַראַבישע שכנים, אַם מייסטען בעדואינען. פיעלע פון איהרע קאָלאָניסטען האָבען בעקומען אַ לעגענדאַרישען נאָמען אין דער אומגעבונג, ווי צום ביישפּיעל, מענדעלע קאַפּעלמאַן און אברהם שפּירא. דער לעצטער, אברהם שפּירא, האָלט שוין זייט יאָהרען און יאָהרען די וואך אין פּתח תקוה. ער איז בעקאַנט ניט נאָר אין דער אומגעבונג פון פּתח תקוה, נאָר מען קען זאָגען אין גאַנץ ארץ ישראל. ער פיהרט פריינדשאַפט מיט די גרעסטע בעדואינישע שייכעס. זיין נאָמען איז רעספּעקטירט אין גאַנצען לאַנד. אויך אין די רעגיערונגס-קרייזען. ער איז אויסגעוואַקסען און האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין פּתח תקוה אַלס זוהן פון איינעם פון די ערשטע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען געקומען פון רוסלאַנד.

---

אין דער צייט, ווען די רוסישע אידען האָבען געבויט ראשון לציון און פּתח תקוה, האָבען די רומעניש̃ע אידען געבויט ראש-פּנה און זכרון-יעקב.



ראש פנה

## פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון

די ערשטע פון זיי, ראש־פנה, איז אזוי ווי פתח תקוה אויך געגרינ־דעט געוואָרען פאר דעם אנפאנג פון ישוב אין תרמ״א דורך צפת׳ער אי־דען. נאָר זיי זיינען געווען אבסאָלוט אָהן מיטלען און האָבען זיך געמוזט אבשטעלען ביים ערשטען טריט.

זייער לאנד און זייער גאנצע ארבייט האָט איבערגענומען אַ גרופּע אידען, וועלכע איז געקומען פון רומעניען. נאָר די קאָלאָניסטען אליין זיינען אויך ניט געווען רייך אין געלט־מיטלען און ווער ווייס וואָס מיט זיי וואָלט געטראָפען, ווען צו זייער הילף וואָלט ניט געקומען דער באַראָן ראָטשילד.

די קאָלאָניע האָט גוטע לאנד, אַ געזונטען אנגענעהמען קלימאַט און אַ בעזונדערעם רייכען קוואַל וואַסער. דער קוואַל גיסט זיך פון אַ פּונקט, וועלכער געפינט זיך פיעל העכער ווי די קאָלאָניע און דאָס וואַסער האָט גע־קענט אָהן מיה און אָהן גרויסע קאָסטען אריינגעפיהרט ווערען אין יעדעם הויז.

די אויסזיכטען פון דיזער קאָלאָניע אויף׳ן בארג חרמון, אויף דעם מי־מרום און אויף דעם שענעם ירדן־טהאָל איז איינע פון די פּראַכטפוּלסטע אין ארץ ישראל!

די צווייטע קאָלאָניע, זכרון־יעקב, איז געגרינדעט געוואָרען דורך אַ חובבי ציון קאָמיטעט, וועלכער האָט אין יענער צייט עקזיסטירט אין דער שטאָדט ג א ל א ץ.

דיזער קאָמיטעט האָט דורך זיינעם אַ פערטרעטער געקויפט אַ שטיק לאנד אין דרום זייט פון כרמל בארג אין דעם טהייל פון די בערג, וועלכע טראָגען ביי די אראַבער דעם נאָמען א ל ־ ח ש ם, אַ פינף שטונדען ווייט פון חיפה אין דרום זייט. נאָכדעם ווי דאָס לאנד איז געקויפט געוואָרען האָט דער קאָמיטעט ארויסגעשיקט אַ גרופּע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען רעקרוּ־טירט געוואָרען אין פערשיעדענע שטעדט פון רומעניען. די מענער האָבען זיך באַלד בעזעצט אויף זייער לאנד אין דער קאָלאָניע, וועלכע האָט דאַן נאָך געהייסען מיט דעם אראַבישען נאָמען ס א מ א ר י ן און די פאַמי־ליעס זיינען געבליעבען זיצען אין חיפה, ווייל אין קאָלאָניע זיינען נאָך קיין הייזער ניט געווען.



הר הכרמל אצל חיפה.

דער גאַלאַצער קאָמיטעט איז אָבער באַלד געוואָרען ענג אין געלט און די קאָלאָניסטען סאַי אין חיפה, סאַי אין סאַמאַרין האָבען שרעקליך געליטען, ביז זיי איז געקומען צו הילף דער באַראָן ראָטשילד, וועלכער האָט איבערגענומען אונטער זיין שוץ סאַמאַרין, אזוי ווי ראשון לציון און ראש־פנה.

סאַמאַרין האָט בעזונדערס געפונען חן אין די אויגען פון דעם אינ־ספעקטאָר פון דעם באַראָן, א ל י ה ו ש י י ד, און דורך איהם ביים באַראָן אויך. ער האָט איהר געגעבען דעם נאָמען ז כ ר ו ן י ע ק ב, צום אַנדענקען פון זיין פאָטער, און מען קען זאָגען, אז אויף דער קאָלאָניע האָט דער באַראָן ארויסגעגאָסען אַ גאָלדענעם רעגען. מיט דעם האָבען די צאָהל־רייכע דירעקטאָרען, אונטערדירעקטאָרען, שעפּס, אויפזעהער, אויפפּאסער און אזוי אָנגעשטעלטע, און אויך די פאַמיליעס, וועלכע זיינען געשטאַנען



זכרון יעקב

נאָהנט צו דער אַדמיניסטראַציע געלעבט אַ גוטען טאָג. דער לוקסוס איז געווען זעהר גרויס. און ווען מען האָט ניט געקענט פּועל'ן ביי די פּראַנצויזען, זיי זאָלען רופען פּאַריז גרויס זכרון־יעקב, האָט מען געמוזט זכרון־יעקב רופען קליין פּאַריז. נאָך דער אַדמיניסטראַציע, נאָך די מיוחסים האָבען געמוזט נאָכגעהן אויך די איבריגע קאָלאָניסטען — און זכרון־יעקב האָט געהאַט אַ שלעכטען שם אין ארץ ישראל!

נאָר דאָס אַלעס איז שוין לאַנג אַריבער. די אַדמיניסטראַציע איז שוין פערשוואונדען, קיין מיוחסים זיינען מעהר ניטאָ און דער יונגער דור, די איצטיגע יונגע לייט, ארבייטען זעהר פלייסיג און גוט. דאָס לאַנד פון דער קאָלאָניע איז פערגרעסערט געוואָרען און די אַלטע צייטען זיינען שוין פאָל־שטענדיג פערגעסען געוואָרען.

די רומענישע אידען האָבען זיך ביי די צוויי קאָלאָניעס אָבגעשטעלט און האָבען מעהר ניט ארויסגעגעבען ניט קיין קאָלאָניזאַטאָרען און כמעט ניט קיין קאָלאָניסטען, אויסער איינינגע געצעהלטע פאַמיליעס אין ראשון־לציון, פּתח־תקוה און עקרון. די גאַנצע ארבייט פון ישוב איז כמעט אויס־שליסליך געטהאָן געוואָרען פון רוסישע אידען.



יסוד המעלה

## פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון

כמעט אין איין צייט מיט ראשון־לציון און פתח־תקוה איז געגרינדעט געוואָרען דורך א גרופּע אידען פון מעזשיריטש די קאָלאָניע י ס ו ד ־ ה מ ע ל ה אין גליל, אויפ'ן ברעג פון מ י ־ מ ר ו ם, איינעם פון די דריי ימים, וועלכע ווערען געבילדעט פון ירדן, ביי זיין דורכגאַנג דורך דער גאַנצער לענג פון ארץ ישראל פון בארג חרמון ביז ים־המלך.

די קאָלאָניסטען זיינען אויך ניט געוועזען רייך; ווענינגסטענס ניט אזוי רייך, אז זיי זאָלען קענען אויספיהרען אין גאַנצען זייער פּלאַן. זיי האָבען געדאַרפט זעהר פיעל קעמפּפען פאַר דער עקזיסטענץ פון זייער קאָלאָניע. זיי האָבען געדאַרפט אריבערטראָגען זעהר פיעל צרות און ליידען, ביז ענד־ליך צו זיי איז אויך געקומען צו הילף דער באַראָן ראָטשילד. ווער עס קען די בעציהונגען פון דער אדמיניסטראַציע פון דעם באַראָן צו די קאָלאָניסטען, וויים אַז מיט דעם אריינטריט פון דער אַדמיניסטראַציע אין אַ קאָלאָניע פלעגען די צרות פון די קאָלאָניסטען ניט אויפהערען. פערקעהרט, עס פלעגען צוקומען נייע צרות, ליידען פון דער אַדמיניסטראַציע. ווענינגסטענס איז אָבער די ברויט־פראַגע ניט געוועזען אזוי שרעקליך און די קאָלאָניע אין איהר גאַנצען איז געוועזען געשיצט פון אונטערגעהן.

גאַנץ איינענטימליך איז געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניע ע ק ר ו ן.

ווען מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען פון ישוב ארץ ישראל, האָבען זיך געפונען געגנער, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז ארץ ישראל טויג ניט פאַר קאָלאָניזאַציע און די גאַנצע אַרבייט וועט זיין אומזיסט. דאַן איז דער רב פון ביאַליסטאָק, ר' שמואל מאָהליווער ז"ל, אַוועקגעפאָהרען אין פאַריז און האָט פאַרגעלייגט דעם באַראָן ראָטשילד צו מאַכען אַ פּראָבע. מען זאָל אויס־קלייבען אין רוסלאַנד מענשען, וועלכע האָבען זיך דאָרט אויך בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט און אַוועקשיקען זיי אין ארץ ישראל. דאָרט זאָל מען פאַר זיי קויפען אַ שטיק ערד, וואָס זאָל זיין אָהן קיין שום צווייפעל גוט און פרוכטבאַר. און די קאָלאָניע וועט ציינען, אויב עס לוינט זיך צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל. דער פאָרשלאַג פון ר' שמואל מאָהליווער איז געקומען אין דער צייט, ווען דער באַראָן האָט בעשלאָסען צו העלפען ראשון־לציון, ווען דער

באַראָן האָט זיך שטאַרק גענומען אינטערעסירען מיט דער קאָלאָניזאַציע פון דעם הייליגען לאַנד, און ער האָט איהם אָנגענומען.

יחיאל בריד ז״ל, דער אַמאָליגער רעדאַקטאָר פון ה ל ב נ ו ן איז געשיקט געוואָרען אין רוסלאַנד אויסצוקלייבען די קאָלאָניסטען. אין דער שטאָדט ר ו ז ש אַ נ אָ י ע, גראָדנער גובערניע, האָט ער גענומען עלף פאַמיליעס פון טיכטיגע אידישע ערדאַרבייטער און האָט זיי אַוועקגעפיהרט אין ארץ ישראל. דאָרט האָבען זיי נאָך א יאָהר אָבגעאַרבייט אין מקוה־ישראל, כדי זיי זאָלען זיך בעקענען מיט די תנאים פון לאַנד, ביז מען האָט פאַר זיי געקויפט אַ שטיק לאַנד אין אַ פרוכטבארען געגענד, און אַזוי איז געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניע ע ק ר ו ן. צו די עלף רוזשאַנאָיער אידען האָט מען צוגענומען נאָך זעקס פאַמיליעס, וועלכע זיינען געווען פריהער אין לאַנד און דורך דעם אָדער יענעם אופן געקראָגען דעם זכות צו קאָלאָניזירט ווערען פון באַראָן, און די צאָהל פון די ערשטע קאָלאָניסטען איז געווען זיעבצעהן. שפּעטער האָט מען צוגעקויפט נאָך לאַנד און איצט איז עקרון איינע פון די גרעסטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל.

ווען דער באַראָן איז געווען דעם ערשטען מאָל אין ארץ ישראל, האָט ער פערביטען איהר נאָמען אויף מ ז כ ר ת ב ת י ה, צום אַנדענקען פון זיין מוטער. נאָר דער נאָמען האָט זיך ניט צוגענומען. דער היסטאָרישער שעהנער העברעאישער נאָמען „עקרון״ קלינגט בעסער ווי „מזכרת בתיה״ און ווערט נאָך אימער בענוצט אומעטום. בלויז אין די פּאַפּיערען פון דער אַדמיניסטראַציע הייסט די קאָלאָניע „מזכרת בתיה״.

די קאָלאָניסטען פון עקרון האָבען אויך געדארפט אויסשטעהן א קאַמפּף מיט דער אדמיניסטראציע, און דער קאַמפּף איז געווען א פּרינציפּיעלער. די קאָלאָניסטען פון דיזער קאָלאָניע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיינען געווען ערד־אַרבייטער נאָך אין רוסלאַנד. דער ערשטער שטיק לאַנד, וועלכען מען האָט פאר זיי געקויפט, איז געווען צו וועניג. מען האָט זיי צוגעקויפט נאָך אַ שטיק לאַנד אַ ביסעל ווייטער פון דער קאָלאָניע. נאָר אַזוי ווי דערוויל איז די בעפעלקערונג גרעסער געוואָרען האָט נאָך דאָס לאַנד אַלץ ניט געקלעקט און די קאָלאָניסטען האָבען פערלאַנגט מען זאָל צוקויפען נאָך

לאנד. נאָר די אַדמיניסטראַציע האָט בעשלאָסען צו ענטוויקלען אין דער קאָלאָניע פּלאַנצונגען און האָט זיך גענומען גאַנץ ענערגיש צו פלאַנצען אויף דעם עקרון'ער ווייץ־באָדען אבריקאָסען מיט פערסיקעס. די עקרון'ער האָבען ניט געהאַט קיין גרויסע מיינונג וועגען די פלאַנצונגען. זיי האָבען געגלויבט, אַז זייער באָדען וועט זיי געבען בעסערען איינטראָג ווען מען וועט אויף איהם זייען ווייץ, און אין די פלאַנצונגען האָבען זיי נאָר געזעהען אַ מיטעל פאַר דער אַדמיניסטראַציע צו פערלענגערען איהר מלוכה אויף זיי, און דעריבער האָבען זיי זאָגאר אויסגעריסען אַ טייל פון די פער־פלאַנצטע בוימער.



עקרון

## פתח תקוה, ראש פנה, זכרון יעקב, יסוד המעלה און עקרון

דער דירעקטאר, אונזער בעקאנטער בלאך, האט געבראכט חיל'ען אויפ'ן אראבישען מאניער זיינען ארויסגעגאנגען פרויען און האבען זיך געשלאגען מיט די חיל'ען. מען האט עטליכע קאלאניסטען ארעסטירט און אוועקגעפיהרט אין יפו.

סוף־כל־סוף האט מען פאר דער קאלאניע פארט צוגעקויפט לאנד און זי בעזיצט איצט איבער דרייצעהן טויזענד דונאם.

מיט א יאהר פאר דער מלחמה האבען די עקרון'ער איינגעפיהרט א געמיינשאפטליכע מילך־ווירטשאפט און פלעגען ברייגנען מילך זאגאר אין יפו. די זאך איז געגאנגען גאנץ גוט און די איינוואוינער פון יפו זיינען מעהר ניט אנגעוויזען נאר אויף די מילך פון דער דייטשער קאלאניע סאראנא.

# אַמעריקאַ און ארץ ישראל

.1

מיר, די ארץ־ישראל׳דיגע געסט, אז מיר רעדען פון ארץ־ישראל פון די קאָלאָניעז, פון דעם נייעם לעבען דאָרט, שטויסען זיך שטענדיג אָן אויף דער פראַגע: אַז אין ארץ־ישראל איז אַזוי גוט, ווי איהר זאָגט, פאַרוואָס זעהט מען דאָ אין אַמעריקאַ אַזוי פיעל ארץ־ישראל אידען? די פראַגע איז זעהר אַ ריכטיגע, ווייל, מען קען ניט לייקענען, אין אַמעריקאַ געפינען זיך זעהר פיעל ארץ־ישראל אידען. איך האָב מורא צו זאָגען, אפשר אַזוי פיעל ווי אין ארץ־ישראל גופא. און איך וויל דאָ אַביסעל ערקלערען די אורזאַכע דערפון.

אַמעריקאַ קאָנקורירט מיט ארץ־ישראל שוין גאַנץ לאַנג. עס איז אַ סברה אַז ארץ־ישראל אידען האָבען אָנגעהויבען פאָהרען אין אַמעריקאַ נאָך אין שלמה המלך׳ס צייטען. איניגע חקרנים זאָגען, אַז דאָס לאַנד אופיר, וואהין שלמה המלך פלעגט שיקען שיפען צו ברייגגען גאָלד, איז דאָס לאַנד פערו, וועלכע איז אזוי רייך געווען אין גאָלד, ווען די שפאַניער האָבען איהר ענטדעקט און עראָבערט. ווייטער זיינען דאָ חקרנים, וועלכע בעהויפ־טען, אַז די ערשטע אַמעריקאַנער איינוואוינער, די אינדיאַנער, קומען ארויס פון די עשרת השבטים...

נאָר אפילו ווען די צוויי השערות זיינען בלויז השערות, ויעלכע מען קען ניט דערווייזען, זיינען פאראן היסטאָרישע פאַקטען, וועלכע בעווייזען, אַז נאָך פון אַמאָל האָט די אידען געצויגען מעהר קיין אַמעריקאַ ווי קיין ארץ־ישראל. אין דער ענטדעקונג פון אמעריקאַ אליין האָבען אידען גענומען אַ גרויסען חלק און לעצטענס האָט מען אָנגעהויבען צו ריידען, אַז קאָלומבוס אַליין איז געווען אַ איד. נאָר צוזאַמען מיט דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ איז אויסגעפאַלען דער גרוש ספרד. אין דעם ערשטען יאָהר, ווען מען האָט נאָך פון אַמעריקאַ ניט געוואוסט, זיינען די גולי ספרד געגאַנגען אין מזרח זייט. אַ גרויסער טייל פון זיי איז טאַקע אָנגעקומען אין טערקיי, נאָר דער־

נאָך זעהען מיר, אַז די אנוסים האָבען געזוכט צו אַנטלויפען פון דער אינקוויזיציע אין די לענדער פון אַמעריקאַ. אין ארץ־ישראל האָט יוסף נשיא געהאַט לאַנד, נאָר ער האָט קיין פאָלק ניט געהאַט און אין אַמעריקאַ האָבען זיך געהאַלטען אין גרינדען אידישע קהלות, וועלכע פלעגען עקזיסטירען ביז די אינקוויזיציע פלעגט קומען און זיי חרב מאַכען.

שליסליך האָט נאָך מיט איין־און־נײַנציג יאָהר צוריק דער אידישער שריפטשטעלער און כלל־טהוער ע מ נ ו א ל נ ח פייערליך געגרינדעט א אידישע מדינה אין אַמעריקאַ, פון וועלכע עס איז נאָך איצט געבליבען איין שטיין.

נאָר נאָך שטאַרקער איז געוואָרען די קאָנקורענץ צווישען די צוויי לענדער ביי דער ערוואַכונג פון דעם נאַציאָנאַלען גייסט דורך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 80־גער יאָהרען. ביים אָנפאַנג פון די פּאָגראָמען האָט זיך דאָס פאָלק געלאָזט לויפען וואוהין מען האָט נאָר געקענט, וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען. מען איז געווען נאָהענט צו מערב־גרענעץ פון רוסלאַנד האָט מען זיך געלאָזט לויפען איבער דער גרעניץ. ווער עס האָט דערגרייכט ביז אַמעריקאַ, ווער עס איז געבליבען אין די מערב לענדער פון אייראָפּאַ און ווער עס איז פשוט געבליבען שטעקען אין בראָד, ביי דער רוסישער גרעניץ אין גאַליציען.

דאַן האָבען זיך דערוועקט די אידעאָלאָגען פון פאָלק אום צו אָרגאַניזירען די עמיגראַציאָן. און די אידעאָלאָגען האָבען זיך באַלד צוטהיילט אין צוויי פּאַרטייען: אין פּאַלעסטינצעס און אַמעריקאַנצעס.ביידע זיינען געשטאַנען אויף דעם נאַציאָנאַלען באַזיס. די ערשטע האָבען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען אויפבויען די אַלטע אייגענע היים און די אַנדערע האָבען געוואָלט גרינדען א אידישען שטאַאַט אין אַמעריקאַ, וועלכער זאָל זיין איינער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען.

אין דער צייט ווען אין כאַרקאָוו האָבען די סטודענטען אויסגערופען: ב י ת י ע ק ב ל כ ו ו נ ל כ ה און האָבען דערביי געמיינט נאָר ארץ־ישראל, האָבען זיך אין קיעוו אָרגאַניזירט א גרופּע סטודענטען אונטער דעם נאָמען ע ם ע ו ל ם, כדי צו פאָהרען נאָך אַמעריקאַ.

# אמעריקא און ארץ ישראל

איינער האט אמאל געזאגט, אז די צוויי חברות האבען זיך פארביטען מיט די נעמען. דער רוף: בית יעקב לכו ונלכה פאסט גיכער פאר א וואנדער־פאלק, פאר אמעריקאנער, וואס געהען זוכען גליק אין א נייעם גלות, ביי א נייעם בעל הבית; און עם עולם, דאס אייביגע פאלק, פאסט בעסער פאר די, וועלכע געהען אויפבויען זייער פאלק אין זייער אייביגער היים, אין ארץ־ישראל.

די רוסישע אינטעליגענץ האט אין יענער צייט געהאט צוויי צייטשריפטען, דורך וועלכע זי האט געקענט ארויסזאגען איהרע מיינונגען: דער „רוססקי יעווריי" (דער רוסישער איד) און דער „ראזסוויעט". דער ערשטער האט פון קיין עמיגאציע נאך ניט געוואלט וויסען און האט זיך געהאלטען פעסט ביי דער מיינונג, אז אונזער צוקונפט איז אין רוסלאנד. דער קריעג צווישען די פאלעסטינצעס און די אמעריקאנצעס האט זיך געפיהרט אין „ראזסוויעט". א גרויסען אויספיהרליכען ארטיקעל פאר אמעריקא האט געשריעבען ה' גאמזעפאן. דער נאמען איז אן איבערגעשטעלטער, אין דער אמת'ען האט דער שרייבער געהייסען זאמענהאף. ער איז דאס דער גרינדער פון דער קינסטליכער, אינטערנאציאנאלער שפראך „עספעראנטא". איהם האט געענטפערט אין נאמען פון ארץ ישראל יוסף יאנושפאלסקי, וועלכער איז איצט אן אינזשיניער אין א צוקערפאבריק און דאן איז ער געווען א סטודענט אין פעטערבורגער טעכנאלאגישען אינסטיטוט. נאך זיין ענטפער האט גאנזעפאן אדער זאמענהאף פערעפענטליכט אן ארטיקעל מיט דעם נאמען: אונטער אייזפאהן.

אין דעם ארטיקעל האט ער אויסגעדריקט די פאלגענדע אידעע: „מיר (אמעריקאנצעס) ווילען צוציהען דעם אידישען פאלק צו אקערבוי און דורך דעם צו דער נאטור. איהר, (פאלעסטינצעס) ווילט אויך דאס זעלבע, נאר דוקא אין ארץ־ישראל. — קענען מיר דאך געהן צוזאמען, אייער אידעאל שטערט ניט אונזערען"... — דערמיט האט ער זיך ערקלערט אלס פאלעסטינעץ.

# אַמעריקאַ און ארץ ישראל

די פּאַלעסטינער אידעע, ארץ ישראל, האָט דערמיט געזיעגט. מעהר האָט מען שוין קיין אַמעריקאַנישע אידעאָלאָגען ניט געהערט, ווענינגסטענס אויף דעם נאַציאָנאַלען באַזיס. דער „ראַזסוויעט" איז געוואָרען אין גאַנצען דער אָרגאַן פון די „חובבי ציון."

נאָר דער זיעג איז געווען בלויז אַ מאָראַלישער. אין מאַטעריעלען היג־זיכט האָט פּאָרט געזיעגט אַמעריקאַ. אין אַמעריקאַ איז אַוועקגעגאַנגען דער דער גרויסער שטראָם פון עמיגראַציע, וועלכער האָט פאַר די לעצטע פינף און דרייסיג יאָהר אריבערגעפיהרט איבער'ן אָקעאַן צוויי מיליאָן אידען פון רוסלאַנד, גאַליציען און רומעניען. און וואָס איז נאָך וויכטיגער, איז דאָס, וואָס ארץ ישראל גיט אויך אַרוים אַ היבשען צאָהל פון די עמיגראַנטען, סאַי פון אשכנזים און סאַי פון ספרדים; סאַי פון אַלטען ישוב און סאַי פון נייעם.

אום נאָך אַמאָל צו בעטאָנען, אַז דער זיעג פון אַמעריקאַ איז געווען אַ מאַטעריעלער, מוז דאָ געזאָגט ווערען, אַז דער חלום פון די חברים פון „עם עולם" און אַנדערע אידעאָלאָגען פון אַמעריקאַ דורכצופיהרען דעם ווידער־געבורט פונ'ם אידישען פאָלק דורך צוציהען פון אַ גרויסען טייל פון איהם צו ערד־ארבייט, צו דער נאַטור, איז ניט מקוים געוואָרען.

די אידישע מאַסען אין אַמעריקאַ דרענגען זיך אין די גרויסע שטעדט און דוקא אין די ענגסטע און די שמוציגסטע גאַסען און זייערע בעציהונגען צו ערד־ארבייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי קויפען אָב ביי דעם פּאַרמער די פּרוכטען און זייערע גרינסען און פערקויפען זיי אין קראָמען אָדער פּוש־קאַרטס. עס איז אפילו דאָ אין אַמעריקאַ אַ געוויסע צאָהל אידישע פאַר־מערס, וועלכע לעבען פון ערד־ארבייט, נאָר אין דער גאַנצער מאַסע זיינען זיי אַזוי ווייניג, אַז עס איז אונמעגליך דאָ צו רעדען וועגען אַ צוריקקעהר צו דער נאַטור. דער איד בלייבט אין אַמעריקאַ און נאָך מעהר ווי אין אַלע אַנדערע לענדער אַ ביזנעסמאַן אָדער אַן ארבייטער, וועלכער האָט מיט דער נאַטור גאָרנישט צו טהאָן.

* * *

איצט שטעלט זיך אַ פראַגע, ווי ווייט איז ארץ־ישראל שולדיג אין דעם, וואָס זי איז בעזיעגט געוואָרען דורך אַמעריקאַ?

אום צו ענטפערען אויף דער פראַגע, מוז מען זיך אָבשטעלען אויף די טיפען פון די ארץ־ישראל׳דיגע אידען, וועלכע פאָהרען קיין אַמעריקאַ און אויף די אורזאַכען, וועלכע נויטען זיי ארויסצופאָהרען פון לאַנד.

ווי עס איז בעקאַנט, בעשטעהט די אידישע בעפעלקערונג אין ארץ־ישראל פון צוויי טיילען: פון דעם אַלטען ישוב און פון דעם נייעם. צום אַלטען ישוב געהערען הויפּטזעכליך די אידען פון ירושלים, חברון, צפת און טבריה. מען קען אַננעהמען, אַז זיי זיינען זעכציג אָדער זאַגאַר זיעבציג פּראָצענט פון דער אידישער בעפעלקערונג אין לאַנד. דער טייל פון דער בעפעלקערונג, דער אַלטער ישוב, לעבט אין שרעקליכער דחקות. נאָך מעהר, ער לעבט אַ גאַנץ אוננאַרמאַלען לעבען. צו פערזיכערען זיין עקזיסטענץ אין לאַנד איז געשאַפען געוואָרען די ח ל ו ק ה, דאָס הייסט, כמעט אַלע פון די דאָזיגע אידען לעבען פון נדבות, וועלכע די אידען פון אַלע איבריגע לענדער שיקען זיי, אָדער דורך די געמיינדען, כוללים, אָדער פּריוואַט.

אַמאָליגע יאָהרען, ווען די צאָהל פון די אידען אין ארץ ישראל איז געווען ניט גרויס און די לעבענס מיטלען שפּאָט ביליג, איז די חלוקה געווען גענוג צום לעבען. אָבער אין היינטיגע צייטען גיט די חלוקה שוין ניט קיין מעגליכקייט צום לעבען, און די, וועלכע זיינען נאָך אויף איהר אנגעוויזען, לעבען אין שרעקליכער אָרימקייט און אַזוי ווי אין לאַנד עקזיסטירט נאָך ניט קיין אינדוסטריע און קיין וויכטיגע קאָמערץ, בלייבט פאַר די אידען פון ארץ ישראל איינס פון די צוויי: אָדער אויסשטאַרבען פון הונגער, אָדער עמיגרירען אין אַמעריקאַ צו זוכען ברויט. און זיי טהוען טאַקע בידע זאַכען. דער, וועלכער קען די ירושלים׳ער אָדער די טבריה׳ער אידען, ווייס ווי שוואַך זיי זיינען פיזיש, דערצו טראָגט נאָך פיעל ביי דאָס לעבען אויף דעם אוראַלטען שטיינגער. אין די ענגע פינסטערע שמוציגע גאַסען זיצען אידישע קינדער אין די חדרים אַ גאַנצען טאָג איינגעבויגען איבער דעם ספר, צו פופצעהן יאָהר אָדער אַמאָל נאָך פריהער ווערט מען שוין טאַטעס און מאַמעס. ווי קען מען פערלאַנגען, אַז זיי זאָלען זיין געזונד און ענערגיש?

אין די לעצטע צייטען האָבען די יונגע לייט פון אַלטען ישוב אָנגעהויבען צו פיהלען די נויטווענדיגקייט פון פּראָדוקטיווער ארבייט, זיי

האָבען אָנגעהויבען צו פּיהלען די שאַנדע פון לעבען פון חלוקה, פון נדבות, און זיי האָבען אָנגעהויבען מאַסענווייז עמיגרירען קיין אַמעריקאַ, דרום־אַפריקאַ אָדער אויסטראַליען.

ווי מען זעהט, איז אין דער עמיגראַציע גאָר ניט שולדיג ארץ ישראל. העכסטענס קען מען איהר מאַכען א פּאָרוואורף, וואָס זי בעזיצט נאָך ניט קיין אינדוסטריע, וואָס זאָל קענען געבען פּרנסה די איינוואוינער. נאָר דער פּאָרוואורף וועט קיין שום זינן ניט האָבען. אינדוסטריע איז די העכסטע שטופּע פון ענטוויקלונג פון א לאַנד. אינדוסטריע ענטוויקעלט זיך אין די לענדער, וואו עס איז דאָ אַ פּאַרטיגער מארק, וועלכער נויטיגט זיך אין איה־רע פּראָדוקטען און אינדוסטריע ווערט בעשאַפען פריהער פאַר איהר אייגע־נעם לאַנד און דערנאָך פאַר אויסלאַנד. דעריבער ווען ארץ־ישראל וואָלט גע־ווען אַ לאַנד פון אינדוסטריע, וואָלט שוין דאָרט פאַר אונז קיין פּלאַץ ניט געווען. וועניגסטענס מיר וואָלטען דאָן ניט געקענט האָפען צו ווערען אַמאָל אזוי צאָהלרייך אין לאַנד, אַז מיר זאָלען קענען שפּיעלען אין איהר אַ פּאָלי־טישע אָדער געזעלשאַפטליכע ראָלע. פאַר די הונדערט טויזענד ארץ־ישראל׳־דיגע אידען וואָלט אינדוסטריע אין לאַנד אפשר געווען אַ מעלה; נאָר פאַר די, וועלכע קוקען אויף ארץ ישראל מיט אַנדערע אויגען, וועלכע זעהען אין איהר דעם צוקונפט פון אונזער פאָלק, וואָלט די אינדוסטריע געוויס געווען אַ גרויסער חסרון. עס פערשטעהט זיך, אַז ווען מיר וואָלטען געווען די שאַפער פון דער אינדוסטריע, וואָלט דער חסרון ניט געווען אזוי גרויס נאָר דערוייל, ביז מיר וועלען אנהויבען זי צו שאַפען, קענען די ירושלים׳ער יונגע לייט ניט וואַרטען, און זיי עמיגרירען.

2.

נאָך די מענשען פון אלטען ישוב קומען די שטאָדטישע איינוואוינער פון דעם נייעם ישוב, דאָס הייסט אזעלכע מענשען, וואָס בעקומען ניט קיין חלוקה. זיי זיינען בעלי מלאכות אָדער סוחרים.

דער, וואָס קאָן אָבער אַביסעל דאָס אידישע פאָלק, ווייס גאַנץ גוט, אַז בעלי מלאכות און סוחרים פעהלען ניט ביי אידען. אַזעלכע מענשען

געפינען זיך אין א גרויסער צאָהל אויך אין אַלטען ישוב. די קאָנקורענץ איז דעריבער גרויס און דאָס לעבען שווער. ווען עס גליקט אַ מאַכט זיך א לעבען, אָבער ווען עס גליקט ניט אַב, ווען עס פעהלט אין קאַפּיטאַל, אין מוטה און ענערגיע, יענער געהט זוכען זיין לעבען אַנדערשוואו און פון ארץ־ישראל אין אַמעריקאַ איז דאָך היינטיגע צייטען נאָר איין שפּרונג, בעזונדערס, ווען מען האָט א קרוב אין אַמעריקאַ, וועלכער שיקט צו א שיפס־קאַרטע, — און ווער האָט איצט ניט קיין קרוב אין אַמעריקאַ?

אַלס אילוסטראַציע צו דער לאַגע קען איך דערצעהלען, אַז מיט א יאָהר פיער צוריק זיינען געווען אין תל אביב אליין זיעבצעהן אידישע דאָקטוירים. עס פערשטעהט זיך, אַז זיי האָבען ניט געקענט האָבען אַזוי פיעל פּאַציענטען אום צו מאַכען אַ לעבען, און פיעל פון זיי האָבען געמוזט אוועקפאָהרען.

אין דעם בעשטעהט דאָך די אומנאָרמאַלקייט פון אונזער פאָלק, וואָס מיר האָבען צו א גרויסען מיטעלשטאַנד, א צו גרויסען גייסטיגען פּראָלעטאַריאַט. ווען מיר ווילען אַז דאָקטוירים, סוחרים, בעלי מלאכות זאָלען קענען לעבען אין ארץ ישראל, דאַרף מען דאָרט פריהער האָבען א גוטען בויערנשטאַנד, וועלכער דיענט אין דער גאַנצער וועלט אַלס באַזיס פאַר דעם גאַנצען פאָלק און מיר זעהען דאָס שוין אפילו אין ארץ ישראל אויך. אין ראשון־לציון לעבען אַכציג פאַמיליען קאָלאָניסטען און ארום זיי אַלס לעהרער, בעלי מלאכות, סוחרים און שטענדיגע ארבייטער מעהר ווי הונדערט פאַמיליען. א חוץ א דאָקטאָר, אַן אַפּטייקער און אַנדערע. אונגעפעהר די זעלבע פּראָפּאָרציע געפינען מיר אויך אין די איבעריגע גרויסע קאָלאָניען.

אין דער סאָרט עמיגראַציאָן פון ארץ־ישראל, אין דער עמיגראַציאָן פון קליינע סוחרים און בעלי־מלאכות איז ווידער ארץ־ישראל ניט שולדיג. מיר זעהען אַזאַ ערשיינונג אין דער גאַנצער וועלט. אין אַמעריקאַ אליין פאָהרט מען פון ניו יאָרק קיין פילאַדעלפיא אָדער אין באָסטאָן. פון דאָרטען קיין שיקאַגאָ און וויטער אין דער וועסט און צוריק אין ניו יאָרק.

נאָר צווישען די ארץ־ישראל׳דיגע אידען דאָ אין אַמעריקאַ זיינען פאַראַן אויך געוועזענע קאָלאָניסטען אָדער וועניגסטענס אַזעלכע, וועלכע

האָבען געוואוינט אין אַ קאָלאָניע, — און דאָס לאָזט ניט רוהען די געגנער פון ארץ ישראל און שטעלט אין אַ פערלעגענהייט די פריינד פון דעם לאַנד, וועלכע ווייסען ניט גענוי, מיט וואָס צו ערקלערען אַזאַ ערשיינונג.

איידער איך וועל אנווייזען אויף דער אַלגעמיינער אורזאַך דערפון, וויל איך ארומריידען איינינע איינצעלהייטען.

די אידישע אַרבייטער. עס געפינט זיך אין די קאָלאָניען אַ גרופּע מענשען, וועלכע זיינען מאַטעריעל צו ארץ ישראל ניט צוגעבונדען. זיי ארבייטען אַלס טאָג־לוינער ביי די אידישע קאָלאָניסטען. ביי אונז הייסען זיי אַרבייטער. נאָר ביי דעם געוועהנליכען עולם דאָ אין אַמעריקא הייסען זיי אויך קאָלאָניסטען. דער אונטערשיעד איז נאָר אַ מאַטעריעלער, ווי איך האָב שוין געזאָגט. אין מאָראַלישען זינען, אַלס קעמפּפער פאַר אונזער אידעע, שטעהען זיי גלייך מיט די קאָלאָניסטען. קיין שטים־רעכט אין די קאָלאָניען האָבען זיי ניט, ווייל זיי האָבען דאָרט קיין אייגענטהום ניט און זיינען איבערהויפּט ניט צוגעבונדען צו קיין קאָלאָניע.

די אַרבייטער האָבען צו ליידען פון פערשיעדענע קריזיסען מעהר ווי די געוועהנליכע קאָלאָניסטען, ווייל זיי האָבען ניט אונטער זייערע פיס קיין מאַטעריעלען באַזיס. ווען, צום ביישפּיעל, ביים אָנפאַנג פון קריעג זיינען פיעלע שטאָדטישע אידען רוסישע אונטערטאַנען ארויסגעפּאָהרען פון לאַנד, איז פון די קאָלאָניסטען כמעט קיינער ניט ארויסגעפאָהרען. אַרבייטער זיינען יאָ אַרויסגעפּאָהרען אין אַ גאַנץ היבשער צאָהל.

ביי דעם קריזיס וואָס האָט געטראָפען די קאָלאָניען מיט אַכצעהן יאָהר צוריק, ווען זיי זיינען אריבערגעגאַנגען פון דער דירעקטער אַדמיניסטראַציאָן פון באַראָן ראָטשילד צו דער אַדמיניסטראַציע פון יק״א, איז בע־שטימט געוואָרען אַ גרויסע סומע געלד פאַר אַרבייטער אום צו געבען זיי די מעגליכקייט אַרויסצופאָהרען פון לאַנד. די רייזע־הוצאות האָבען געמעגט זיין זעהר גרויס — מען האָט זיי אָבער געגעבען. עס האָט זיך געטראָפען, אַז אַרבייטער האָבען אויפגעוויזען אַז מיט דעם געלד, וואָס מען גיט זיי אויף אָוועקצופאָהרען, קענען זיי בלייבען און גוט לעבען אין לאַנד, נאָר דאָס האָט מען זיי ניט ערלויבט, מען האָט זיי געגעבען נאָר אויף אָוועקצופאָהרען! . .

די ארבייטער האָבען ניט שטענדיג ארבייט. זיי, די ארבייטער, בעשולדיגען אין דעם די אידישע קאָלאָניסטען. די קאָלאָניסטען וואַרפען אַרויף די שולד אויף די אַרבייטער. ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו רעדען וועגען דער פראַגע. איין זאַך איז אָבער זיכער. עס זיינען דאָ חדשים אין יאָהר, אין וועלכע עס איז דאָ פיעל אַרבייט און עס זיינען דאָ חדשים, אין וועלכע עס איז כמעט ניטאָ קיין ארבייט. און דאָס פעראורזאַכט, אַז אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער קענען אין לאַנד ניט עקזיסטירען און פיעל פון זיי זיינען געצוואונגען ארויסצופאָהרען.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט אוסישקין פאָרגעשלאָגען, אַז אידישע יונגע לייט זאָלען, ווי אין פּריוואיליגען מיליטער־דיענסט, ארבייטען ווענינגסטענס דריי יאָהר אין ארץ־ישראל. פיעל יונגע לייט האָבען דעם פאָרשלאַג אָנגענומען און זיי קומען טאַקע לכתחילה נאָר אויף דריי יאָהר צו טהאָן זייער פפליכט, זייער „מיליטער־דיענסט" פאַר ארץ־ישראל. זעלבסטפערשטענדליך, ווירקט דאָס לאַנד אויף אַ טהייל פון זיי, וועלכע בלייבען אָדער זוכען צו בלייבען אין לאַנד. די איבעריגע פאָהרען אוועק צוריק אין רוסלאַנד אָדער גאַליציען, וועד אין אַמעריקא נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעדיענט זייער צייט...

איך האָב אויסגערעכענט די הויפּט אורזאַכען, צוליעב וועלכע די אַרבייטער פערלאָזען דאָס לאַנד. עס זיינען דאָ נאַטירליך נאָך אַנדערע אומשטענדען, וועלכע צווינגען דעם אָדער יענעם צו נעהמען זיין רייזע־שטאָק און פאָהרען ווייטער פון לאַנד. אין דעם אַלעם איז אָבער ארץ ישראל ניט שולדיג.

ק י נ ד ע ר  פ ו ן  ק אָ ל אָ נ י ס ט ע ן. מיט דעם געה איך איבער צו דעם וויכטיגסטען טייל פון דער גאַנצער פראַגע. די קינדער פון די קאָלאָניסטען זיינען אונזער צוקונפט אין לאַנד און ווען זיי זאָלען ארויספאָהרען איז דאַן געשטעלט אין ספק די גאַנצע צוקונפט. צום גליק אָבער איז די צאָהל פון אַזעלכע קינדער ניט גרויס און ווערט קלענער פון יאָהר צו יאָהר. אָבער מען קען ניט לייקענען אַז פיעל זיינען טאַקע ארויסגעפאָהרען און עס איז אינטערעסאַנט אָבצושטעלען זיך אויף די אורזאַכען דערפון.

ערשטענס מוז מען האָבען אין זינען, אַז ביי אידען איז די ליעבע צו די קינדער פיעל גרעסער ווי ביי די אַנדערע פעלקער. איך גיב דאָס ניט אַן אַלס אַ מעלה, אָדער אַלס אַ חסרון, איך קאָנסטאַנטיר נאָר דעם פאַקט. וויפיעל מאָל האָב איך געהערט פון קאָלאָניסטען די ווערטער: „מיר האָבען זיך געאָפּפערט פאַר דער אידעע פון ישוב ארץ ישראל און מיר ווילען בלייבען אויף אונזערע פלעצער, נאָר א ו נ ז ע ר ע  ק י נ ד ע ר  א ו י פ א פ פ ע ר ע ן  ק ע נ ע ן  מ י ר  נ י ט"...

ווען מען זאָל צו דעם דערמאָנען די דחקות, אין וועלכער די מייסטע קאָלאָניסטען האָבען געלעבט ביז זיי זיינען ארויף אויפ'ן ריכטיגען וועג, ווען מען זאָל זיך דערמאָנען ווי די קאָלאָניסטען האָבען געהאַט צו ליידען מאָראַליש, ווען מען האָט געדאַרפט שטעהן ביי דער טהיר פון דעם דירעקטאָר בעטען די חודש־שטיצע, וועלען מיר בעגרייפען, און אפשר אויך מוחל זיין, די פאָטערס און די מוטערס, וועלכע האָבען געזעהען צו בעזאָרגען זייערע קינדער זיי זאָלען ניט דאַרפען זיין אין אַזא לאַגע...

עס איז אויך גוט בעקאַנט, אַז אין יעדער אידישער פאַמיליע, ווען ניט אַלע קינדער זיינען זשעניען, מוז איינער צום ווענינסטענס זיין א זשעניע, פאַר וועלכען עס וואַרטען קאַטהעדרעס אין יעדער אוניווערזיטעט. און אַזאַ זשעניע צו בעהאַלטען אין ארץ ישראל אין אַ קליינער קאָלאָניע ביי ערד־אַרבייט איז דאָך פשוט אַ זינד פאַר גאָט און פאַר לייט... געוועהנליך איז דער זשעניע דער עלטערער אין דער משפחה און ער מוז אוועקפאָהרען ערגעץ שטודירען. אָבער נאָך איהם ציהען זיך שוין די איבעריגע ברידער, אָפטמאָל ביז דעם לעצטען.

דערצו דאַרף מען נאָך צולעגען, אַז דאָס לאַנד, וואָס יעדער קאָלאָניסט פערמאָגט, איז געוועהנליך ניט גענוג, אַז מען זאָל עס קענען צוטיילען צווישען אַלע קינדער. וועגען פערגרעסערען די חלקים פון די קאָלאָניסטען, זיי זאָלען קלעקען אויך פאַר די קינדער, איז ביז איצט גאַנץ וועניג געטהאָן געוואָרען און גאַנץ אָפט זעהט זיך אַ קינד פון אַ קאָלאָניסט געצוואונגען צו פערלאָזען דעם פאָטערס הויז און דערמיט די קאָלאָניע מיט גאַנץ ארץ ישראל...

# אמעריקאַ און ארץ ישראל

.3

די שולען אין די קאָלאָניען פון ארץ ישראל שטעהען זעהר הויך און מען קען זיי בלויז מאַכען דעם פאָרוואורף, אז זיי שטעהען שוין צו הויך.... זיי זיינען גאָר ניט צוגעפּאַסט צו ערציהען די קינדער אלס קאָלאָניסטען. מען לערנט דאָרט זעהר פיעל, נאָר אין קיין שולע איז ניט איינגעפיהרט מען זאָל אין איהר לערנען געגענשטענדע, וועלכע האָבען אַ שייכות צו לאַנדווירטשאַפט. אין איינער פון די שעהנסטע און גרעסטע קאָלאָניען געפינט זיך ביי דער שולע עטליכע דונאָם לאַנד, וואו די קינדער שפּיעלען זיך אין אַרבייט אין דער פרייער צייט. פון ערנסטער אַרבייט איז דאָרט קיין רייד ניטאָ. איך האָב אַמאָל געפרעגט די לעהרער, פאַרוואָס גיבען זיי ערנסט ניט אַכטונג, אַז די קינדער זאָלען פּראַקטיצירען אין דער אַרבייט. האָבען זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבען מורא, אז די קינדער זאָלען ביי זיי ניט פרעגען קיין שאלות אין אַגריקולטור, אויף וועלכע זיי וועלען ניט קענען ענטפערען... די לעהרער זיינען אין דעם גאָר ניט שולדיג. זיי זיינען דאָך ניט מחויב צו קענען דאָס, וואָס זיי האָבען ניט געלערענט, און אַ לעהרער אַן אַגראָנאָם פעהלט אי'ן יעדער קאָלאָניע. און דאָס מאַכט, אַז די שולען אין די קאָלאָניען זיינען עהנליך צו די שולען אין די שטעדט, אָהן קיין שום אונטערשיעד. און דאָס קען ניט ביינטראָגען, אַז די קינדער זאָלען וועלען בלייבען אין קאָלאָניע. פערקעהרט, אין דער שולע ווערט ער ענטוויקעלט, ער לעזט ביכער, ער הערט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע שעהנע וועלט און, מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ זינדיגער מענש, עס ווילט זיך זעהען די וועלט. מיר, די עלטערע, וועלכע האָבען געזעהען די וועלט, קענען שוין אויך איהר לינקע זייט, אָבער די יונגע קינדער ווילען אונז אויפ'ן וואָרט ניט גלויבען און ווילען אויך אַליין זעהען מיט אייגענע אויגען...

ביי די אומשטענדען האָבען אייגענטליך אלע קינדער געדאַרפט פערלאָזען דאָס לאַנד, און ווען זיי טהוען עס ניט, איז דאָס צו פערדאַנקען דער אַנציהונגס־קראַפט פון ארץ ישראל און אונזער אידעאַל. און איצט,

ווען די מאָראַלישע ערנידערונג פון דער זייט פון דער אַדמיניסטראַציע האָט אויפגעהערט, ווען אין איינִיגע קאָלאָניעס האָט מען צוגעקויפט לאַנד, איז די עמיגראַציאָן פון די קינדער געוואָרען בעדייטענד קלענער. זי האָט כמעט אויפגעהערט. נאָר אַז מען רעדט פון דער אנציהונגס־קראַפט פון אונזער אידעאַל, מוז איך דערמאָהנען, אַז אין ארץ ישראל האָט די פּראָפּאַגאַנדאַ פון פּאָליטישען ציוניזם אויך עטוואָס ביַיגעטראָגען צו... דער עמיגראַציע פון ארץ ישראל. די ערשטע צייט האָבען די פּאָליטישע ציוניסטען זיך די מיהע געגעבען צו בעווייזען, אַז אָהן פּאָליטישע רעכט, אָהן אַ טשאַרטער, האָט די גאַנצע אַרבייט אין ארץ ישראל גאָר קיין ווערט ניט. א חוץ דעם האָבען די קאָנגרעסען אויפגעוועקט די פראַגע פון דער וויכטיגקייט פון די אַרבייט אין די גלות־לענדער, אין פאָלק. ווען דאָס אַלֵין האָט ניט ארויסגערופען עמיגראַציאָן דירעקט, האָט דאָס ווענִיגסטענס געגעבען א הכשר פאַר די, וועלכע האָבען סאַי־ווי־סאַי געוואָלט אַוועקפאהרען. פריהער האָט מען געוואוסט אז מען טהוט א פערברעכען פאר׳ן פאָלק. נאָך דעם האָט מען געקענט אַוועקפאָהרען עפענטליך־רעכטליך... פיעל פון די ארץ־ישראל׳דיגע יונגע לייט שפּיעלען טאַקע אַ גרויסע ראָלע אין די אויסלענדישע ציוניסטישע פעראיינען. אָבער אין ארץ־ישראל פעהלען זיי.

ווי מען זעהט, איז אין דעם אַרויספאָהרען פון ארץ ישראל׳דיגע קינדער אין חוץ לארץ, ארץ ישראל גאָר ניט שולדיג. עס איז שולדיג דער מאַנגעל אין מיטלען, דער מאַנגעל אין אָרגאַניזאַציאָן, דער מאַנגעל אין פּאַסענדער ערציהונג, און נאָך אַנדערע זייטיגע אומשטענדען, אָבער ניט ארץ ישראל אַלס לאַנד.

איך וואָלט געזינדיגט געגען דעם אמת, ווען איך וואָלט צווישען די פערשיעדענע אורזאַכען פון דער יוגענד־עמיגראַציע פון ארץ־ישראל, ניט דערמאָהנט די מיליטער־דיענסט־פליכט, וועלכע איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף אידען מיט עטליכע יאָהר צוריק. אין די אייראָפּעאישע לענדער זיינען שוין די אידען צוגעוועהנט צו דער פליכט, נאָר ביי אונז איז דאָס נאָך אַ נייעס. נאָר נאָך אַלעמען מוז מען בעמערקען, אַז מיט טויזענד

פראַנק (200 דאלאר) קען מען זיך אויסקויפן. ביים מיליטער דאַרף מען דינען דריי יאָהר. דאָס הייסט, אונגעפעהר טויזענד און הונדערט טעג. יעדער ארבייטס־טאָג ביי אַ קאָלאָניסט אין ווערטה ווייניגסטענס דריי פראַנק אַ טאָג, סאַי פאַר איהם פערזענליך, סאַי פאַר דעם כלל. ווען מען וואָלט געשאַפען אַ פאָנד, אַז יעדער יונגער קאָלאָניסט זאָל זיך קענען אויסקויפען פון מיליטער דיענסט, וואָלט מען פערדיענט אן איהם, דער פרט און דער כלל, ווייניגסטענס צוויי טויזענד פראַנק. נאָר דאָ בעגעגענען מיר זיך ווייטער מיט דעם מאַנגעל אין מיטלען, מיט דעם מאַנגעל אין אָרגאַניזאַציאָן. א חוץ דעם, ווען אונזערע יונגע לייט וואָלטען געלערענט די רעגיערונגס און מיליטער־שפּראַך — טערקיש — וואָלט פאַר זיי דאָס דיענען זיין פיעל לייכטער, ווי די פראַקטיק האָט שוין בעוויזען. און דאָ זעהן מיר ווייטער דעם מאַנגעל אין אָרגאַניזאַציאָן, דעם מאַנגעל אין שול־בילדונג.

עס טרעפט זיך, ווען אַפילו גאַנץ זעלטען, אַז קאָלאָניסטען פאָהרען אויך אַרויס פון ארץ ישראל. און דאָ מוז איך אָנווייזען אויף דער אַלגע־מיינער אורזאַכע, וואָס פיהרט צום אויספאָהרען פון לאַנד.

ווי מיר זעהען אין דער גאַנצער וועלט, עקזיסטירט אין אַלע לענדער אַ שטרעבען צו פערלאָזען דעם דאָרף און צו בעגעבען זיך אין די שטעדט. די ריעזיגע שטעדט ווי לאָנדאָן, פאַריז, בערלין, און אַנדערע האָבען צו פער־דאַנקען זייער וואַקסען אָט דער דאָזיגער שטרעבונג. אונזער אידעע פאָ־דערט דעם געגענטייל, און פון ווענען? פון מענשען וועלכע זיינען שוין זינט צוויי טויזענד יאָהר אָבגעריסען פון לאַנד, פון דער נאַטור, וועלכע זיינען נאָר שטאָדט־איינוואוינער, וועלכע האָבען זייער לעבען צוגעפאַסט נאָר צום שטאָדט. אום איבערצוטראָגען אַזאַ מין ענדערונג אין לעבען, דאַרף מען האָבען צוויי זאַכען: געלט און אַ היבשען זאַפּאַס פון אידעאַליזם אָדער ווייניגסטענס איינע פון די צוויי זאַכען, און ווען זיי פעהלען איז דאָך קיין חדוש ניט אַז מען האָט ניט אַלע מאָל געקענט אויסהאַלטען ביז'ן סוף. עס איז ווירקליך שווער צו פערלאַנגען אידעאַליזם פון מאַסען, פון טויזענדער מענשען. עס איז פיעל לייכטער צו שטאַרבען פאַר א אידעע,

ווי צו לעבען פאַר איהר, אויסבייטען זי אויף קליינגעלט, האָבען צו טהאָן מיט קליינינגקייטען און ניט אַלע זיינען עס געווען אים שטאַנד צו טהאָן. מען דאַרף דערצו ניט פערגעסען די מאָראַלישע ליידען זייערע פון דער זייט פון דער אַדמיניסטראַציע פון באַראָן ראָטשילד, ווי פון אַנדערע בעלי־טובות, אַמאָל אפילו פון אייגענע ברידער חובבי ציון און ציוניסטען.

און געלט, ווי מען ווייס, האָט אויך אַלע מאָל געפעהלט די קאָלאָניסטען. קיין אַגראַר־באַנק עקזיסטירט נאָך ניט פאַר זיי, זיי זיינען איבער־געלאָזען אויף זייערע אייגענע כחות, און ווי אחד העם האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, די בעציהונג צו זיי פון די כלל־טהוער, קען זיך כאַראַקטע־ריזירען מיט די ווערטער: „שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט"...

נאָר די גרעסטע שטערונג איז די אַבסאָלוטע אונוויסענהייט פון דעם גרעסטען טייל קאָלאָניסטען אין אַלע זאַכען וואָס געהערען צו ערד־אַרבייט און דורך אַן אונוויסענהייט מאַכט מען פעהלערען, מען פערליערט געלט, מען פערליערט מוטה און אַמאָל איז מען אויך געצוואונגען וואַרפען די אַרבייט און אַוועקפאָהרען. ארץ ישׂראל איז אין דעם אַבסאָלוט ניט שולדיג. שולדיג איז אין דעם אונזער גלות, אונזער אָבגעריסענקייט פון דער נאַטור, פון ערד־אַרבייט און... אַמעריקאַ.

4.

וואָס הייסט אַמעריקאַ איז שולדיג? — וועט מען מיך פרעגען. גאַנץ איינפאַך. ווי עס איז בעקאַנט און ווי איך האָב שוין דערמאָנט, עקזיסטירט אַ שטרעבונג פון די דערפער אין די שטעדט. אין ארץ ישׂראל איז אָבער ניטאָ קיין גרויסע שטעדט מיט האַנדעל, מיט אינדוסטריע, און די, וועלכע זיינען דאָ, ציהען צו זיך די קאָלאָניסטען פון ארץ ישׂראל ניט צו. און דאָס איז איינע פון די מעלות פון אונזער לאַנד. דער קאָלאָניסט קען ניט ביי יעדען שלעכטען צופאַל וואַרפען די ערד־אַרבייט און געהן זוכען אַרבייט אין שטאָדט. אין די ערשטע יאָהרען פון ישוב האָט דאָס געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. אָבער צו דער לעצטער צייט איז צו אונז געוואָרען נעהענטער אַמעריקאַ. די רייזע פון יפו קיין ניו יאָרק קאָסט נאָר 50 דאָלאַר; יעדער

איך האָט אין אמעריקאַ אַ קרוב, וועלכער נעהמט אַ שיפס־קאַרטע אויף אויסצאָהלען און שיקט זי איהם צו. די רייזע איז זעהר לייכט געוואָרען און די גרויסע אַמעריקאַנישע שטעדט שפּיעלען די ראָלע וועלכע עס קענען ניט שפּיעלען די ארץ־ישראל׳דיגע שטעדט...

ניט אומזיסט האָבען די חכמים געזאָגט: „ניט די מויז גנב׳עט, דאָס לאָך גנב׳עט״...

אום צו פערשטאַרקען דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל, האָבען די לעצטע צייט אונזערע כלל־טהוער שטאַרק אָנגעהויבען רעדען פון ענט־וויקלען דאָרט אַ גרויסע אינדוסטריע. בעזונדערס רעדט מען מכח דעם זעהר שטאַרק אין אמעריקאַ. דאָס לאַנד פון אינדוסטריע. נאָר איך ערלויב מיר צווייפלען, אויב דאָס איז מעגליך, און איך האָב זעהר מורא, אז דאָס וועט אונז ברייננגען צו נייע ענטוישונגען. ווירקליך, ווען אָקערבוי הענגט אָב פון אונז פערזענליך, הענגט אָב אינדוסטריע פון זייטיגע אורזאַכען, פון זייטיגע קרעפטען, וועלכע זיינען זעהר אָפט פאַר אונז אונגינסטיג.

פאַר אינדוסטריע דאַרף מען ערשטענס האָבען אַ מאַרק. דער מאַרק קען זיין אַ אינערליכער אָדער אַן אויסלענדישער. דער אינערליכער מאַרק אין ארץ ישראל איז נאָך גאַנץ קליין און אין איהם אַליין דאַרפען מיר אָפט קעמפּפען מיט אויסלענדישער קאָנקורענץ. זוכען אַ מאַרק אין אויסלאַנד איז אָבער גאַנץ שווער. די אויסלענדישע נאַציאָנען אום צו שטיצען זייער אייגענע אינדוסטריע, פערשפּאַרען דעם וועג פאַר פרעמדע סחורות דורך גרויסע אָבצאָהלונגען. מיר וועלען נעהמען צום ביישפּיעל די אינדוסטריע וועלכע מיר האָבען בעשאַפען אין ארץ ישראל — די וויין אינדוסטריע. די אינדוסטריע איז באַזירט אויף די שעהנע וויינגערטענער פון ראשון לציון, רחובות, זכרון יעקב און אנדערע אידישע קאָלאָניען. אין גאַנצען בעזיצען מיר אַן ערך פון פינף און צוואַנציג טויזענד דונאַם (פון זעקס ביז זיעבען טוזענד אַקער) וויינגערטענער.

מיר האָבען געקענט האָבען אין ארץ ישראל צעהן מאָל און זאָגאר צוואַנציג מאָל מעהר וויינגערטענער און פּראָדוצירען צעהן־מאָל און זאָגאר מעהר וויין. **נאָר אין לאַנד איז אויף וויין כמעט ניטאָ קיין מאַרק. די**

מחמדאַנער טרינקען ניט קיין וויין. אידען טרינקען איבערהויפּט ווייניג. דערצו האָבען מיר נאָך אין לאַנד גופא אַ קאָנקורענץ פון אַנדערע, וואָס מאַכען וויין: פון דייטשע קאָלאָניסטען, פון אַראַבער קריסטען, פון אידען וועלכע קויפען ביי די אַראַבער טרויבען און מאַכען וויין, און אַפילו פון סמירנער און ציפּריסער וויין, וועלכען אידען און גרעקען פיהרען אריין. אין אויסלאַנד בעגעגענען מיר זיך אומעטום מיט לענדער, וועלכע פּראָדוצירען אליין וויין: מיט טערקיי, איטאַליען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רומלאַנד און אַנדערע. און מיט דיעזע פּראָדוקטען פון יענע לענדער דאַרפען מיר קאָנקורירען, ווען מיר ווילען אַריינפיהרען דעם וויין אין די לענדער, וועלכע האָבען קיין אייגענעם וויין ניט, ווי מצרים, ענגלאַנד. דעריבער האָט אונזער קליינע אינדוסטריע געקאָסט זעהר פיעל. זי האָט געהאַט דורכצומאַכען פיעלע קריזיסען. עס איז שוין געווען אַ צייט ווען מען האָט די קאָלאָניסטען געגעבען געלט פאַר א ו י ס ה א ק ע ן זייערע גערטענער. נאָר אַ דאַנק דער שטיצע פון באַראָן ראָטשילד האָט געקענט דיעזע אינדוסטריע ענטוויקלען זיך. קורץ, יעדע אינדוסטריע איז אבהענגיג פון דעם וועלט־מאַרק און אויף דעם וועלט־מאַרק זיינען מיר נאָך קליינע בעלי־בתים...

די ווידערגעבורט פון אונזער פאָלק איז אבהענגיג פון צוויי זאַכען: פון אומקעהרען זיך אין אונזער לאַנד און פון אומקעהרען זיך צו דער נאַטור. צו דער לעצטער קענען מיר זיך אומקעהרען נאָר דורך ערד־ארבייט. מיט דעם וואָס מיר ווילען די מאַסען פון פאָלק איינזעצען אין פאַבריקען וועלען מיר זיי צו דער נאַטור געוויס ניט אומקעהרען און מיר וועלען וועניג טהאָן פאַר זייער ווידערגעבורט. מען וועט זיי נאָר געבען אַ שטיקל ברויט. נאָר דאָס איז נאָך אויך אַ פראַגע. די אינדוסטריע איז זעהר שטאַרק אונטערוואָרפען צו קאָנקורענץ און צו קריזיסען. און איין קריזיס קען אָבנעהמען דעם שטיקל ברויט, אַרויסוואַרפען אויפ'ן גאַס טויזענדער מענשען. אין אונזער פאַל הייסט דאָס ניט נאָר אַרויסוואַרפען אויפ'ן גאַס, נאָר אויך אַרויסוואַרפען פון לאַנד — גלייך קיין אַמעריקאַ!...

און אין דער צייט, ווען מיר וועלען זיך בעזעצען אין שטעדט און פערשפארען זיך אין פאבריקען וועלען ניט־אידען פראדוצירען פאר אונז דעם רויהען שטאף דורך אקערבוי און פיהצוכט; זיי וועלען פאר אונז פראדוצירען ברויט, קארטאפעל, ציבעלע, היהנער, אייער, פלייש און אנדערע זאכען און וועלען דאס אלץ אונז פערקויפען פאר הויכע פרייזען. זיי וועלען דורך אונז ווערען רייכער. עס וועט זיין פאר אונז אונמעגליך צו אבקויפען ביי זיי נייע באדענס. זיי וועט ניט לוינען צו פערקויפען אדער זיי וועלען פערלאנגען פרייזען, וועלכע מיר וועלען קיינמאל ניט קענען געבען. און אויף אזא אופן וועלען מיר בלייבען דאס, וואס מיר זיינען אומעטום: שטאדטישע איינוואוינער, ווייטע פון דער נאטור, פאבריק ארבייטער, קליינע הענדלער, און זיי וועלען זיין די בעלי־הבתים פון דעם באדען, און דאס ווייס דאך יעדער, אז דער בעל־הבית פון באדען איז דער בעל־הבית פון לאנד . . .

געוויס, עס עקזיסטירט א רייהע קליינע אינדאסטריען, וועלכע קענען אונז ניט שאדען, וועלכע האבען שוין אנגעפאנגען צו ענטוויקלען זיך און וועלכע קענען נאך געשאפען ווערען. אבער מיר וועלען זיכער זינדיגען נעגען אונזער פאלק און געגען זיין צוקונפט, ווען מיר וועלען אנפאנגען מיט גרויסע אינדוסטריעלע פלענער בעפאר מיר האבען אוועקגעלעגט דעם באזיס, דעם יסוד צו א געזונטען פאלקס־לעבען, בעפאר מיר האבען בעשאפען א געזונטען בויערען־שטאנד.

אונזערע זיידעס פלעגען אונז דערצעהלען, אז מענשען פלעגען אמאל זעהען אין פעלד אדער אין וואלד א מין פייערעל. דאס פלעגט זיין אן אוצר. נאר ניט אלע האבען געקענט נעהמען דעם אוצר. מען האט געדארפט דערצו וויסען א שפרוך, א צויבער־ווארט.

ווען מיר קוקען זיך צו צו ארץ ישראל און זעהען וואס פאר א געבענטשט לאנד דאס איז, ווען מיר קוקען זיך צו צו די אידישע קאלאניען, וועלכע זיינען עהנליך צו אאזיסען אין דער וויסטע, ווען מיר טהוען א טראכט, וואס ארץ ישראל קען זיין פאר אונזער פאלק, וואס פאר א ראליע זי קען שפיעלען אין אונזער צוקונפט, מוזען מיר זאגען, אז דאס איז פאר

אונז אַ וואַהרער אונשעצבאַרער אוצר. נאָר דעם אוצר דאַרף מען קענען נעהמען, און דער איינציגער שפּרוך דערצו, דאָס איינציגע צויבער־וואָרט איז: ע ר ד ־ א ר ב י י ט ! נאָר דורך ערד־אַרבייט קענען מיר געזונט־מאַכען אונזערע אונגליקליכע ברידער פון די ארץ־ישראל'דיגע שטעדט. די ברידער, וועלכע ווערען פערהונגערט פון גרוים נויט, וועלכע ווערען ערני־דעריגט דורך חלוקה, וועלכע מוזען עמיגרירען אום צו זוכען אַ שטיקעל ברויט. נאָר ווען מיר וועלען שאַפען אַ גרויסען בויערען־שטאַנד, וועלען דאָרטען קענען לעבען אַרבייטער, בעלי־מלאכות, סוחרים און מענשען פון פרייע פּראָפעסיאָנען, ווי לעהרער, דאָקטוירים, אינזשענערען און אַנדערע.

נאָר אויפ'ן באַזיס פון אַגריקולטור וועט זיך קענען גאַנץ נאַטירליך ענטוויקלען אַ שעהנע, געזונטע אינדוסטריע, וועלכע וועט געפינען אין לאַנד גופא אַ גוטען מאַרק און וועט נאָר דעם איבערפלוס דאַרפען ארויס־שיקען נאָך אויסלאַנד.

אַ פאָלק דאַרף מען, ווי יעדען בנין, אָנהויבען בויען פונ'ם פונדאַמענט און ניט פון דאַך.

נאָר ווי שאַפט מען אַ בויערען־שטאַנד, ווי שאַפט מען אַקערבויער פון אונזער מענשען־מאַטעריאַל, פון די גלות־אידען, וועלכע זיינען שוין צוויי טויזענד יאָהר אַבגעריסען פון לאַנד און לאַנד־אַרבייט? דער אַקערבוי אַליין איז אויך אַ מין אוצר, וועלכער דאַרף אַ שפּרוך. דאָס צויבער־וואָרט איז: ע ר צ י ה ו נ ג. אַן אַקערבויער מוז ערצויגען ווערען אין פּאַסענדע אַקערבוי־שולען, וואו דאָס לעבען און דאָס פּראָגראַם פון אַרבייט און פון לערנען זיינען צוגעפּאַסט צו דעם ציעל. ביי די פעלקער, וועלכע האָבען אַ געזונטען בויערען־שטאַנד עקזיסטירען אַזעלכע שולען, אָבער ביי אונז פעה־לען זיי נאָך גענצליך.

מענשען אָהן וויסען, אָהן פּאָרבערייטונג געהען ווערען קאָלאָניסטען און דערנאָך וואַנדערען מיר זיך, פאַרוואָס אַ טייל פון זיי אָדער אַ טייל פון זייערע קינדער פאַהרען אַוועק פון לאַנד מיט פערצווייפלונג. מיר וואונדערען זיך פאַרוואָס נאָך פיער־און־דרייסיג יאָהר אַרבייט האָבען מיר אין די קאָלאָניעס ניט מעהר ווי פון צוועלף ביז פופצעהן טויזענד נפשות.

# אַמעריקאַ און ארץ ישראל

יעדע מלאכה פאָדערט פאַרבעררייטונג און אַקערבוי פאָדערט נאָך דערצו ערציהונג. פון אויסנאַהמען, פון מענשען, וועלכע האָבען, ווי די ערשטע קאָלאָניסטען, זיך געקענט איבערברעכען, רעדט מען ניט. אַזעלכע מענשען זיינען אויסנאַהמען. א פאָלק קען זיך אויף אויסנאַהמען ניט פערלאָזען און מוז פאַרבערייטען זיין פריעדליכע ארמעע, אַזוי ווי די אנדערע פעלקער גרייטען אָן זייערע ארמעען צו מלחמות.

און אזוי ווי אמעריקא, ווי איך האָב בעוויעזען טראָגט א גרויסען טהייל שולד דערפון וואס ארץ ישראל'דיגע אידען פארלאזען זייער לאנד, ליעגט אויף אמעריקא, ד. ה. אויף די אמעריקאַנער אידען, דער חוב צו שאַפען די אַנשטאַלטען, די שולען, וואו עס ווערען זיך ערציעהען פאר ארץ ישראל די צוקינפטיגע קאָלאָניסטען, אונזער צוקינפטיגע פריעדליכע ארמעע.

ביי איצטיגע אומשטענדען, ביי דעם שרעקליכען חרבן וואס האָט געליטען דאס אידישע פאָלק אין די לענדער פון מזרח, איז אַמעריקאַ דערווייל דאס איינציגע לאַנד וואס קען דאס טהאָן.

און דאָס אידישע פאָלק האָפט אַז יעדער אַמעריקאַנישער איד וועט טהאָן זייער פפליכט!

# איז די געפאהר פון קולטור־צענטער־ציוניזם ווירקליך אין געפאהר ?

### א ענטפער אויף איין ארטיקעל אין דער „אידישער וועלט״, פון פילאַדעלפיע, אונטער דעם נאָמען: „די געפאַהר פון קולטור ציוניזם.״

---

אונזער פאָלק לעבט איצט איבער אַ שרעקליכען קריזיס, אפשר דעם קריזיס, וועלכער איז אין פאָלק לאַנג בעקאנט מיט דעם נאמען „חבלי משיח״. און אזא קריזיס איז, פארשטעהט זיך, פארבונדען מיט שרעקליכע געפאַהרען. עס איז אַ געפאהר, אויב אלע אומות העולם וועלען אָננעהמען אונזער געשריי, אונזערע פאָדערונגען. עס איז א געפאהר אויב אלע אידען וועלען זיין פארטיג אנצונעהמען די גאולה. עס זיינען פאראן נאך טויזענד קליינע געפאַהרען. קאליע מאַכען, זאגט מען, קען א קאַטץ אויך און דאַריבער דאַרף מען זיין וואכזאַם און היטען זיך, אז די אָדער יענע געפאהר זאל ניט מאַכען צו נישט אלע אונזערע האָפנונגען. איך האָב דאריבער מיט גרוים אויפמערקזאמקייט גענומען לעזען דעם ארטיקעל אין דער אידישער וועלט פון ב״נ איד, וועלכער טראָגט דעם אויבענגעבראכטען נאָמען. איך האָב איהם איבערגעלעזען און האָב זיך געזאָגט: ווי גוט וואָלט געווען, אז די אלע איבריגע געפאַהרען וואלטען געווען עהנליך צו דער געפאהר. מיר וואָלטען דאַן גאָר ניט געהאַט צו זאָרגען אין אונזער זאך וואלט געווען פאר אונז זיכער.

ווייל די געפאַהר, פאר וועלכער דער שרייבער פון יענעם אַרטיקעל האָט זיך אזוי ערשראָקען, איז גאָר קיין געפאַהר ניט און שטעהט בשום אופן ניט אויפ׳ן וועג צו אונזער גאולה.

ווען עס איז דאָ אַ געפאַהר, בעשטעהט זי אין דעם „בלבול המושגים״, אין דער מיספערשטענדניס, וואס הערשט אין דער פראַגע, און דאָס נויטיגט מיך ארויסזאגען מיין מיינונג איבער דיעזער פראגע אום קלאָהר צו מאַכען זי און בעזייטיגען דעם „בלבול המושגים״, וועלכער עקזיסטירט אין פער־שיעדענע קרייזען פון אונזערע כלל ארבייטער, און, אזוי ווי דער שרייבער

## איז די געפאַהר פון קולטור-צענטער-ציוניזם ווירקליך אין געפאַהר?

פון ארטיקעל, בין איך אויך מוסר מודעה, אז איך וויל דאָ בשום אופן ניט פערטהיידיגען דעם קולטורעלען ציוניזם פון מר. יעקב שיף און זיינע חברים. מיט די הערדען אויסער דר. מאַגנעס בין איך גאָר ניט בעקאַנט און זייערע מיינונגען קען איך אויך ניט. מיך אינטערעסירט דער אַלגעמיי־נער שטאַנדפונקט, מיך אינטערעסירט דער קולטורעלער ציוניזמוס, ווי ער קאָן אנגענומען ווערען פון אלע שיכטען פון אידישען פאָלק, פון אלע אידי־שע כלל טהוער, ציוניסטען און ניט ציוניסטען.

דאָך ניט ווילענדיג, אין דער צייט וואס איך בין גאַנץ ווייט פון דער אידעע צו פערטהיידיגען ה׳ שיף און זיינע חברים, שטעלט זיך פאר מיר די פראַגע, צו איז גערעכט דער שרייבער, ווען ער זאָגט:

וואס מיר בעהויפּטען איז זייער ווייטקייט (פון שיף און זיינע חברים) פון די אידישע מאססען, זייער פרעמדקייט פון די נאָהענסטע אידישע אינטערעסען און אויפגאַבען מאכט זייער גרויסען איינפלוס גע־פעהרליך פאר דער אידען־פראַגע, וואס שטעהט איצט אויפן וועג צו געלעזט ווערען...

עס איז פשוט צו בעוואונדערן, ווי מענשען זעהן נאָר דאָס, וואס זיי ווילען זעהן! זיינען דען אלע ציוניסטישע פיהרער, מיט וועלכע מיר זיינען שטאָלץ, אלע אויף וועלכע מיר האָבען געלעגט און לייגען נאָך איצט אונזערע גרעסטע האָפנונגען, אלע מאָל געווען נאָהענט צו די אידישע מאסען, אלע מאָל געוועזן ניט פרעמד צו די אידישע אינטערעסען און אויפגאַבען?

איך וואלט אייך געקענט אנרופען צעהנדליגע פון אזעלכע פיהרער, נאָר עס איז מיר גענוג צו רופען דאָ די נעמען פון צוויי. דער ערשטער פון זיי איז געווען דר. הרצל ז״ל און דער צווייטער איז דער אמעריקאנער הרצל דזשאַסטיס לואי בראַנדייס.

מיט צוויי און צוואנציג יאהר צוריק האָבען מיר ניט געוואוסט פון דר. הרצל און מיט דריי יאהר צוריק פון לואי בראַנדייס, ווענינגסטענס אלס ציוניסטען. ברייננט זייער גרויסער איינפלוס אויך אַ געפאַהר אויף דער אידען־פראַגע?

איך מוז נאָך דערצו עדות זאגען, אז ווען ה׳ שיף ביי זיין רייזע

אין ארץ ישראל האָט געמוזט קוקען אויף דאס לאַנד אין איהר ענטוויקלונג מיט די אויגען פֿון אפרים כהן, האָט דר. מאַגנעס געקוקט דוקא מיט די אויגען פֿון אונזערע בעסטע כלל-טהוער אין ארץ ישראל און האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע פֿראַגען, וועלכע זיינען פֿערבונדען מיט דעם לאַנד און אונזערע האָפֿנונגען דאָרט.

עס איז א גרויסער טעות, א גרויסער פֿעהלער אָבצוטהיילען דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען ציוניזמוס. די דריי פֿאָרמען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער בעוועגונג זיינען אזוי צוזאַמענגעבונדען, אזוי צוזאַמענגעפֿלאָכטען, אז עס איז אונמעגליך זיי צו פֿארשטעהען איינע אָהן די אַנדערע. דער קולטור ציוניזם איז ניט נור א לאָגישע נויטהווענדיגקייט דערפֿון, וואס ארץ ישראל וועט זיין א אידיש לאַנד, דאס הייסט ווי דער שרייבער זאגט: א פֿריהער א אידיש לאַנד דערנאָך קולטור ציוניזמוס; נאָר ער, דער קולטער ציוניזמוס ענטוויקעלט זיך אין איינעם מיט דעם פּראַקטישען און וויל ניט און קען ניט ווארטען אויף שפּעטער. ווי עס האָבען זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע קאָלאָניען אין דעם לאַנד, האָט זיך אין זיי געגרינדעט א נעץ פֿון שעהנע שולען, ווי עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען די ערשטע געמיינדע אין יפו, איז באלד געגרינדעט געווארען דער „בית ספר עברי", אין יענער שטאָדט. ווי עס האָט זיך ענטוויקעלט א נייער אידישער ישוב אין ירושלים, יפו, חיפה, זיינען ענטשטאַנען גימנאַזיען און פֿערשיעדענע אנדערע לעהראַנשטאַלטען.

דאריבער הערשט שוין לאַנג, אפילו צווישען די עקסטרעמע קולטוריסטען, די פּאַראָלע: איהר ווילט האָבען א אידישען קולטור צענטער אין ארץ ישראל, פֿארגרעסערט און פֿארשטאַרקט דאָרט דעם אידישען ישוב. ווי איהר זעהט, ניט אַזעלכע געפֿעהרליכע מענשען, וועלכע ווילען בויען אָהן א פֿונדאַמענט, ווי דער שרייבער מיינט.

נאָר צוליעב דעם אמת מוז מען נאָך געדענקען פֿאָלגענדעס. אין דער קליינער מדינה שווייץ עקזיסטירען ניין אוניווערסיטעטען. אויף וואָס דארפֿען זיי אזוי פֿיעל? נאָר פּשוט. אין איינינע קליינע שטעדליך בויט מען דאָרט אוניווערסיטעטען אום צוציהען אהין יונגע לייט, וועלכע ברייננגען אהין לעבען, ברייננגען פּרנסה. די אוניווערסיטעטען איז ביי זיי א

סאָרט אינדאַסטריע. די זעלבע זאך האָבען מיר שוין געזעהען אין ארץ ישראל מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזער שעהנעם תל אביב, וועלכע עקזיסטירט נאָר א דאַנק דעם גימנאַזיום און אַנדערע יפו'ער לעהראַנשטאַלטען. איבער פופציג לעהרער, איבער פינף הונדערט קינדער טהיילווייזע אליין, טהיילווייזע מיט זייערע מוטערס און אַנדערע מיטגליעדער פון זייערע פאמיליען לעבען אין תל אביב צוליעב דעם גימנאַזיום. נעהמט צו די שולען פון דאָרט, און תל אביב וועט חרוב ווערען. און ווען מיר ווערען נאכפאָלגען די געדאַנקען און מיר ווערען א קלעהר טהאָן, אז אין ירושלים זאל עקזיסטירען א אוניווערזיטעט וועלכער וועט צוציהען צו זיך אַ הונדערט אָדער צוויי הונדערט פראָפעסאָרען און עטליכע טויזענד סטודענטען, וועט געוויס ירושלים אויפלעבען ניט נאָר מאָראַליש נאָר אויך עקאָנאָמיש און דאָס וועט זעהר פיעל בייטראָגען צו פערפעסטיגען אונזער לאגע אין לאַנד און מאַכען ארץ ישראל פאר א אידישעם לאַנד.

און אז איך דערמאָהן זיך אויף שעהנע שולען אין אונזערע קאָלאָניען, אז איך דערמאָהן זיך אויף די פיער גימנאַזיען אין די שטעדט (אַ דאָפעלטע אין יפו מיט אַכט הונדערט קינדער, אין ירושלים און א רעאל שוהלע אין חיפה), אז איך דערמאָהן זיך אויף אונזערע לעהרער סעמינאַריען אין ירושלים און יפו, אויף אונזערע ספעציעלע שוהלען, ווי די אקערבוי שוהלע קרית ספר, די אגראנאָמישע שוהלע אין פתח תקוה, בצלאל און אנדערע, וואונדער איך זיך מיט וואס האָט זוכה געווען דער טעכניקום אין חיפה, אז דער שרייבער פון דעם ארטיקעל זאל איהם האלטען אלס פארבילד פון קולטור ציוניזמוס. דאס איז איין איינצעלנער עפיזאָד אין אונזער געשיכטע און איז בשום אופן ניט כאַראַקטעריסטיש. ווען דער טעכניקום איז ארויסגעריסען געוואָרען פון אונזערע הענד, האָט דאָס גאָר נישט צו טהאָן מיט דער פראַגע פון א קולטור צענטער אין ארץ ישראל. דאס זיינען שולדיג אין דעם אונזערע פארשטעהער, וועלכע האָבען זיך צופיעל אנפערטרויט דעם הילפס־פעראיין. אונזערע רוסישע חברים האָבען שוין לאנג אַ שוואכקייט נכנע צו ווערען פאר די וועסט אייראָפעאישע אידען, אזוי איז געווען אמאָל מיט דעם בית הספר ביפו, ווען די רוסישע אידען האָבען געגעבען דאס געלד און די אלליאַנס דעם דירעקטאָר. אזוי, אדער אונגעפעהר

אזוי, איז געווען איצט מיט דעם טעכניקום. מען דארף האפען אז די צוויי לעסאָנס וועלען זיי מאַכען פארזיכטיגער. איך מוז שוין אבער דערביי בעמערקען, אז מיר ארץ ישראל׳ער פערשטעהען די זאך בעסער. אין אונזערע קאָלאָניען האָבען מיר געקעמפפט גאַנץ ענערגיש גענען פרעמדע אפטרפסות. א רייכער מאַן, הערר מאָזער פון ענגלאַנד, האָט זעהר פיעל בייגעטראָגען צום בויען פון יפו׳ער גימנאַזיום. זי איז אין גאנצען אויסגעבויט אויף זיין געלד, און זיין אפטרפסות אויף דער אַנשטאַלט איז ניט קענטיג. וואהרשיינליך וועט מען אין דער צוקונפט אויך קענען אויסליידען די אפטרפסות, פאר וועלכע דער שרייבער פון ארטיקעל האָט מורא און ווארנט די וועלט. דערצו דארף מען ניט פארגעסען אז א גרויסע טהייל פון די קאָלאָניען האַלטען אוים זייערע שולען אויף זייער אייגענער רעכענונג און דער קולטורעלער ציוניזמוס איז איבערהויפט מיט אפטרפסות גאָר ניט פערבונדען.

דער קריעג צווישען פראַקטישע און קולטורעלע ציוניסטען וואלט דאן געהאַט א זין, ווען מיר וואָלטען געקענט, ווען ניט מיט איין שיף כאָטש אין איין אָדער צוויי יאהר אריבערפעקלען אין ארץ ישראל אלע פערצעהן מיליאָן אידען. דאן וואָלטען מיר געקענט ברוגז זיין אויף איינעם פון אונז, ווען ער זאל זאָגען: איך וויל ניט געהען אין ארץ ישראל, איך וויל בלויז האָבען דאָרט גימנאַזיען און אוניווערזיטעטען. איך מיין אז קיינער איז ניט אזוי נאַאיוו און דענקען, אז אלע אידען זאלען קענען מיט איין מאָל אריבערפאָהרען אין ארץ ישראל. און דאן בעקומט די פראגע א גאַנץ אַנדערע בעלייכטונג.

לאָמיר אננעהמען, אז אום זיין א פאָליטישע מאַכט אין ארץ ישראל, אום מיר זאלען קענען זאגען, אז די היים פון דער אידישער נאַציאָן איז ארץ ישראל, דארפען מיר דאָרט האָבען וועניגסטענס דריי מיליאָן אָדער, אז איהר ווילט, צוויי מיליאָן אידען. איצט זיינען מיר אין דעם לאַנד נאָר דרייסיג טויזענד; וויל א זיעבציג טויזענד אידען, וועלכע זיצען אין אונזער לאַנד, געהערען צו דעם אַלטען ישוב, וועלכע נעהמען דערווייל, א חוץ קליינע אויסנאַהמען, קיין טהייל אין אונזער נאַציאָנאַלער ארבייט. מיר זיינען נאָך ניט מעכטיג פאָליטיש, אבער יעדער וועט מוזען צוגעבען, אז מיר דיענען שוין אלס קולטורעלער צענטער פאר דעם אידישען פאָלק.

## איז די געפֿאַהר פֿון קולטור-צענטער-ציוניזם ווירקליך אין געפֿאַהר?

די אויפֿלעבונג פֿון דער העבּרעאישער שפּראַך איז געשעהען אין ארץ ישראל; אין אונזערע גימנאַזיען, לעהרער סעמינאַריען און אַנדערע לעהר אַנשטאַלטען ציהען זיך יונגע לייט פֿון אַלע גלות לענדער. צוריק ווערט אַ לעהרער, וועלכער קומט פֿון ארץ ישראל, אַנגענומען מיט גרויסען פֿאַרצוג אין די שולען פֿון חוץ לארץ.

ווען מיר וועלען זיין הונדערט טויזענד וועט אונזער איינפֿלוס זיין נאָך גרעסער. עס וועלען צוקומען נאָך שולען, נאָך גימנאַזיען, פֿילליכט שוין אַ אוניווערזיטעט. און ווען מיר וועלען זיין אין ארץ ישראל אַ האַלבער מיליאָן, וועלען מיר שוין אַלע אונזערע העבּרעע שולען, די אוניווערזיטעטען, אַקאַדעמיען אויסהאַלטען אויף אונזער אייגענעם חשבון, מיר וועלען שאַפֿען אַ נייע ליטעראַטור, אַ נייע אידישע וויסענשאַפֿט, די אידישע, די אמת אידישע, שפּראַך וועט פֿאָלשטענדיג זיעגען און וועט זיין גערעדט פֿון אַ האַלבען מיליאָן מענשען. קיין בעדייטענדע פּאָליטישע מאַכט וועלען מיר נאָך ניט זיין. אבער עס איז קיין צווייפֿעל אז ארץ ישראל וועט שוין זיין דער קולטור צענטער פֿון אידישען פֿאָלק.

נאָר ענדליך וועט שוין קומען דער טאָג, אין וויפֿיעל יאהר ארום נעהם איך זיך ניט אָן אויסצורעכענען, אז מיר וועלען זיין אין ארץ ישראל אזוי פֿיעל, אז אַלע וועלען שוין מוזען אַנערקענען אז ארץ ישראל איז דער אידישער היים, לאָמיר זאָגען למשל צוויי מיליאָן. וואו וועלען זיין די איבּריגע צוועלף מיליאָן? די איבּריגע וועלען נאָך זיין צוזעעט און צושפּרייט אין די גלות לענדער. און עס איז נאָך אַ סברה, אז ביז וואַנען אין ארץ ישראל וועלען זיך אַנקלייבּען צוויי מיליאָן, וועט די צאָהל אידען אין די גלות לענדער ניט ווערען קלענער, נאָר אפשר נאָך גרעסער. וואס וועט זיין ארץ ישראל פֿאַר די אידען וועלכע וועלען נאָך בּלייבּען אין די גלות לענדער? וועט זי פֿאַר זיי ניט זיין נאָר אַ קולטור צענטער? ארץ ישראל וועט זיין פֿאַר די אידען אין דער גאַנצער וועלט דאָס, וואָס רוים איז פֿאַר אַלע פֿרומע קאַטאָליקען, דאָס וואָס מעקקאַ פֿאַר אַלע מחמדאַנער, דאָס וואָס אתונא פֿאַר אַלע גריעכען, וועלכע זיינען פֿארשפּרייט אין פֿערשיעדענע לענדער אין אַ גרעסערער צאָהל ווי זיי זיינען אין גריכענלאַנד אליין. אונזער צענטער וועט שפּיעלען פֿאַר אונזער פֿאָלק נאָך אַ גרעסערע ראָלע,

ווייל ער וועט זיין ניט נאר א רעליגיעזער ווי רוים און מעקקא, נאר אויך א נאציאנאלער, און ניט נאר א נאציאנאלער, ווי אתונה ביי די גריעכען נאר אויך א רעליגיעזער. טויזענדער יונגע לייט פון אלע לענדער וועלען פאהרען לערנען אין די ארץ ישראל'דיגע שולען אין אוניווערזיטעטען, ארץ ישראל וועט געבען פאר אלע גלות לענדער רבנים און לעהרער. די פערהעלטניסע צווישען די אידען פון דעם לאנד און די אידען פון דער גאנצער וועלט וועלען זיין ענגע, אינטימע, אלל-טעגליכע.

און חלילה צו מיינען אז די ארץ ישראל'דיגע אידישע בעפעלקערונג וועט זיך אבשטעלען ביי די אבענגענאנטע צוויי מיליאן: ניין! ארץ ישראל וועט אייביג אויסאיבען אויף די אידען פון די גלות לענדער איהר אנציהונגס קראפט. ארץ ישראל וועט זיין פאר אידענטהום דאס, וואס אמעריקא איז פאר דער גאנצער וועלט, א צופלוכטס-ארט פאר די אלע, וועלכע פיהלען זיך ניט בעקוועם אין זייערע היימאטהלענדער. די אידישע בעפעלקערונג וועט אין איהר האלטען אין איין וואקסען און שליעסליך וועט טאקי ווערען דאס לאנד דער אמת'ער אידישער היים. נאר ביז יענער צייט וועט זי זיין דער קולטור צענטער פון אידישען פאלק.. און איך פערזענליך מיין נאך, אז ווען מיר וועלען שוין האבען פערצעהן מיליאן אידען אין ארץ ישראל אין נאכבארלענדער, וועלען מיר נאך האבען צוויי מאהל אדער פיעל מאל מעהר אין די גלות-לענדער.

דער שרייבער פון ארטייקעל בעהויפטעט אז „דאס אידישע פאלק האט דערווייל א קנאפען אינטערעס פאר גימנאזיען און אוניווערזיטעטען אין העברעאיש.'' פון וואנען וויים ער דאס? אויף וואס זיינען באזיערט זיינע בעהויפטונגען? איך מיין, אז די זאך איז גאנץ פערקעהרט. ווען מיר זאלען אורטהייען נאך דער ציוניסטישער טהעטיגקייט אין די לעצטע יאהרען, וועלען מיר זעהען, אז א גרויסער טהייל פון איהר איז געווידמענט די גימנאזיען אין יפו, און ירושלים, דער רעאלשולע אין חיפה, דעם בצלאל און אנדערע זאלכע קולטורעלע אינסטיטוציעס. אויף דעם לעצטען קאנגרעס האט מען פראקלאמירט די נויטהווענדיגקייט פון א אוניווערזיטעט אין ירושלים. דער עולם איז געוועזן זעהר בעגייסטערט און האט אנגעהויבען געבען דאס נויטהייגע געלד צום פאנד. און פארוואס זאל

# איז די געפאהר פון קולטור-צענטער-ציוניזםווירקליך אין געפאהר?

מען זיך נארען? עס איז א סברה אז ביזנעס מאכט מען אפשר בעסערע אין אמעריקא, ווי אין ארץ ישראל. און ווען די ארץ ישראל'דיגע אידען וועלען בעד כל הון דעלמא ניט פערבייטען זייער לעבען דארט אויף דעם לעבען אין אמעריקא, איז דאס צוליעב דער אידישער סביבה. צוליעב דער אידישער קולטור וועלכע הערשט נאך אין ארץ ישראל.

עס איז שוין לאנג געזאגט געווארען אז ארץ ישראל איז אונז נויטיג ניט צוליעב די צרות פון אידען, נאר צוליעב די צרות פון אידענטהום. דאס איז נאך וויכטיגער איצט נאך דער רוסישער רעוואלוציאן. די מאטעריעלע לאגע פון די רוסישע אידען וועט געוויס בעסער ווערען און זי וועט זיי מעהר ניט צווינגען צו זוכען פרנסה אין ארץ ישראל. איצט ווערט נאך גרעסער דער ווערטה פון אונזער לאנד אלס קולטורעלער צענטער פון אידישען פאלק און נאר אין נאמען פון אזא צענטער קענען מיר מאכען פראפאגאנדא פאר דעם לאנד אונטער אלע שיכטען פון אידישען פאלק.

עס קען גאר זיין, אז דער אידישער היים אין ארץ ישראל וועט זיין א נויטהווענדיגע פאלגע פון דעם אידישען קולטור צענטער דארט און ניט פארקעהרט, ווי עס מיינט דער שרייבער.

דערווייל דארף מען האבען אלעס אין זינען און ניט זיין ברגז אויף די, וועלכע זיינען אפשר אביסל צו שפעט צו אונז געקומען אדער האבען ניט אנגענומען דאס גאנצע באזעלער פראגראם. דאס לעבען און די אומשטענדען זיינען שטארקער פון אלע פראגראממען!

איך האב שוין זאגאר געהערט פון א פראמינענטען ציוניסטישען טהוער און רעדנער די פערגלייכונג פון די מענשען מיט די שמרונים פון דער צייט פון זרובבל, וועלכע מען האט דאן דוחה געווען מיט ביידע הענד. עס איז שווער צו אורטהיילען, וואס דאן איז פארגעקומען און עס זיינען פאראן סך היסטאריקער וועלכע מיינען, אז דאן האבען אונזערע עלטערן אויך בעגאנגען א גרויסע עולה.

נאר איצט איז אזא פערגלייכען פאזיטיוו ניט פאליטיש און שעדליך. ביי איצטיגע אומשטענדען זיינען אונז אלע טהייער, מיר טארען קיינעם ניט צוריקשטויסען. פון דעם אויסערען זיך פון שיף'ן און זיינע חברים איז אונזער נאציאנאלע ארבייט אבסאלוט ניט אין געפאהר און מען דארף נאך ניט שלאגען טרעוואגע און שרייען מיר זאלען זיך היטען!